STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00154

# A YIDISHER BLIK OYF BETHOVN

K. Fiszbin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Emma Lazaroff Schaver*
*in memory of*
*her husband, Morris Schaver*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

**עקיבא פישבין**

---

# אַ יידישער בליק אויף בעטהאָוון

עקיבא פישבין

# א יידישער בליק אויף בעטהאוון

תשמ"ד פאַריז 1984

K. FISZBIN

# UN REGARD JUIF SUR BEETHOVEN

הילע און צייכענונג פון בעטהאָוון :

**משה׳קע באָהעלפער - באַגעל**

© Copyrigt by K. Fiszbin
51, rue Doudeauville - 75018 Paris

אין ליכטיקן אָנדענק

פון מיין

**טאַטע - מאַמע**

**זיידעס** און **באָבע,**

**פעטערס** און **מימעס**

און

**זייערע משפחות.**

אין ליכטיקן אָנדענק

פון מיין

**פרויס מוטער,**

**שוועסטער** און **ברידער,**

און

**זייערע משפחות —**

אומגעבראַכטע,

**דורך דעם דייטש-נאַציישן אַנטי-מענטש,**

**על קידוש השם.**

אַ מתנה —

פאַר מיין פרוי פעלאַ,

פאַר דורית — אונדזער טאָכטער,

פאַר דעם קליינוואַרג אונזעריקן —

ליאורה׳לע און דיקלה׳לע,

מיט ליבשאַפט.

# א װאָרט אויף פֿאַרױס

מיטן איבערגעבן אַ בוך דעם ייִדישן לייענער װעגן בעט־האָװן — װאָס איז דער מחבר אויסן ?

צװיי זאַכן.

ראשית, װײַל ער סתם אַ רעדט טאָן װעגן דעם גרויסן מענטש, און דאָס דווקא אויף מאַמע־לשון, הגם ער װייסט, װי מוראדיק שנעל ס׳רוקן זיך די װײַזערס אויפֿן זייגער פֿון ייִדיש און װי שרעקלעך שפּעט ס׳װערט די שעה פֿון אונזער שפּראַך.

קומען הײַנט, מיט אַ בוך װעגן בעטהאָװנען צו ייִדן, נאָכן גרויסן חורבן, װען די ריזן־לייענערשאַפֿט אונזערע, די דורשטיקע נאָך װיסן פֿון שטעט און שטעטלעך, איז פֿאַר־טיליקט געװאָרן — איז אפשר, אין אַ געװיסער מאָס, אַ שטות. האַלט אָבער דער מחבר, אַז דאָ קומט צו פֿאַרגיטיקן אַן עװלה פֿון צײַטן, װען געשטאַנען איז אונזער מאַמע־לשון אין די פּעדערן.

בעטהאָװן, דער שם דבר בעולם הנגינה, אָבער פֿאַר אַלעם — די זעלטענע מענטשלעכע שטימע האָט צו אונזערע פֿען־מענטשן (בתוכם בעברית) קיין גרויס מזל נישט געהאַט. עד היום האָט מען זיך בײַ אונדז ייִדן מיט אים װינציק פֿאַרנומען.

פאַרוואָס אַזאַ גייסטיקער ריז האָט אין דער יידישער שרייבער־וועלט נישט אַרויסגערופן קיין אינטערעס — פאַר־בלייבט אַ סוד!

בעטהאָוון, דער מוטיקער קעמפער, וואָס קען נישט קיין קאָמפּראָמיסן, ווען ס׳קומט צו פאַרטיידיקן דעם כבוד ה־מענטש, איז אַ לייכט־טורעם, וואָס איז מכוון אין די פינצטערע מאָמענטן פון לעבן. ער איז דער קוואַל וואָס גיט פרישקייט און בטחון. ווי אונזער פאַרצייטיקער נביא אַנטפּלעקט ער דעם באחרית הימים, ווען „אַלע מענטשן ווערן ברידער!״. ער מונטערט דעם מענטשלעכן שטאַם, ער רופט צו אים, אין זיין „9־טער״ — „זייט געאַרעמט מיליאָנען!״, מיט תמימות גיט ער „דער גאַנצער וועלט אַ קוש!״.

איז דעריבער, לפי עניות דעת המחבר, אַ שמועס טאָן וועגן בעטהאָוונען, דעם מעכטיקן בעל־יצירה, וואָס איז אַ גאַנצער מושג, אַ הומאַניסטישער — פאַר אונזער לשון אַ כבוד!

והשנית, וואָס האָט געבערענגט דעם מחבר צו קומען מיט זיין בוך צו יידן? דער ווילן צו טיילן מיטן יידישן לייענער מחשבות און נאָכטראַכטונגען מכוח דעם שורש פון בעטהאָווענס הומאַניזם.

דער הומאַניסטישער האַריזאָנט פון בעטהאָוונען (געב. 1770 — 1827) פורעמט זיך אויס אין לויף פון די ערשטע 22 יאָר, ווען ער האָט געלעבט אין זיין געבוירן־שטאָט באָן. אונטער דעם וואַכן בליק פון דער אַרטיקער פּראָגרעסיווער עליטע איז בעטהאָוון געוואָרן אַ מענטש און אַ קינסטלער.

נעמט מען אַרום די יוגנט־יאָרן פון גאון מיט אַ יידישן בליק; נישטערט מען דורך זיין סביבה, ווו ער האָט זיך

אויסגעכאַוועט; קוקט מען זיך אַרום איבערן קולטור־פּייזאַזש פון דער ווייטערער פעריפעריע וואָס האָט משפיע געווען די בעטהאָוון־סביבה אין באָן — דערוועקט זיך ביים יידישן באַאָבאַכטער אַ פראַגע: איז מעגלעך, אַז די הומאַניסטישע אויספורעמונג פון יונגן בעטהאָוון זאָל האָבן אַדורך אָן יידי־שע השפעות?

ווייל אין תוך, קומט דאָך עפעס פאַר אַזעלכעס בשעתו אין דער יידישער סביבה אין אשכנז, וואָס האָט אַן אָפּקלאַנג אינעם גאַנצן פראָגרעסיוון דייטשנטום, און דער עיקר — אינעם פאָרגעשריטענעם באָן.

דהיינו?

ס׳קומט אויף די יידישע השכלה. ר׳ משה מענדעלסאָן מיט זיין ליטעראַריש־פילאָזאָפישער פעילות דערהויבט דאָס בילד פונעם ייד ביי דער פיינערער דייטשער געזעלשאַפט. דער פאָרגעשריטענער קריסט דערפילט אינעם געררודפטן יידישן מענטש אַ קערנדיקן אינטעלעקטועלן כוח. די נאָבעלע שטימע פון ר׳ משה מענדעלסאָן צעגייט זיך איבער גאַנץ אייראָפּע. צו זיינע פאָרגעשריטענע השקפות לייגט צו די וועלט אַן אויער. די קריסטלעכע פראָגרעסיווע געזעלשאַפט האָט באַנומען די אומזיניקע לאַגע פון רעכטלאָזן ייד, און די דייטשע השכלה לאָזט הערן איר וואָרט לטובת דעם יידישן מענטש; זי וואָרעמט אויס ביי אים האָפענונגען אויף רעכטן. זי שטעלט איין אַ האָניג־פעריאָד אין די דייטש־יידישע באַציאונגען.

מען דאַרף אונטערשטרייכן — אַ ביסל שפעטער, נאָך דער תקופה פון אידעאַליזם און הומאַניזם אין דייטשלאַנד, בימי די דייטשע ראָמאַנטיקער — די שונאי ישראל — וואָלט די יידישע השכלה נישט אויפגעקומען.

די רייכע בעטהאָוון־פאַרשונג (אין אַלע שפּראַכן) האָט דאָס יידישע פּנים פון דער דייטשער אידעאַליסטישער באַוועגונג פאַרזעז און פאַרשוויגן. מסתמא האָט זיך יעדער איינער פאַרשער באַזונדער געהאַט זיינע סיבות.

היות ווי די בעטהאָוון־פאַרשונג מאַכט אַ שוויג וועגן יידישן אַספּעקט — הייסט עס, אַז דער יידישער גורם האָט מיט גאָרנישט משפּיע געווען בעטהאָווגס מענטשלעכן בליק אויף דער וועלט ?

בעטהאָוון איז דאָך אַ קינד פון דייטשן אידעאַליזם און הומאַניזם — אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויף איר שטייגער געוואָלט מאַכן די וועלט פאַר אַ לייט ! זי האָט געוואָלט, אַז אַלע מענטשן זאָלן ווערן ברידער !

נו, איז אויב די בעטהאָוון־פאַרשונג איגנאָרירט דאָס יידישע פּנים פון דייטשן הומאַניזם — הייסט עס, אַז דער יונגער גאון האָט קיין ידיעה נישט געהאַט וועגן יידן ? זאָל ער גאָרנישט האָבן געוווסט וועגן דער נויט פון יידישן געטאָ ? זאָל ער וועגן געראַנגל פון ייד פאַר מענטשלעכע רעכטן, געשטיצט פונעם פּראָגרעסיוון דייטשנטום, נישט האָבן געהערט ?

עפּעס לייגט זיך דאָס גאָרנישט אויפן שכל.

הקיצור. דאָס בוך, וואָס דער מחבר קומט ברענגען פאַרן יידישן לייענער — וואָס איז נישט קיין ביאָגראַפיע און אויך נישט קיין מוזיקאַלישע פאַרשונג — איז אַ באַשיידענע קולטור־היסטאָרישע אַרבעט; אַ פּרווו צו פאַרטראַכטן זיך מכוח די אויבן אַרויסגערוקטע פראַגן.

דער לייענער וועט דאָ געפונען, אויף גיך, אַ געצייכנטן פּראָפיל פון בעטהאָווגען, דעם מענטש און קינסטלער. יעצט,

איידער מען גייט מיט אַ יידישן בליק אַרומנעמען די יונגע יאָרן פון בעטהאָוון, איידער מען טוט אַ נישטער אין זיין סביבה, איז אינטערעסאַנט געווען זיך אַריינצוכאַפּן אין דעם שכנותדיקן ענגן יידישן געסל פון געטאָ אין באָן — ווייל אויך פון דאָרט האָבן זיך געצויגן פעדעמס צו אַ געוועב. וואָס האָט דעם יונגן גאון אַרומגענומען מיט קולטור און דערציִאונג.

בסופו של דבר זאָל באַמערקט ווערן — דאָס בוך איז נישט קיין שטרענגע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, אַלאַ אַ מין פערזענלעכע רעפלעקסיע באַהאַנדלט אויף אַ פּאָפּולערן אופן. דעריבער, דער אָפטער נאַראַטיווער טאָן, די נישט אָפּגע־היטנקייט ביים אָנווייזן די מקורות. דער מחבר איז יוצא געווען מיט אָנגעבן, ביים סוף פון בוך, די ביבליאָגראַפיע, וואָס האָט געדינט צו זיין אַרבעט.

# דער מענטש – דער קינסטלער


m. bagel

„אַ מחבודד אויף אַלע וועלט ירידן,
אין פּאַלאַץ, אין געצעלט
געשטעלט
דעם טראָפּ אויף דער וועלט“.

**ישראל־חיים בילעצקי.**

„אינעם קול הערט מען דאָס האַרץ פונעם מענטש...“.

**עלי שעכטמאַן.**

„יעדער איינציקער קלאַנג איז געשריי,
בלויז אַלע צוזאַמען געזאַנג — “.

**דוד ספּאַרד.**

פאַראַן ביי אַ מענטשן טיילמאָל עפּיזאָדן אין לעבן, וואָקסן זיי אויס צו אמתע סימבאָלן. צו אַזאַ סימבאָל דערהויבט זיך דער פאָלגנדער עפּיזאָד.

געשען איז דאָס אינעם טאָג פון 26־טן מערץ 1827.

מילא, אַ וועטער איז אין יענעם טאָג געווען — אַ הונט אַן עבירה אַרויסצוטרייבן אין גאַס. דער הימל, אַ באַלאָדענער מיט שווערע פינצטערע כמאַרעס, האָט זיך געטוליעט צו דער ערד, גלייך ווי דווקא ביי דער זינדיקער ערד וואָלט דער הימל יעצט געזוכט אַ ישועה. די גאַסן זענען געווען פאַרקאָוועט מיט אַ דיקן פאַרהאַרטעוועטן שניי. דער קאַלענדאַר, אמת, האָט שוין אָנגעוויזן זייט אַ וואָך דעם פרילינג; אין גאַס איז נאָך אָבער געווען כסדר טיפער ווינטער.

אין דעם טאָג איז לודוויג וואַן בעטהאָוון געלעגן אין גסיסה.

אַרום פיר־פינף אַ זייגער נאָך מיטאָג איז געוואָרן שטאָק פינצטער; און צו להכעיס אַלע קאַלענדאַרן האָט זיך אַ מאָך געטאָן אַ זאַווערוכע, אַז די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט.

דער אָרעמער צימער פונעם איינזאַמען גוסס איז געוואָרן איינגעטונקען אין חשכות.

מיט אַמאָל איז פאָרגעקומען עפּעס אַ מאָדנע זאַך; אַזעלכעס טרעפט זעלטן בעת אַ שניי־זאַווערוכע.

דהיינו?

ס׳האָט אַ בליץ געטאָן!

אַ פייער האָט צעריסן דעם הימל און אַרומגעכאַפּט מיט אַ שאַרף העל ליכט דעם גוסס מיט זיין בעט. נאָכן בליץ האָט זיך דערהערט אַ דונער; — דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער טראַמאַסק! דער קנאַל האָט דערשיטערט די גאַנצע סביבה.

אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע דערציילט אונז אַנסעלם היטענברענער, דער איינציקער עדות וואָס האָט געוואַכט ביים מוזיקערס בעט.

גלייך נאָכן מוראדיקן בליץ און דונער, האָט בעטהאָוון פּלוצלינג

געעפנט די אויגן, ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט און ער האָט אויסגעביילט אַ פויסט!

עפעס האָט דאָס געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די פויסט וואָלט בעטהאָוון אויסגעביילט צום שטורעמדיקן הימל, ווי ער וואָלט יעצט, נאָך צום לעצטן מאָל, זיך קעגן געשטעלט אַלע פינצטערע כוחות פון דער וועלט. דעם מוזיקערס פנים איז געוואָרן שאַרף און דראָענדיק — אַט, אַט וועט בעטהאָוון אַ געשריי טאָן:

— שדים! אין אייער רו זאָלט איר גיין!

און, ווי אַ פעלד־מאַרשאַל אויפן שלאַכט־פעלד, וועט ער אַ רוף טאָן:

— חברה, פאָראויס! פאַרלאָזט אייך אויף מיר! מיר וועלן זיי אַלע גובר זיין!!!

די דאָזיקע סצענע האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר סעקונדן — האָט אַנסעלם היטענברענער דערציילט דעם אַמעריקאַנער בעטהאָוון־פאָרשער און ביאָגראַף, טייער. (1)

ווען בעטהאָוונס רעכטע האַנט — די געביילטע! — איז אין אַנמאַכט אַוועקגעפאַלן אויפן בעט, האָבן זיך זיינע אויגן האַלב פאַרשלאָסן — שוין אויף אייביק. און ס'האָט אַ סוף גענומען צום לעצטן געראַנגל פון אַ מענטש, אַ בעל־יצירה, וועמענס לעבן און שאַפן איז געווען איין גרויסער קאַמף!

***

בעטהאָוון געהערט צו די יעניקע שעפערישע ריזן פון וועלט־פאַנטעאָן, וואָס מיט די יאָרן ווערט שטאַרקער זייער אַטראַקציע. מיט דער צייט באַקומט די אימפּאָזאַנטע בעטהאָוון פיגור אַ פיל שאַרפערן רעליעף. בעט־האָוון איז אפשר פון די זעלטענע מוזיקער, און זיכער פון די געציילטע שעפער אין דער קונסט, וואָס באַשעפטיקט גאַנצע דורות פאָרשער, פּראָ־פעסיאָנאַלע מוזיקער, מעלאָמאַנען און סתם נייגעריקע קולטור־מענטשן.

מכמה, כמה יאָרן ווערט אונטערגעוואָרפן דער קלענסטער פּרט פון בעטהאָוונס לעבן און שאַפן אַ גענויערע חקירה ודרישה. יעדעס פאָר־

---

1. Alexander Wheelock Thayer, Ludwig v. Beethovens Leben.

נאַטירטע וואָרט זיינס, דער קלענסטער גביעת עדות וועגן אים — אַלץ ווערט געפּאַרשט און, ווי מיט רענטגען־שטראַלן, דורכגעלויכטן.

און די בעטהאָוון־פאָרשונג איז ווייט נישט געענדיקט. ס׳באַווייזן זיך כסדר אַלץ נייע פאָרש־אַרבעטן, וואָס העלפן בעסער אונז געבן צו פאַר־שטיין זיין לעבן און זיין ווערק.

צו דער זעלבער צייט הערט נישט אויף צו וואַקסן די מחנה חסידים פון זיין מוזיק. עפּעס לעבן מיר אין אַ וועלט פון ציפערן און רעקאָרדן, איז ווערט צו באַמערקן, אַז לויט דער סטאַטיסטיק, האָט בעטהאָוונס מוזיק די גרעסטע צאָל הערער.

בעטהאָוון האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינעם אַ פריינד:

— אויב פאַרשטייט מען מיך נישט היינט, וועט מען מיך אין יאָרן אַרום פאַרשטיין!

היינט קלינגען די ווערטער פון דעם גאון נביאיש!

פרעגט זיך אַ קשיא: — פון וואַנען די גרויסע אַטראַקציע פון דער בעטהאָוון־געשטאַלט? פון וואַנען נעמט זיך דער דראַנג צו זיין מוזיק?

פאַר אַלעם דאַרף מען דערויף ענטפערן: — בעטהאָוונס קלאַנגען רעדן צום האַרץ פונעם מענטש!

זייט די געפלעגטע מוזיק איז אַרויס פון אונטער דער שליטה פון קירכע און סאַלאָן, זייט זי האָט אויפגעהערט צו זיין די אַבסאָלוטע פּריי־ווילעגיע פון די רייכע, און אַריין אינעם רשות הרבים, זייט די מוזיק איז געוואָרן דער קולטור־גענוס פון מיליאָנען — זייט דאַן, איז בעט־האָוונס יצירה אַ קוואַל פון טרייסט, אָפּטימיזם און אַ סטימול צו אַקטיווער האַנדלונג.

אין דער הקדמה צו זיין פיל־בענדיקער בעטהאָוון־פאָרשונג — „די גרויסע יצירה תקופות״ (1) — דערציילט ראָמען ראָלאַן, אַז בזמן דער צווייטער וועלט־מלחמה, בשעת זיינע מאָמענטן פון דעפּרעסיע, איז די בעטהאָוון־מוזיק פאַר אים געווען אַ מאָראַלישער אָנשפּאַר און אַ שטראַל פון האָפענונג.

---

1. Romain Rolland, Les grandes époques créatrices.

ס'איז די אייגנשאַפט פון גייסטיקע ריזן צו באַגלייטן דעם בן־אדם אויף זיין שווערן גוראַנגלס־וועג צו דער גאולה! די דאַזיקע ריזן דער־שיינען, ווי דער עמוד האש פונעם מדבר. מיט זייער מאָנומענטאַלער יצירה העלפן זיי אויסטרעטן אַ וועג אין דער צוקונפט אַריין. זיי דער־נענטערן דעם באחרית הימים!

די דאַזיקע טיטאַנען פון גייסט לייגן אַ שטעמפּל אויף זייער צייט און גייען אַריין אין דער אייביקייט!

איינער פון די דאַזיקע זעלטענע ריזן איז לודוויג וואַן בעטהאָווען. זיין עקזיסטענץ אין אייביקן קאַמף, זיין גוראַנגל פאַרן מענטשלעכן כבוד און גליק, זיין הערויאיש לעבן און שאַפן האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל פון דער ליידנדער מענטשהייט.

בעטהאָוון איז אַ קינסטלער, וואָס קען גובר זיין זיין אייגענעם פּיין און, אַדורך די מויערן פון איזאָלאַציע, ברענגט ער דעם מענטשלעכן מין די בשורה פון פרייד און האָפענונג.

„איך בין דער באַקכוס וואָס דערלאַנגט דעם טייערן נעקטאַר דעם מענטשן!" — שרייבט בעטהאָוון צו אַ פריינד.

אונטערטראָגן פאַרן מענטשלעכן שטאַם דעם טייערן לעבנס־נעק־טאַר — דאָס וועט זיין די אימפּעראַטיווע מיסיע פון דעם מוזיקער.

בעטהאָוון, וואָס האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געקעמפט פאַר גליק, האָט דאָך בסך הכל, פון דעם דאָזיקן וועזנטלעכן לעבנס־עלעמענט נישט טועם געווען אין דער מינדעסטער מאָס. אין זיין פּריוואַטן לעבן איז ער געווען איינזאַם און אומגליקלעך. אייביק צעקריגט מיט זיינע נאָענטע קרובים. פיזיש, האָט ער אַלע זיינע יאָרן געליטן יסורים. זיין אַבסאָלוטע טויבקייט (ער איז טויב געוואָרן ערב זיינע 30 יאָר) האָט אים אָפּגעטיילט, ווי מיט אַ וואַנט, פון דער מענטשלעכער סביבה. און בעטהאָוון, דאַרף מען וויסן, האָט זעלטן ליב געהאַט באַציאונגען מיט מענטשן. היינט, דער צוגעוואָרפענער גט זיינער דער ווינער אַריסטאָקראַטיע, זיין ריס מיט זייער לעבנס־פילאָזאָפיע, און עסטעטישע געשמאַקן, מיט זייערע באַגריפן און השגות — דאָס האָט אים אָפּטמאָל געפירט צו דחקות און נויט.

בעטהאָווען איז אָן שום צווייפל אַ טראַגישע פיגור, ער איז אָבער קיינמאָל נישט קיין פאַרצווייפלטער מענטש!

דער מוזיקער, דער גאון, האָט פאַרזוכט אַלע ליידן און פּיינען פון דער וועלט. אָבער, נאָכן דערגרונטעווען די דעק פון אַלע זיינע צרות, נאָכן אויסשעפּן אַלע קוואַלן פון ווייטיק און אַנטוישונג, גייט ביי אים אויף אַ נצחון־געזאַנג איבער דעם אומגליקלעכן און פאַרשאָלטענעם גורל זיינעם.

זיין געמאַטערטער לעבן איז אַ העראָאיש־דראַמאַטישער געראַנגל!

„ווען דער גורל קלאַפּט אין מיין טיר, כאַפּ איך אים אָן ביים האַלדז!" — שרייבט דער טיטאַן פון געראַנגל, דעם 16־טן נאָוועמבער 1801, צו זיין פריינד וועגעלער; בעטהאָווען איז אים מודיע וועגן די אָנגריפן פון טויבקייט.

געננוי ווי זיין לעבן, אַזוי איז אויך זיין מוזיק. זי איז אַ קלאַנג־עפּאָפּייע פון קאַמף!

בעטהאָווען, דער מענטש פון יסורים, געראַנגל און אויסדויער, ער האָט אין זיין קינסטלערישער שאַפונג געברענגט דעם גייסט פון זיין צייט. אין דער בעטהאָווענישער קונסט גייט אויף אַ נייער קול מבשר. דאָס איז דער פּאַטעטישער רוף פונעם רעוואָלוציע־פלאַקער פון זיינע יונגע יאָרן, דאָס איז דאָס האָפּערדיקע ליד פון אַ נייער פרילינגס תקופה.

מאָדנע — נישט געקוקט אויף אַלע שווערע אַנטוישונגען און, אויף צו להכעיס דעם הוראַגאַן פון זיין צייט, וואָס איז אויסגעווייקט געוואָרן אין מענטשלעכן בלוט, האָט בעטהאָווען דעם טאָן פון זיין קונסט נישט געענ־דערט. פאַרקערט! ער איז געטריי געבליבן צו די דערהויבענע אידעאַלן פון זיין יוגנט — ביז דער לעצטער אויפגעהויבענער פויסט זיינער.

נישט פאַראַן געווען דער כוח, וואָס זאָל אים קאָנען אַראָפּפירן פון זיין אָנגעצייכנטן וועג.

אָט, זאָגט ער, בעטהאָווען:

„זייט זיכער און איבערצייגט — די מענטשהייט איז מיר אַן אייביק הייליקטום; אַפּילו אין אַ צייט, ווען זי איז געפאַלן". (1)

בעת דער שאַרפסטער סאָציאַלער רעאַקציע אין ווין, אין אַן עפּאָכע דווקא פון פינצטערניש און אונטערדריקונג פון מענטשלעכע פרייהייטן, אין אַ מאָמענט, ווען דער פעסימיזם און אָפּהענטיקייט האָבן באַהערשט אַלע ווינקלען פון לעבן — דווקא דעמאָלט שאַלן אויס ביי בעטהאָווענען פאַנפאַרן פון האָפנונג און פון „פרייד"; דאָס איז די „פרייד" פון שילערס אָדע, וואָס איז דער סינאָנים פון פרייהייט!

בעטהאָוונס געזאַנג רופט צו דער פאַרברידערונג פונעם גאַנצן מענטש־לעכן מין! דאָס פלאַמיקע געזאַנג פון זיין „9־טער", איינציק אין דער מוזיק־געשיכטע, סימבאָליזירט דעם פרייהייט־רוף פון דער אייביקער מענטשהייט.

דורך אַלע מעלאַנכאָלישע און אַנגסטיקע קלאַנגען, וואָס פעלן נישט אין בעטהאָוונס מוזיק, הויבט זיך אַרויס דער דאָמינאַנטער אַקאָרד פון בטחון און הומאַניזם — אַן אָנזאָג אויף זוניק־פריידיקע טעג!

הומאַניזם — דאָס איז דער סימן מובהק פון בעטהאָוונס לעבן און שאַפן.

לויט דער דעה פון זיין גרויסן חסיד, ראָמען ראָלאַן, איז בעטהאָוון דער סך־הכל פון דער נשמה יתירה פון זיין יאָרהונדערט.

אַזוי ווי די פאָרעם פון אַ גריכישן טעמפּל, אָדער פון אַ גאָטישער קאַטעדראַלע, רעזומירט דעם נאָך ברענענדן פלאַם פון מיליאָנען, שוין לאַנג אויסגעלאָשענע לעבנס, אַזוי קאָנדענסירט די שלימותדיקע מוזיק־פאָרעם פון בעטהאָוונס מוזיק אַ גאַנצע תקופה פון אייראָפּעאישן גייסט — זאָגט ראָמען ראָלאַן.

„די מאָס פון קונסט — האַלט ראָמען ראָלאַן — דאָס איז דער מענטש. פון אייביק זענען די גרעסטע קינסטלער די סאַמע הומאַנע מענטשן געוועזן".

1. Edmond Vermeil, Beethoven.

— 2 —

אַוודאי איז בעטהאָוון נישט דער ערשטער מוזיקער, און אוודאי ואוודאי נישט דער ערשטער קינסטלער, וואָס באַקלאָגט די בידנע דאָליע פונעם מענטש. ער איז אָבער, אָן שום צווייפל, דער ערשטער מוזיקער, וואָס באַטראַכט זיך אַליין פאַר אַ שטאָלצן, גלייכבאַרעכטיקטן בירגער אינעם מענטשלעכן כלל. אַלס אַזעלכער, פאַרטיידיקט ער מיט כוח דעם מענטש־לעכן כבוד. ער שפאַנט איין זיין לירע צו אַ ליידנשאַפטלעכן געראַנגל פאַרן גליק פון מענטש, פאַר אַ שענערע און גערעכטע צורה בין אדם לחברו.

אויפן פאָן פון זיין צייט, קומט אויף בעטהאָוון, ווי אַ נייער טיפ מענטש און קינסטלער; אַ טיפּאַזש, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אינעם שטורעם פון זיין צייט.

בעטהאָוון דערשיינט אין אַ מאָמענט פון אַ פרשת הדרכים פון דער געשיכטע. ס'האַלט ביים איבערשטעלן זיך אויף נייע סאָציאַלע רעלסן. דער באַסטיליע־שטורעם האָט דערשיטערט דעם אַלטן, פעסט־איינגעפונ־דעוועטן, פעאָדאַליזם און צעשמעטערט איר פראַנצויזישע פעסטונג. ס'האָט זיך געעפנט אַ פעריאָד פון רעשיקע געשעענישן, וואָס וועלן דעפיניטיוו ענדערן — הן די צורה פון דער וועלט און הן די צורה פון מענטש. אינעם מבול פון דער צייט זענען אָפּגעשווענקט געוואָרן באַגריפן, וואָס האָבן זיך באַזירט אויף דער פריווילעגיע פון געבורט און, זייט קדמונים, האָט מען זיי באַטראַכט ווי תורת משה מהר סיני.

אויפן רוף פון דער נייער האָפנונג, האָבן רעכטלאָזע פלעבייער, דורשטיקע נאָך רעכט צו לעבן, אויסגעגלייכט זייערע פלייצעס און אַוועק אין אַ בלוטיקן קאַמף פאַר נייע באַגריפן און פאַר אַ נייעם געזעלשאַפט־לעכן סדר. זיי זענען אַוועק קעמפן פאַר אַ סאָציאַלן סדר, וואָס זאָל מקיים זיין די פייערלעך פראָקלאַמירטע מענטשן־רעכט.

די בשורה פון מענטשן־עמאַנציפּאַציע און פון צוריקשטעלן דאָס

חשביות פונעם יחיד איז זיך צעגאַנגען אין די מרחקים און געזייעט ענטוזיאַזם ביי אַלע געדריקטע און געטרעטענע.

מיט אַ ציטער פון פרייד האָט מען דעם קול מבשר פון מענטשן־באַפרייאונג אויפגענומען אין דעם געבורט־שטעטל פון בעטהאָוון — אין באָן. צו יענער צייט איז דאָס אַ פעסטונג פון דער דייטשער פראַגרע־סיווער אינטעליגענץ. געפיבערט האָט דער פאַרפאָסטן פון דער ליבעראַלער דייטשער „אויפקלערונג" (השכלה) — דער באָנער אוניווערסיטעט. דאָרט האָט מען גענומען האָפן אויך אויף אַ שנעלן פרילינג אין די אַלע דייטשע לענדער.

ווען די ידיעה פון שטורעמען די באַסטיליע איז דערגאַנגען קיין באָן, איז דער פּראָפעסאָר פונעם באָנער אוניווערסיטעט, עלאָגיוס שניידער, אַ געוועזענער נזיר, אַרויף אויף דער קאַטעדרע און פאַרגעלייענט פאַר זיינע אויפגעברויזטע סטודענטן זיינס אַ פאַטעטיש ליד, מיטן פאָלגנדן אָנהויב:

„צעבראָכן זענען די קייטן פון דעספּאָטיזם...
גליקלעך פאָלק!
דער פראַנצויז איז אַ פרייער מענטש געוואָרן!"

צווישן די צעפלאַמטע תלמידים פון עלאָגיוס שניידער האָט זיך אויך געפונען דער 19־יעריקער בעטהאָוון, אַ קינד פון עטלעכע דורות מוזי־קער — מען קען זאָגן, בפירוש, רעכטלאָזע פלעבייער.

די פעאיקייט אויפצונעמען די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעעניש, איז ביי בעטהאָוונען רייף געוואָרן — געגוג פרי. צו דעם האָט אים געבראַכט זיין נידעריקער סאָציאַלער מעמד און זיין קלאָגעדיקע קינדהייט. ווי נאָר ער איז אַפּער פון אונטער דער שליטה פון זיין טאַטן, דעם שיכור, האָט זיך זיין האַנט פאַרביילט אין אַ פויסט. צו זיין פאַרגעשריטענעם באַוווסטזיין האָט אים אָבער געבראַכט די גייסטיקע דערציאונג — צום ערשט — ביי ק. ג. נעפע, דעם מאַסאָנער, זיין רבי און מורה דרך, און שפּעטער — די גייסטיקע אויסבילדונג אין דער הויך־קולטיווירטער פּאַ־טריציאַנער משפחה אין באָן, — ביי די ברויינינגס. די דאָזיקע נאָבעלע מענטשן האָבן אים, נאָך אַלס קינד, צוגעטוליעט צו זיך ווי אָן אייגענעם.

דאָס הויז פון די ברויניגגס איז געווען אַן אָפענע היים פאַר יעדן פּראָגרעסיוון געדאַנק. דאָרט האָט זיך דער יונגער בעטהאָוון דערוווּסט וועגן די ראַדיקאַלע מאַסאַנען־לאָזשעס, ווי אויך וועגן די פילאָזאָפישע געדאַנקען פון דייטשן פילאָזאָף קאַנט (געב. 1724 — געשט. 1804). דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט די ווערק פון לעסינג (געב. 1729 — געשט. 1781), שילער (געב. 1759 — געשט. 1805) און געטע (געב. 1749 — געשט. 1832) — די דייטשע פּאָעטן. ער האָט דאָרט אויך באַקענט די שאַפונגען פון אַלע יענע שרייבער, דאַרונטער פראַנצויזישע און ענגלישע, וואָס האָבן אַרויסגעהויבן אין זייערע שריפטן דאָס חשיבות פונעם מענטש און גערופן צו אַ געראַנגל פאַר פרייהייט. דאָרט טאַקע, אין דער היים פון די ברוי־ ניגגס, האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט שילערס אָדע — „צו דער פרייד". די פערזן פון דער אָדע מיט דעם באַרימטן — „אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער!", וועלן אים הייטערן די נשמה דאָס גאַנצע לעבן און בסוף יעצט פון זיין עקזיסטענץ וועלן זיי אים דינען, ווי די אַפּאָ־ טעאָזע צו זיין קרוין־ווערק, די "9־טע", אַ ווערק פון די העכסטע שפּיצן פון קינסטלערישער שאַפונג — זיין צוואה דער מענטשהייט.

די היסטאָרישע ידיעות וואָס זענען אָנגעקומען פון פּאַריז, האָט דער יונגער בעטהאָוון אויפגענומען מיט אַ רעוואַנזש־געפיל פון אַ דורותדיקן פּאַריאַס. דאָס, האָט פאַר אים באַדייט אַ סיגנאַל צו מענטשן־באַפרייאונג בכל מקום שהוא.

מיט פייער האָט ער זיך צוגעהערט צו די תורות פון זיין רבין, עלאָגיוס שניידער. בעטהאָווגס רבי, שניידער, האָט געלערנט אַזוי צו זאָגן:

„די פרינצישע לאָקייען זענען נישט פעאיק צו האָסן דעם פאַנאַ־ טיזם, צו ברעכן דעם סצעפּטער פון טפשות און פאַרפירן אַ קאַמף פאַר מענטשן־רעכט. צו דעם דאַרף מען האָבן פרייע נשמות; נשמות אַזעלכע וואָס ווילן ליבערשט דעם טויט, ווי חניפה, אָרעמקייט בעסער, ווי שקלאַ־ פערײַ... צווישן אַזעלכע (פרייע) נשמות — האָט אויסגערופן דער פּראָפעסאָר — וועט מיינע נישט זיין פון די לעצטע!" (1).

---

1. Karl Nef, Beethovens Beziehungen zur Politik.

אין דעם היסטאָרישן געראַנגל פון דער צייט, וועט אויך בעטהאָווענס נשמה נישט זיין פון די לעצטע. מיט אַ ראָמאַנטישן שווונג, וואָס איז נאָר בזכות הראשונים, וועט ער זיך וואַרפן אין קאַמף פאַר דער דריי־איניקייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — פאַר דער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. ער וועט ווערן אַן אַפּאָסטאָל פון דעם נייעם גלויבן פון מענטשן־רעכט. פאַר דער דאָזיקער אמונה וועט ער זיין גאַנץ לעבן שפּאַנען מיט אַן אויפגעהויבענער פויסט!

„אייביקער קאַמף פאַר רעכט, און פאַר דער טאַכטער פון רעכט — די פרייהייט!”.

מיט די דאָזיקע ווערטער דריקט אויס דער יונגער בעטהאָווען, אָבער שוין אַ רייפער מאַן, דעם קרעדאָ פון זיין לעבן. ווי אַן איבערגעצייגטער בעל־מאמין אין די ווערטן פון זיין צייט, שליסט ער זיך אַן אינעם אַקטיוון גאַנג פון זיין רעוואָלוציאָנערער תקופה.

פאַר ראָמען ראָלאַן איז בעטהאָווען דער לעצטער שליח ציבור פון דער העראָאישער עפּאָכע פונעם דייטשן אידעאַליזם; פון יענע שיינע, גוטע יאָרן 1810 — 1780, ווען דייטשע מענטשן האָבן געגלויבט אין אַ געבורט פון אַ פרייער און ברידערלעכער מענטשהייט.

— 3 —

בעטהאָווען דערשיינט, ווי געזאָגט, אויפן פאָן פון זיין צייט, ווי אַ נייער שניט מענטש און קינסטלער. דער הויפּט־שטריך פון דער קאָלאָסאַלער בעטהאָווען־פיגור איז דער עלעמענט פון פערזענלעכן געראַנגל. דאָס נייע פון זיין מוזיק — דער קלימאַט פון כסדרדיקן שטורעם.

שטעלט זיך די פראַגע: — פון וואַנען דער אייביקער פיבער פון דער בעטהאָווען־נשמה?

דער קאַמפּס־כאַראַקטער פון דער בעטהאָווען־געשטאַלט איז אַ רעזול־טאַט פון שטאָלצן באַוווסטזיין פון אַ יחיד, וואָס פּרעטענדירט צו זיין אַ פרייער בירגער.

ביי אַ מוזיק־קינסטלער זענען בשעתו, אַזעלכע שטריכן — ניי לגמרי.

דאָס איז אַ פּועל יוצא פון די פרישע ווינטן, וואָס פאַרקירעווען די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף נייע וועגן.

לויט בעטהאָווענען, איז דער חוב פון מענטש צו קעמפן פאַר באַפרייען דעם יחיד פון דורותדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַראורטיילן און טאַבוס. אינעם נאָטיץ־בוך פון רייפן בעטהאָווען לייענען מיר אַ פסוק פון געטעס „פאָוסט״:

„איך בין אַ מענטש געווען, דאָס וויל זאָגן — אַ קעמפער זיין!״.

ביי די בליציקע סאַלאָן־זשיראַנדאָלן, זאָגט בעטהאָווען, בקול רם, אַלץ וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן דער ווינער אַריסטאָקראַטיע. מיט דער העזה פון אַ יונגן קעמפער דערלאַנגט ער דעם הויכן אַדל דעם אמת — גלייך אין פנים אַריין!

זיין רבי היידן איז פון אַזאַ זאַך איבערראַשט און דערשראָקן. ער איז צו עפּעס אַזעלכעס קיינמאָל נישט געוווינט געווען. טאָקע דערפאַר האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן — „דער גרויסער מאָגאָל!״ (אַנדערש געזאָגט — ווילדער מענטש).

עד ביאת בעטהאָוון, איז אַזאַ סאָרט אַקטיווע קעמפערישקייט, ביי אַ מוזיקער, נישט בנמצא.

אין יענע יאָרן, איז דער סאָציאַלער מצב פון דעם מוזיק־קינסטלער בסך־הכל — דער צושטאַנד פון אַ רעכטלאָזן באַדינער. פאַרטיידיקן זיין מענטשלעכן שטאָלץ, ווער שמועסט, מיט אַזאַ פייער ווי דאָס האָט געטאָן בעטהאָוון, דאָס פלעגט דעם מוזיקער זיין לגמרי פרעמד. אַפילו מאָצאַרט (געב. 1756 — געשט. 1791), וואָס האָט שוין געוואָרפן דעם פּראָטעקטאָר זיינעם דעם גט צו די פיס, פאַרהאַקט מיט רוגזה די טויערן פון זיין שלאָס און אַוועק — אויך ער איז אַזוי ווייט נישט געגאַנגען.

דער ערשטער, וואָס האָט געשליידערט פאַרגיפטעטע פיילן צו דעם לאַגער פון דער אַריסטאָקראַטיע, דער ערשטער וואָס מאַכט אַ סוף צום הכנעתדיקן מעמד פונעם מוזיקער — איז בעטהאָוון!

מען דערציילט אַ מעשה שהיה בשעת נאַפּאָלעאָן האָט אָקופּירט עסטרייך.

דער פּרינץ ליכנאָווסקי, פונעם העכסטן ווינער אַדל, בעטהאָווענס

## עקיבא פישבין

אַ גרויסער חסיד און אַ נאָענטער גוטער פריינד דערצו, האָט אַמאָל אויפ־געגומען ביי זיך אין שלאָס אָפיצערן פון דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע־אַרמיי. די אויפנאַמע האָט בייגעוווינט דער מוזיקער, וואָס איז געווען כמעט אַן אייגענער אין דער משפחה פון פרינץ. אַלס באַקאַנטער מוזיקער, איז בעטהאָוון געבעטן געוואָרן צו שפּילן עפּעס פון זיינע שאַפונגען — וווּ ער וויל, אימפּראָוויזירן. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ געניאַלן אימפּראָוויזאַטאָר.

צו יענער צייט, איז שוין בעטהאָוון געווען ביטער אַנטוישט אין נאַפּאָלעאָנען — דעם טערמידאָריאַנער.

אַמאָל, בעת דער שיינער צייט פון דער רעוואָלוציע, האָט ער נאַפּאָ־לעאָנען דווקא פאַרגעטערט. אינעם „קליינעם קאַפּראַל" האָט ער געזען דעם דרייסטן און שטאָלצן פאָלקס־מענטש, וואָס דערגרייכט די שפּיצן פון דער מלוכה — נישט צוליב זיין אַריסטאָקראַטישן געבורט, אָדער דעם גרויסן פאַרמעגן זיינעם, אלא אויסשליסלעך אַ דאַנק זיין גאונות. נאַפּאָ־לעאָן האָט אים אינספּירירט זיין באַרימטע דריטע סימפאָניע; ער האָט זי אים געוואָלט ווידמענען!

האָבן זיך אָבער די צייטן געענדערט. היינט באַטראַכט אים בעטהאָוון פאַר אַ טיראַן, אַן אוזורפּאַטאָר און פאַר אַן אונטערדריקער פון פעלקער.

הקיצור, בעטהאָוון איז נישט מסכים געווען מהנה צו זיין די פראַנ־צויזישע אָפיצערן מיט זיין מוזיק.

דער פרינץ האָט דעם קאַטעגאָרישן אָפּזאָג פון מוזיקער אויפגענומען ווי אַ פערזענלעכע באַליידיקונג. שטאַרק אויפגערעגט, און גאַנץ נישט ווילנדיק, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער הויכער אָדעליקער מיט אַ וואָרט, וואָס בעטהאָוון האָט דאָס אינטערפּרעטירט, ווי אַן אָנגריף אויף זיין מענטשלעכער ווירדע.

נו, מאַ! האָט זיך דאָרט עפּעס געטאָן!

בעטהאָוון האָט דעם פרינצישן באַלעבאָס געמאַכט דעם ריכטיקן מי שברך. ס'האָט גאָרנישט קיין סך געפעלט, דאָרט זאָל קומען צו אַ געשלעג!

דער קינסטלער איז אַוועק, אַ צערודערטער, פון שלאָס.

צומאָרגנס, נאָכן סקאַנדאַל, האָט בעטהאָווען אַרויסגעשיקט צום פּרינץ אַ בריוול בזה הנוסח:

„פּרינץ! דאָס, וואָס איר זייט היינט, דאָס האָט איר צו פאַרדאַנקען נאָר דעם צופאַל פון אייער געבורט. איך דאַקעגן, דאָס וואָס איך בין, דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען — נאָר מיר אַליין. פּרינצן זענען פאַראַן אַ סך; זיי וועלן נאָך זיין אין די טויזנטער. בעטהאָווען איז אָבער פאַראַן נאָר איינער!"

דער דאָזיקער פאַקט, געבראַכט דורך אַלע ביאָגראַפן, איז נישט סתם אַ סימן פון אַראָגאַנץ. ביי בעטהאָווענען איז דאָס מעשה ריס מיט די אָפּגעלעבטע באַגריפן, וואָס זייער יניקה ציען זיי, פון די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס.

בעטהאָווען איז אַ מענטש וואָס וועט זיך דווקא דער ערשטער פאַרנייגן, אָבער נאָר פאַר עפּעס גרעסערס ווי ער; למשל, פאַר אַ קינסטלער, פאַר אַ געלערנטן. אָבער אין לעבן נישט פאַר עפּעס איינעם, וואָס דער גאַנצער ווערט זיינער שטעקט אינעם הויכן געבורט, אָדער אין דער אַפּותיקא געלט.

נישט אַלע שרייבער און קינסטלער פון זיין צייט פאַרמאָגן בעטהאָווענס זעלבסטווירדע. אָט, לשמל: — שילער איז געווען איינער אַ גליקלעכער, ווען דער ווייִמאַרער מושל האָט אים דערהויבן צו דער מדרגה פון אַן אַדעליקן. געטע פלעגט זיך בייגן אין דרייען פאַר אַלע געקרוינטע קעפּ...

אין זיין קאָנסעקווענטער קעגנערשאַפט צו פּריווילעגיעס בין אדם לחברו — דאָ שטעקט דאָס נייע פון בעטהאָווענען דעם מענטש און קינסט־לער. בעטהאָווען רעהאַבילירט די ווירדע פונעם מוזיקער — דעם מענטש!

זיין ריס מיט אָפּגעלעבטע פּרינציפּן קומט צום אויסדרוק אויך אויפן שטח פון מוזיקאַליש־עסטעטישן געשמאַק. אויך דאָ קומט צו אַ צוזאַמענ־שטויס צווישן צוויי וועלטן.

די אַלטע וועלט פון פעאָדאַליזם זעט אין דער מוזיק אַ מיטל צו פאַרברענגען אויף אַן אָנגענעמען אופן. פאַר זיי איז דער מוזיקער, ווי דערמאָנט, אַ רעכטלאָזער משרת. פאַר בעטהאָווען, דעם מענטש פון אַ נייער תקופה, וואָס באַטראַכט זיך אַליין פאַר אַ פרייען בירגער אינעם שויס פון כלל, פאַר אים איז מוזיק נישט קיין פאַרווײַלונג, נישט קיין צייט־פאַרטרייב און — דערביי — אויך אַוודאי נישט קיין פריווילעגיע פון די העכערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. זיין מוזע איז פאַר אים — קודם כל — אַ פערזענלעכע שפּראַך, אַ מיטל אויסצודריקן זיך זעלבסט און נאָכהער — אַ קאָמוניקאַציע־בריק צווישן קינסטלער און ציבור.

אויפן שער־בלאַט פון זיין „מיססאַ סאָלעמניס״(1) האָט בעטהאָוון אייגנהענטיק צוגעשריבן:

„אַרויס פון האַרץ, זאָל עס אַריין אינעם האַרץ!״.

לויט אים, דאַרף די מוזיק דינען דער גאַנצער מענטשהייט אָן שום סאָציאַלע עקסקלוזיון. אויך וויל ער, אַז זיין קונסט זאָל דעם מענטשן דערהויבן און אים גייסטיק באַפרייען.

שאַפן מוזיק איז פאַר בעטהאָווען אַן עבודת הקדוש!

בעטינאַ ברענטאַנאָ (געב. 1785 — געשט. 1859), בעטהאָוונס אַ יונגע פריינדין, ברענגט אין אַ בריוו צו געטע אַ מיינונג, וואָס דער מוזיקער זאָל האָבן פאַר איר אַרויסגעברענגט.

„דער יעניקער, וואָס וועט אַמאָל פאַרשטיין מיין מוזיק, וועט דערפילן אַ באַפרייאונג פון אַלע מענטשלעכע צרות״.

ווען בעטינאַ ברענטאַנאָ, די דייטשע ראָמאַנטישע שרייבערין, זאָל אַפילו בעטהאָוונס רייד האָבן נישט גאַנץ פּינקטלעך איבערגעגעבן, אָדער, ווען אַפילו אירע רייד זאָלן זיין באַפאַרבט מיט איר רייכער אימאַגינאַציע, ווי דאָס ווילן געוויסע בעטהאָווענאָלאָגן, טראָגט איר ציטאַטע דאָך אַלע סימנים פון וואָרשיינלעכקייט. זי פּאַסט זיך גוט אַריין אינעם נוסח פון מוזיקערס עסטעטישע געדאַנקען, גענוי ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין זייער פיל אויטענטישע בעטהאָוון־דאָקומענטן.

---

1. „פייערלעכע מעססע״ — געשריבן אין די יאָרן 22 — 1818.

צו די בעטהאָוון־רייד וועגן כוח פון זיין מוזיק גיבן די פאַרשער, זשאַן און בריזשיד מאַסאַן, דעם פאָלגנדן פּירוש:

„בעטהאָוונס מוזיק, זאָגן זיי, באַפרייט נישט; זי שטויסט נאָר דעם מענטש צו באַפרייאונג. זי איז נישט מאַגיש, אָלאָ העראָאיש". (1)

דער העראָאישער קלאַנג פון בעטהאָוונס מוזיק, גענוי ווי דער גאַנצער הערָאישער לעבן זיינער, איז אַ רעזולטאַט פון אַ פילאָזאָפיע וואָס נעגירט די געטלעכע פאַראויס־באַשטימונגען. לויט בעטהאָוונען, איז דאָס לעבן פון אַ מענטש אַ קאָנטינועלער געראַנגל. נאָר מיט קאַמף איז צו דערגרייכן די בכבודיקע מענטשלעכע עקזיסטענץ. אַנדערש, איז דאָס לעבן אַ וועגעטאַציע־לעבן פון אַ בעל חי!

דעריבער איז די קונסט פאַר בעטהאָוונען נישט קיין אַבסטראַקטער ענין, נייערט אַ געווער מיט וועלכן ער באַטייליקט זיך אין פּערזענלעכן און אַלגעמיין־מענטשלעכן געראַנגל.

אויב ווילן מיר באַנוצן באַגריפן פון היינט־צייטיקן געזעלשאַפטלעכן לעקסיקאָן, קען מען זאָגן: בעטהאָוון איז געווען אַ סאָציאַל־אַנגאַזשירטער קינסטלער אינעם סטיל פון די שרייבער בעת דער אויפקלערונגס־תקופה פונעם 18־טן יאָרהונדערט אין מערב־אייראָפּע.

בעטהאָוון באַציט זיך צו זיין מוזיק־שאַפונג גענוי ווי לעסינג, דער דייטשער פּאָעט און שרייבער (געב. 1729 — געשט. 1781) און דידראָ, דער פראַנצויז (געב. 1713 — געשט. 1784), האָבן זיך באַצויגן צו זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען. לויט אַן אויסדרוק פון מאַקס עריק, ווענדן אַן לעסינג און דידראָ די „קריגערישע עסטעטיק". אויך בעטהאָוונס עסטעטיק איז די „קריגערישע עסטעטיק".

ווי מיר ווייסן, האָט בעטהאָוון, אין זיין פּריוואַטן לעבן, געליטן אַלע יסורים פון דער וועלט. די שבעה מדורי גהינום איז ער אַדורך דאָ — אויף דער ערד!

ווען מען גיט אַ טראַכט וועגן דעם ים פון צרות, פּיין און ליידן וואָס בעטהאָוון האָט דורכגעמאַכט, בלייבט מען שטיין דערשטוינט. ווי אַזוי

---

1. J. et B. Massin. Ludwig v. Beethoven.

האָט דאָס דער מענטש אויסגעהאַלטן? ווי אַזוי האָט ער זיך נישט איינגעבראָכן?

זאָגט אָבער שלום אַש, אַז „גאָר די אויסדערוויילטע זענען מסוגל צו פילן, אין דעם בראַנד פון יסורים, דאָס ליכט, וואָס שטראַלט אויס פון גאָט". („דער נביא").

אויב האָט זיך בעטהאָוון נישט איינגעבראָכן אין זיין העראָאישן לעבנס־קאַמף, איז ווייל ער האָט געפילט, אַז זיין מעכטיקער טאַלאַנט איז אים צו עפּעס מתחייב; ווייל ער האָט זיך געפילט, ווי געזאַלבט צו אַ מיסיע פאַר די קונפטיקע דורות.

„יעצט, ווען דער גורל האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביים האַלדז,\
נישט פאַרשווינדן זאָל איך אינעם שטויב אָן רום!\
ניין! צום ערשט באַשאַפן מוז איך אַ זאַך\
מענטשן אין דער צוקונפט זאָלן רעדן".

(פרייע איבערזעצונג פ.)

די פּאָר שורות פון האַמערס (1) איליאַדע האָט בעטהאָוון פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך אין 1815 (ווען ער איז שוין געווען פולשטענדיק טויב).

צו דער זעלבער צייט האָט ער נאָך עפּעס פאַרשריבן אינעם טאָגבוך: אַ פּאָר פערזן פון אַן אָריענטאַלער פּאָעמע אויפגענומען דורך דעם דייטשן שרייבער און דענקער, הערדער (געב. 1744 — געשט. 1803):

„צו ווען וואָלסטו הנעה האָבן פונעם האָניק, אָן צו ליידן\
דעם שטאָך פון דער בין?\
צו ווען וואָלסטו פון זיג די קרוין אָן דער געפאַר\
פון דער שלאַכט?\
ווערט דען דער טויכער ברענגען פון ים־דעק די פּערל,\
אויב פאַר דער קראָקאָדיל מורא ווערט ער בלייבן אויפן ברעג?\
טאָ, וואַג'זשע אַלזאָ בן־אדם!

1. פּאָעט פון גריכישן אַלטערטום.

## אַ יידישער בליק אויף בעטהאָווען

דאָס וואָס געגעבן האָט דיר גאָט, דאָס וועט דיר נישט
אָפּנעמען קיינער:

געגעבן האָט ער דאָס נאָר דיר אַליין,
דיר בלויז, מענטש, דו דרייסטער!״

(פרייע איבערזעצונג — פ.)

בכדי בייצושטיין דעם געראַנגל מיט זיין גורלדיקן מלאך, האָט בעטהאָווען זיך געניויטיקט אין אַ ים מיט מאָראַלישע כוחות. ער האָט געמוזט פאַרמאָגן דעם קאָמפּס־לוסט פון אַ זעלטענעם העלד! וואָלט די שאַפונג פון בעטהאָווענען נישט אַוועק אויף די וועגן פון „קריגערישער עסטעטיק״, וואָלט זיין לעבן געווען אַ גהינום נישט איבערצוטראָגן. אינעם פיבער פון יצירה קומט די פסיכישע אַנטשפּאַנונג צו בעטהאָווענען. אינעם לײדנשאַפטלעכן געראַנגל פאַר זיין ווערק פורעמט זיך בעטהאָווענס שלימות.

„פרייד דורך ליידן!״ — נאָטירט דער גאון אין זיין טאָגבוך.

ער וועט אין לעבן זיך צו קיינעם נישט פאַרהאַנדלען. פאַר קיין שום געלט וועט ער דעם אוצר פון זיין טאַלאַנט נישט פאַרשאַכערן. זיין קינסטלערישע גאונות איז זיין אייגענער רכוש און דאָס וועט דינען נאָר אים אַליין; אים אַליין — און אויך דער גאַנצער מענטשהייט.

אין די אַקאָרדן פון זיין מוזיק הערט מען שלוכצן פון געוויין, ווען זיין נפש ווערט פון ווייטיק צעריסן. און להפך, ווען ס'גיט אַ צאַפּל זיין פאַרליבט האַרץ, זינגט ער אונז אַ ליד פון אַ פליסענדיקער צאַרטקייט; דאָס איז די סאַמע פּאָעזיע פון שיר השירים. היינט, ווען בעטהאָווען שטורעמט — וויכערט ער מיט דונערן און בליצן! אָט אַזוי זעט אויס זיין צאָרנדיקער רעוואָלט!

אין זיינע ווערק שמעלצן זיך צונויף אַלע עלעמענטן פון זיין לעבן. זיין ווערק ברענגט דעם פיבער פון זיין גאַנצער העראָאישער עקזיסטענץ.

בעטהאָווען איז נישט קיין פאַטאַליסט; דעם גורל זיינעם באַטראַכט ער נישט ווי אַ גזר דין מין השמים, נייערט ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אומגערעכטן סדר לעבן אויף דער ערד. דעריבער, ווען דער קעמפנדיקער

בעל־יצירה גרייכט צום פינאַל פון זיין געראַנגל, שאַלן אויס ביי אים פריידיקע תקיעות פון נצחון.

דער אָפּטימיסטיישער אַקאָרד פון זיין מוזיק איז דער מאָטטאָ פון זיין ווערק!

יאָ, זיכער איז בעטהאָווען אַן אינדיווידואַליסט, אָבער נישט אינעם עגאָצענטרישן באַגריף. ער איז אַ מאַנער און אַ וועקער! זיין קונסט וויל ער, זאָל דעם מענטשן אָנרעגן צו אַקטיווער האַנדלונג. אָן עק וויל ער מאַכן צו דער מענטשלעכער אַפּאַטיע און גלייכגילט.

אַם בולטסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין זיין ניינטער סימפאָניע. אדרבא, לאָמיר זיך איינהערן אין אירע קלאַנגען; מיר וועלן דאָרט גע־פונען אַ גוטן ביישפּיל.

נאָך דער ווונדערבאַרער דריטער טייל — אפשר דאָס שענסטע געזאַנג אין דער גאַנצער בעטהאָווען־ליטעראַטור, אַן אמתע תפילה זכה ערב דער עבודה פון „פרייד" — הויבט זיך אָן דער פערטער טייל: — אַ זעלטענער טאַראַראַם; אַ ווילדער שטורעם פון אַלע בלאָז־אינסטרומענטן, וואולקאַנישע פויקן און טראָמפּייטן — אַ באַטויבנד געשריי. מעכטיקע ווילדע כוחות דערלאָזן נישט צו דער גאולה! פאַראַן אַפילו אַ פּרווו פון ווידערשטאַנד, אָבער אויפסניי צעליאַרמען זיך די פויקן און טריימפּייטן.

היינט, פאַרטרייבן די ווילדע כוחות די טייוולאַנישע, דאָס זענען בכוח נאָר די איינצלנע טאַקטן פון דער פרומער תפילה (פון דער דריטער טייל).

יעצט איז פריי געוואָרן דער וועג צו דער ישועה!

לאַנגזאַמע, קוים, קוים, הערבאַרע קלאַנגען פון טיפע קאָנטראַבאַסן ברענגען די מעלאָדיע פון „פרייד". זי דערגייט, ווי פון אַ צווייטער וועלט; זי ברענגט די מילדע באַרואיקונג, דעם באַלזאַם צו די ווונדן. דער ניגון וועבט זיך פּאַמעלעך; ער גייט איבער צו די אַלטאָ־וויאָלינען, גיסט זיך אַריין אין די וויאָלאָנטשעלן. זי שטאַרקט זיך, די מעלאָדיע, אין כוח און קומט אָן צו די צאַרטע פידלען. ביסלעכווייז פאַרכאַפּט זי די גאַנצע אָרקעסטראַלע מאַסע. אַ יובלדיקער אויסגעשאַל, דורך קורצע געוויכטיקע אַקאָרדן, פירט די „פרייד"־מעלאָדיע צום הויכפּונקט.

וואָלט דאָך שוין יעצט אַלץ פיקס און פאַרטיק געווען מקבל פנים צו זיין די גאולה. האָט זיך דער שטן, ווי מיט אַ וואַנט־פאַרצוימונג, אַוועק־געשטעלט אין מיטן. אויפסניי האָט זיך דער אָרקעסטער צעברויזט. אויפ־סניי איז דער יום־טוב פון „פרייד״ אין געפאַר!

די געפאַר, וואָס דערווייטערט דעם נצחון — ער קען זי בעטהאָווען. דאָס איז דער מענטשלעכער אומגלויבן — דער יאוש!

ער וועט צו דער פאַרצווייפלונג, בשום אופן! נישט דערלאָזן. אָט, רייסט זיך אַריין אינעם אָרקעסטער־צעברויז אַ שאַרפער אויסגעשריי פון אַ מענטשלעכער באַס־שטימע:

„אָ, פריינד! נישט די דאָזיקע טענער!!!״.

אָט דאָס איז ער, בעטהאָווען אַליין; דאָס איז זיין ממעמקים־געשריי.

דער דאָזיקער אָפּהאַלט־רוף, דאַרף מען באַמערקן, איז אין שילערס טעקסט נישט פאַראַן. דאָס האָט בעטהאָווען אַליין, פון זיך, צוגעגעבן. און מיינען, מיינט דאָ בעטהאָווען באַשיימפּערלעך — מענטשן! לאָמיר זיך נישט מתייאש זיין! נישט פאַרצווייפלען אין דער גאולה! לאָמיר פאַראויסשפּאַנען צו דער פרייהייט!!!

באַלד, וואַרפט בעטהאָוונס באַס־סאָליסט דעם סיגנאַל:

— „פרוידע״! — רופט ער אויס.

— „פרוידע״ — ענטפערן אָפּ, ווי אין אַן עכאָ אַלע באַס־כאָריסטן.

דאָס איז אַ מין נעשה ונשמע פונעם מענטשלעכן שטאַם אויף מקבל צו זיין די תורה פון „פרייד״. ווי באַקאַנט, האָט דאָ „פרייד״ — דעם טייטש פון פרייהייט.

אָבער, די כאָראַלע תשובה איז נאָך אַלץ עפּעס אַ וואַקלדיקע, אַ נישט זיכערע. בעטהאָווען איז נאָך אין ספק; זאָל דער מענטש שוין טאַקע זיין גרייט אויפצונעמען די חבלי לידה און אַוועקשפּאַנען צו דער אויס־געבענקטער גאולה?

ניין. דער מענטש נויטיקט זיך כסדר נאָך אין דערמונטערונג.

נעמט ער ווידער, בעטהאָווען, אַליין דאָס וואָרט און מונטערט.

אונטער אַ צאַרטער באַגלייטונג פון אינסטרומענטן, נעמט דער באַס־סאָליסט אויסזינגען די ערשטע סטראָפן פון שילערס „פרייד״־אָדע. ער זינגט זי איינגאַנצן אַליין, גלייך ווי ער וואָלט דער ערשטער אויפן

שווערן דערנער־וועג זיך געלאָזט. יעצט, לאָזט זיך שוין דער כאָר מיטרייסן; דאָס איז נאָך אמת ווייט נישט די יובלדיקע פרייד, אָבער דער צווייפל און פחד נעמען אָריבערגיין. די מעלאָדיע וואַקסט און שטאַרקט זיך. זי פּאַסט זיך צו צום ריטעם פון די ווערטער און צום טעם פון דער פּאָעמע. דעם הויכפּונק פון שירה דערגרייכט די סטראָפע: „אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער, ווו דייך צאַרטער פליגל ווײלט". דעם פולסטן גלאַנץ נעמט אָן דער כאָר ביי דעם — „זייט געאַרעמט מיליאָנען"!

יעצט איז שוין דער יום־טוב פון דער גאולה אין פולן ברען.

„הערט זיך איין אין די קלאַנגען פון דער „ניינטער" — איר וועט דאָרט געפונען דעם גאַנצן בעטהאָוון, דעם וועקער, דעם מאַנער, דעם קעמפער; דעם מענטש מיטן פאַקל פון ליכט אין דער האַנט!".

אַזוי דריקט זיך אויס דער אַמעריקאַנער שרייבער, טייער, אין זיין מאָנומענטאַלער פאָרשונג איבער בעטהאָווען.

„דער מענטש מיטן פאַקל פון ליכט אין דער האַנט" האָט באַשאַפן אַ מוזיק, ווו

"יעדער איינציקער קלאַנג איז געשריי,
בלויז אַלע צוזאַמען געזאַנג — ".

(דוד ספאַרד)

שטעלט זיך די פראַגע, ווו נעמט זיך צו בעטהאָווענען אַזאַ כוח פון אָפּטימיזם? פון וואַנען נעמט ער כוח אַקעגן צו גיין דעם שטראָם פון אַפּאַטיע און אַנטוישונג, וואָס פליסט, בשעת די פינצטערע צייטן פון דער מעטערניך־רעאַקציע, אַרום אים? פון וואַנען די העזה צו באַהויפּטן, אַז די וועלט איז פאַרט נישט קיין קרעטשמע?

דעם דאָזיקן כוח שעפּט בעטהאָוון פון זיין פעסטן באַוווסטזיין, אַז דער גורל פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג קען נישט זיין די אייביקע פינצטערניש פון קבר. צייטן פון פאַראַט, פאַרפירעניש, אָבסקוראַנטיזם און געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע קענען זיין נאָר דער צייטווייליקער חושך פון דער נאַכט. פריער, אָדער שפּעטער, וועט קומען די ליכט פון נייעם פרימאָרגן און זי וועט פאַרטרייבן אַלע פינצטערנישן פון דער וועלט!

— 4 —

אַזאַ קאָלאָסאַלער ריז, ווי בעטהאָווען, ווערט נישט געבוירן יעדן טאָג. געציילטע זענען זיי אין דער גרויסער קולטור־געשיכטע, און אייביק ענלעך צו זיך אין די גרונט־שטריכן.

לאָמיר אַ זוך טאָן אין דער טיף פון דער פאַרגאַנגענהייט און אויס־שיילן פון דאָרט נאָך אַזאַ גיגאַנט, ווי בעטהאָוון. לאָמיר זיי פאַרגלייכן און פּרוּוון דערביי עפּעס לערנען.

אַזש צום סוף פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס דאַרף מען דער־לאַנגען אויף צו געפונען דאָרט בעטהאָוונס אַ ברודער־קינסטלער, ווי ער, אַ זעלטענער גאון און אַ מעכטיקער בעל־יצירה — דאָס איז מיקעל אַנדזשעלאָ. (1) היפּאָליט טען, דער פראַנצויזישער קונסט־היסטאָריקער און פילאָזאָף, באַטראַכט די צוויי קינסטלער — מיקעל אַנדזשעלאָ און בעט־האָוון — פאַר די געציילטע קולטור־ריזן, אין וועלכע ס׳שפּאַרט זיך אָן דער גאַנצער קולטור־געבוי פון די מאָדערנע צייטן. עפּעס, ווי מיט דעם זעלבן נאָז־שנעל, פון דעם זעלבן מלאך, זענען באַשאַפן געוואָרן די צוויי מעכטיקסטע טיטאַנען פון דער קונסט פון אַלע צייטן.

מיקעל אַנדזשעלאָ איז דער ערשטער קינסטלערישער שעפער, וואָס באַטראַכט זיין יצירה פאַר זיינעם אַ סוביעקטיוון און אינדיווידועלן ענין. ער צערייסט די סאָציאַל־קינסטלערישע קאָנווענץ־קייטן, וואָס צוימען זיין געוואַלטיקן שאַפונגס־כוח. אָן זיך צו רעכענען מיטן געשמאַק פון זיינע פּראָטעקטאָרן, לאָזט ער פליסן זיין קינסטלערישע אינוועניץ — פריי און שטורמיש, ווי אַ באַרג קאַסקאַדע. מעגן זיינע פּראָטעקטאָרן און קונים זיין די מעכטיקסטע פויפסטן און פרינצן, טיראַנען.

דאָס דאָזיקע איז בשעתו אַן אמתע איבערקערעניש אין די קונסט־געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען.

מיקעל אַנדזשעלאָס האַנדלונג האָט, אמת, אָנגעטראָפן אויף אַ העפּ־טיקן ווידערשטאַנד מצד הערשנדן באַלעבאַטישן עולם. און דאָך, האָט

1. געב. 1475 — געשט. 1564. סקולפּטאָר, מאָלער, אַרכיטעקט און דיכ־טער. פון די ערשטע גאונים בעתן רענעסאַנס.

ער זיין קונסט־געזעלשאַפטלעכע איבערקערעניש איינגעפירט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. בנוגע צו זיין קינסטלערישער שאַפונג האָט ער ביי קיינעם נישט אָנגעפרעגט קיין דעה, קיינעם נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון. נאָר זיין אייגענער געשמאַק, און דאָס אויג זיינס, וואָס איז לויט זיין מימרא, ענלעך צו דער זון, נאָר דאָס האָט מכוון געווען זיין שאַפונג.

צום ערשטן מאָל איז די קונסט, אַ דאַנק אים, נישט קיין אָביעקט און נישט קיין טעמע, נאָר אַ מיטל פון אַן אינדיווידועלן אויסדרוק, אַ פּערזענלעכע שפּראַך פונעם קינסטלער, דעם שעפער! פון, אָפטמאָל, אַן אַנאָנימען קינסטלערישן בעל מלאכה וואָס אַרבעט בחברותא אויף אַ ווערק, וואָס איז די עמאַנאַציע פון אַ קאָלעקטיוון באַוווסטזיין, פון אַ קאָלעקטיוון ווילן — שיילט זיך אויס מיקעל אַנדזשעלאָ, דער קינסטלער, דער שעפער, דער אַרטיסט, וואָס שאַפט גאַנץ אַליין אַ קינסטלעריש ווערק, אַ יצירה, וואָס איז דער סך־הכל פון זיינע פּערזענלעכע רעיונות און פון זיין אינדיווידועלער אינספּיראַציע.

די העזה איז די מידה פון שטאַרקע און געוואַגטע כאַראַקטערן!

מיט איינמאָל ווערט דער קינסטלער מיקעל אַנדזשעלאָ צוגלייך מיטן בורא עולם — אַ שעפער! אויפן וועג פון זיין פּיבערדיקן קינסטלערישן געראַנגל אָפּצוגעפונען דעם צלם אלוהים אינעם מענטש, דעם פּאַרזונ־קענעם אין די בלוטיקע זומפּן פון זיין צייט, האָט מיקעל אַנדזשעלאָ אַנטפּלעקט דעם פּאַטעטישן אימאַזש פונעם מענטשלעכן געשטאַלט.

וואָלט דען מיקעל אַנדזשעלאָ דערלאַנגט צום הויך־פּונקט פון זיין יצירה, ווען ער וואָלט זיך נאָכגעשלעפּט אינעם שפּאַן פון די צעפּוילטע פּויפּסטן און מאַקיאַוועלישע טיראַנען פון זיין צייט?

אין דער מוזיק, איז בעטהאָוון, אַזוי ווי מיקעל אַנדזשעלאָ, אויף זיין געביט, דער ערשטער בעל יצירה, וואָס באַטראַכט זיך פּאַר אַ קינסטלער, אַ שעפער; און נישט אַ פּאַרוויילער, אַ בעל מלאכה, וואָס אַרבעט אויף באַשטעלונגען.

בכדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל האָט אויך ער געמוזט צעוואַרפן אַלע סאָציאַל־עסטעטישע העמונגען, וואָס האָבן געפּענטעט זיין קינסט־לערישע פּערסאָנאַליטעט. וואָלט בעטהאָוון זיך נישט באַפרייט פון די

פעאָדאַל־עסטעטישע קייטן, וואָלט ער געגאַנגען אין זיין שאַפן נאָך זיינע אַריסטאָקראַטישע פּראָטעקטאָרן, ווי זיין רבי היידן (געב. 1732 — געשט. 1809) און פיל אַנדערע פאַר אים, וואָלט ער אַוודאי זיכער געווען אַ געניאַלער מוזיקער; ער וואָלט אָבער נישט אויסגעוואָקסן צום סימבאָל פון הומאַניזם.

בעטהאָווען איז דער ערשטער קינסטלער, וואָס דערלאַנג דער מוזיק אַ גאָר נייע דימענסיע. ער פילט זי אָן מיט אַ נייעם אוניווערסאַל־מענטשלעכן אינהאַלט — אַ קעמפעריש־העראָאישן.

— 5 —

דער ערשטער געבאָט פון זיין קונסט, איז ביי בעטהאָווענען צו פאַר־וואַנדלען די מוזיקאַלישע שפּראַך אין אַ מיטל פון פערזענלעכן אויסדרוק. ביי די מוזיק־שעפער פאַר אים קומט דאָס נישט אין באַטראַכט.

ס׳וואָלט זיכער געווען נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז די מוזיקאַלישע שאַפונגען פון די פריערדיקע מייסטער זענען נישט ערלעך, אַז זיי זענען אָן האַרץ און לעבן. ניין!

ווייל, ווען דער גאָטס־פאַרכטיקער און פרומער באַך (געב. 1685 — געשט. 1750), אָדער הענדעל (געב. 1685 — געשט. 1759) זינגען אַ תפילה צום רבונו של עולם, איז זי ריין, ווי אַ טרער פון אַ קינד. אין דער רעליגיעזער התרוממות פון זייערע אָראַטאָריעס און קאַנטאַטן איז נישט צו געפונען אַ טראָפן פון היפּאָקריזיע. און ווען מאָצאַרט, דער אייביקער הוליי־קבצן, פלאַטערט אַרום מיט זיין באַרוישנד־עלעגאַנטער מוזיק, רוימט ער אונז איין אַ סוד, אַז ער איז יונג און פריש — לוסטיק, ווי אַ זומער פייגעלע. ער שטיפט און לאַכט, ער מאַכט זיך אַ צימעס פון דער וועלט, דער אייביק הונגעריקער מאָצאַרט! אָבער, ווען מאָצאַרט טרויערט — אוי! — קלאָגט אין אים דער אומגליקלעכער ווען זיינער.

אלא, וואָס דען?

די אַלע אויסגערעכנטע גאונים, ווי אויך אַנדערע מוזיקער פאַר בעטהאָווענען באַטראַכטן די מוזיק נישט ווי אַ מיטל פון פערזענלעכן אויס־דרוק. זיי זענען פּעאיק כל מיני מוזיק־באַשטעלונגען אויסצופירן. פלינק,

שנעל, ווערט ביי זיי געבוירן אַן אָפּערע צו דער מינדעסטער ליברעטטאָ (ליטעראַרישער תוכן).

ביי בעטהאָוונען וועט איר דאָס נישט פועלן.

וועגן דעם חילוק צווישן מאָצאַרט און בעטהאָון, שרייבן די דער־מאָנטע שוין פאַרשער, זשאַן און ברידזשיט מאַסאַן, די פאָלגנדע שורות:

„דאָס וואָס ליגט אים (מאָצאַרטן) אויפן האַרץ — איז די מוזיק; זיין גאַנצער לעבן איז בלויז מוזיק. מאָצאַרט איז כולו מוזיק!

און בעטהאָון? בעטהאָון ווידמעט זיין לעבן דער מוזיק. פאַר זיין קונסט וועט ער מקריב זיין אַלץ. נאָר וואָס דען? בעטהאָון אַליין, ער עקזיסטירט נאָך איידער ס׳דערגייט צו דער מוזיק. קודם כל, איז פאַראַן בעטהאָוונס עקזיסטענץ. כדי צו לעבן אינטענסיווער, שאַפט ער זיין מוזיקאַליש ווערק. דאָס וואָס ליגט אים, בעטהאָוונען, אויפן האַרץ, איז קלאָר — די מוזיק. אָבער אויך, און אפשר קודם כל, די פרייהייט, אַקטיווע האַנדלונג, גליק. זיינע „שטימונגען" (בעטהאָון פלעגט רופן די פּסיכישע צושטאַנדן זיינע — „שטימונגען") ווערן נישט געבוירן, כדי צו פאַרוואַנדלען זיך אין מוזיק. פאַרקערט; די מוזיק עקזיסטירט, כדי זי זאָל אויסדרוקן זיינע „שטימונגען".

פון די צוויי דערמאָנטע גאונים, האָט בעטהאָון אַ מער געהויבענע מיינונג וועגן מוזיק. ער באַטראַכט זי פאַר די סאַמע אויס־דערוויילטע צווישן אַלע מענטשלעכע אַקטיוויטעטן. בעטהאָון איז אָבער אויך דער, וואָס באַטראַכט די מוזיק נישט ווי אַ צוועק — אַן און פאַר זיך. ער זעט אין דער מוזיק אַ מיטל אין דינסט פון לעבן. בעטהאָון איז אַנוועזנד אין זיין ווערק, נישט אין דער מאָס, ווי ס׳איז יעדער קינסטלער אין זיין שאַפונג, ד. ה. לויט מאַלראָ, אַז דער פּאָרטרעט פון קלעמאַנסאָ, געמאָלן דורך מאַנע, איז פאַר אַלעם אַ מאַנע, און שפּעטער יעצט, במילא אויך קלעמאַנסאָס פּאָרטרעט.

בעטהאָון לעבט אין זיין ווערק אין אַ צווייטער, אַ פּיל העכערער מדרגה. דהיינו? „בעטהאָון רעדט וועגן בעטהאָוונען". — (אונטערגע־שטראָכן פּ.).

עד כאן דאָס פּאָרל מאַסאַן.

פון די דאָזיקע ווערטער איז געדרונגען, אַז די בעטהאָוון־שאַפונג איז אַן עפּאָס וועגן דער גרויסער בעטהאָוון־געשטאַלט. זי מאָלט זיין לעבן אין אַלע אַספּעקטן, מיט אַלע זיינע אַספּיראַציעס.

עלי שעכטמאַן, דער מייסטער פון יידישן וואָרט, זאָגט:

„אינעם קול הערט מען דאָס האַרץ פונעם מענטש".

הכלל: פאַראַן אַ קאָלאָסאַלער אונטערשיד צווישן דער מוזיק פון בעטהאָוון און דער מוזיקאַלישער שאַפונג פון זיינע פאָרגייער. די פאָרגייער פון בעטהאָוון, אַפילו די גרעסטע מייסטער, זענען נישט בכוח געווען, פונעם אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט, צו שאַפן מוזיק פון דער בעטהאָוון דימענסיע, ד. ה. אַ יצירה וואָס זאָל שטויסן דעם מענטש צו אַקטיווער האַנדלונג, צו אַ שטרעבונג נאָך גליק און גאולה.

ביז בעטהאָוונען, מיטן אויסנאַם פון מאָצאַרטס „פאַרכישופטן פלייט", די אָפּערע פול מיט מאַסאָנישע אָנצוהערענישן, איז נישט פאַראַן, אַז אַ מוזיקאַליש ווערק זאָל ברענגען דעם מענטשן די בשורה, אַז זיין זכות אויף אַ גליקלעך לעבן איז דערגרייכבאַר אויף דער ערד גופא.

אין די פאַרשידענע צייטן פאַר בעטהאָוונען, איז דעם מוזיקערס פּערזענלעכער „איך" געקומען צום אויסדרוק בלויז און איינציק, ווען דאָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט אינעם פילאָזאָפישן האָריזאָנט פון דער צייט, אָדער, ווען דאָס האָט זיך געדעקט מיטן ווילן פונעם באַשטעלער פונעם ווערק. אַרויסברענגען אין דער מוזיק אַזעלכעס, וואָס וואָלט געווען אין סתירה צום אַלגעמיין־איינגעשטעלטן געשמאַק פון דער צייט — איז געווען אוממעגלעך. אָפּטרעטן פון די אָנגענומענע עסטעטישע פּרינציפּן וואָלט באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ כפירה בעיקר! דער מוזיקער וואָלט דערווייטערט געוואָרן פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ אין קירכע, אָדער אין שלאָס. אָן באַשטעלונגען — ווי אַזוי וואָלט ער געלעבט? ער וואָלט אויסגעגאַנגען פון הונגער!

אַפילו אין בעטהאָוונס צייטן, ווען ס'זענען שוין פאַראַן פּריוואַטע פאַרלעגערס, איז פונעם מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט נאָך אַלץ געפערלעך מורד צו זיין אינעם געשמאַק פון דער צייט. והראיה — בעטהאָוון אַליין. כאָטש,

ער האָט גוט געקענט די מלאכה פון אַרויסבאַקומען גרעסערע האָנאָראַרן פאַר זיינע ווערק (ער פלעגט אויסשפּילן איין פאַרלעגער קעגן דעם צווייטן) און דאָך איז בעטהאָוון נישט אַרומגעגאַנגען אין גאָלד.

דער מוזיק־שעפער, וואָס זיין מעמד אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט איז אויפן סאַמע דעק פון דער סאָציאַלער פּיראַמידע, דינט צו די הערשנדע סאָציאַלע שיכטן, כמעט, ווי אַ לייב־אייגענער. ער מוז זיין צו זייער אויס־שליסלעכער דיספּאָזיציע און ווערט פון זיי באַטראַכט, ווי אַ וועזן אָן שום געזעלשאַפטלעכן אָנזען; פון רעכטן געזעלשאַפטלעכע — איז שוין אָפּ־גערעדט.

בעטהאָוונס רבי — היידן — אַ מוזיקער ביי אַ הויכן אַדעליקן האָט געטראָגן אַ בגד פון אַ באַדינער און פלעגט עסן ביינאַנד מיט דער דינערשאַפט. דער אַרטיסט, ווען אַפילו ער ווערט געאַכטעט דורך זיינע ברויט־געבער, איז אין דער פעאָדאַלער אָרדנונג נישט קיין יחסן.

בינע־קינסטלער, למשל, פלעגט מען נישט באַגראָבן מיט אַלע צו גלייך! אין פראַנקרייך האָבן אַקטיאָרן באַקומען פולע בירגער־רעכט יעצט אָנפאַנגס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, קוים עפּעס פריער פאַר די יידן!

אַזאַ קלאַגעדיקער מעמד האָט אַוודאי נישט געפירט צו אַ שטאַרק גוטן שלום בית צווישן מוזיקער און באַלעבאָס. הענדעל, למשל, האָט געמוזט פאַרלאָזן דייטשלאַנד; נאָך דעם יעצט, ווי ער איז אַוועק קיין ענגלאַנד, האָט ער אויפגעלעבט. באָך האָט געליטן געבערענטע צרות פון זיינע פּראָטעקטאָרן אין ווייַמאַר און לייפּציק. מאָצאַרט — "דער געקריי־ציקטער קינסטלער", ווי ס'רופט אים אָן יעקב גלאַטשטיין אין זיין ליד א. נ. „מאָצאַרט", ער האָט זיך געמאַטערט זיין גאַנץ לעבן. ער איז גע־שטאָרבן פון הונגער, אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם קבר און עד היום ווייסט קיינער נישט, ווו זיין געביין צו זוכן...

און דאָך איז צווישן דעם מוזיק־שעפער און די אויבערשטע סאָציאַלע כוחות צו אַ געוואַלד־ריס נישט דערגאַנגען. די אַלע אויבן אויסגערעכנטע קינסטלער, געניי ווי די אַנדערע, האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דער סאָציאַ־לער רעאַליטעט פון זייער צייט, וואָס איז געווען רעלאַטיוו — אַ סטאַבילע.

אין זיין שטודיע איבער באַך, זאָגט דער פראַנצויזישער שרייבער, ליק אַנדרעי מאַרסעל, אַזוי צו זאָגן:

„באַך... טרוימט נישט, ווי בעטהאָוון, וועגן אַ בריק אין דער צוקונפט אַריין. נישט דער צוקונפט וויל ער ווידמען זיין לעבן. ער וויל זי (די צוקונפט) נישט אויסבויען לויט זיין ווילן. די דורכפאַלן פון הוה פאַרגיטיקט ער נישט דורך נביאישע אימפולסן. זיין אייגענע דראַמע צווינגט ער נישט אויף, ווי אַ סאָרט גרונט־טיפ פונעם מענטש־לעכן גורל. ניין! ער איז אַ מענטש וואָס באַגנוגנט זיך צו זיין איינ־געשלאָסן אין זיין צייט און סביבה... ער באַטראַכט זיך, ווי אַ באַ־שאַנקענער פון גאָט אַליין. אויס דאַנקבאַרקייט צו גאָט, זעט ער פאַר זיך נאָר איין צוועק — דינען זיינע מיטצייטלער... בעסער נאָך, ער וואָלט נישט באַרעכטיקט זיין עקזיסטענץ, ער וואָלט קיין פאַר־ענטפער פאַר גאָט נישט געהאַט, ווען זיין גאונות וואָלט נישט געבערענגט קיין נוצן זיין סביבה... און כאָטש ער פילט אין זיך אַן אומצופרידנקייט, באַהאַלט ער אָבער דאָך נישט אויס דאָס אייגנטימלעכע, מענטשלעכע, דאָס בשותפותדיקע מיט אַלע". (1)

באַקומט זיך אַזוי אַרום, אַז דעם קינסטלערס שאַפונג אַנטשפּרעכט דעם מענטש פון זיין צייט. דאָס פרום־לוטעראַנישע זאַקסן־לאַנד פון בשעתו שפּיגלט זיך אין דער רעליגיעזער מוזיק פון באַך. די אָראַטאָריעס פון הענדעל דערנערן די ביבלישע געפילן פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, בתוכם מיט דער לאַנדאַנער בורזשואַזיע פון יענע יאָרן. די אַטמאָספערע פון גלוק'ס (2) מוזיקאַלישע טראַגעדיעס אַנטשפּרעכן דעם הויף פון דער פראַנ־צויזישער מאָנאַרכיע אין ווערסאַל. און, נישט געקוקט אויף מאָצאַרטס ברוגז מיט דער ווינער אַריסטאָקראַטיע, שפּיגלט אָפּ זיין מוזיק די געזעל־שאַפט פון זיין צייט, בתוכם מיט די מאַסאָנישע טענדענצן, וואָס געפינען אַן אָפּקלאַנג אין זיין אָפּערע — „דער פאַרכישופטער פלייט".

---

1. Luc André Marcel, Bach.

2. געב. 1714 — געשט. 1787. דייטשער מוזיק־שעפער, רעפאָרמאַטאָר פון דע אָפּערע־קונסט. זיינע אָפּערעס האָבן געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אינעם פראַנצויזישן קעניגלעכן הויף.

דער איינגעשטעלטער גלייכגעוויכט צווישן מוזיקער און די דאָמי־נאַנטע סאָציאַלע כוחות האָט אָן, בלי ערנסטע געוואַלד־ריסן, ביז צום שטורעם פון דער באַסטיליע. דער וויכער פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע האָט צעשטערט אַלע גלייכגעוויכטן.

בעטהאָוון איז דער אויסדרוק, דער קינסטלערישער, פון אַלע צע־שטערטע סאָציאַלע גלייכגעוויכטן.

— 6 —

די ווינער אַריסטאָקראַטיע פון זיין צייט פאַרדייעט נישט בעטהאָוונס מוזיק. דער ווינער קייזערלעכער הויף, אַ גרויסער קאָנסומענט פון מוזיק, האָט אים פיינט בתכלית השינאה; דאָרט האָלט מען אים פאַר אַ רעפּובלי־קאַנער, רחמנא לצלון!

„עפּעס שטעקט אין זיין מוזיק רעוואָלוציאָנערעס!" — זאָגט דער דעמאָלטדיקער עסטרייכישער קייסר — פראַנץ.

אויב האָבן די הערשנדע שיכטן אין ווין אַ נעגאַטיווע באַציאונג צום גאון פון באָן, וויל דאָס נאָך נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע קרייזן האָבן פיינט מוזיק.

לגמרי, ניין! זיי האָבן שוין דווקא, יאָ ליב מוזיק.

מען זאָגט, אַז אין בעטהאָוונס צייטן איז פאַראַן אין ווין אַן ערך 400 פאַרשידענע ווירטואָזן. דאָס איז שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט פאַר אַ שטאָט פון אַ פערטל מיליאָן איינוווינער.

די ווינער אַריסטאָקראַטיע איז פאַרטאָן אין מוזיק ביז אַריבער די אויערן. זי פּראָטעזשירט פינאַנסיעל באַגאַבטע קינסטלער. שווערע געל־טער גיט זי אויס אויף אויסהאַלטן אייגענע אָרקעסטערס. זייערע סאַלאָנען זענען אַ פּלאַץ פון אייביקע קאָנצערטן; און דאָס — פון העכסטן ניוואָ. דערביי ווייזן די ווינער אַריסטאָקראַטן אַרויס אַ זעלטענע מוזיקאַלישע בקיאות. און אַ געשמאַק האָבן זיי — דעם סאַמע ראַפינירטסטן! זיי זענען גרויסע פיינשמעקער אויף דער אויספירונג פון אַ ווערק. זעלטן ווער פון זיי שפּילט נישט אויף אַן אינסטרומענט. פאַראַן צווישן די אַריסטאָ־קראַטן אמתע קינסטלער־ווירטואָזן; און אַפילו גאָרנישט קיין שלעכטע קאָמפּאָזיטאָרן.

מוזיק איז ביי דער ווינער אַריסטאָקראַטיע אַ גאָר וויכטיקער עלע־מענט פון זייער לעבן. אפשר זייער גרעסטער צייט־פאַרטרייב, און זיכער דער באַליבטסטער פאַרגעניגן. אָבער:

דעם סאַמעליידנשאַפטלעכן מוזיק־ליבהאָבער פון דעם אַריסטאָקראַ־טישן ווין — דאָס מוז מען באַזונדערס אונטערשטרייכן — וועט אין לעבן נישט איינפאַלן צו טראַכטן, אַז מוזיק קען און דאַרף זיין עפּעס מער, ווי אַ צייט־פאַרטרייב, אַ פאַרגעניגן. דער מוזיק־ליבהאָבער פון דער ווינער אַריסטאָקראַטיע וועט קיינמאָל נישט אַ טראַכט טאָן, אַז דער קינסטלער, דער מוזיקער, קען זיין עפּעס אַנדערש, ווי אַ באַצאָלטער באַדינער.

די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך איר אייגענעם עסטעטישן געשמאַק.

דער גייסט פונעם רוף פון רוססאָ (געב. 1713 — געשט. 1778) — „צוריק צו דער נאַטור" — אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרעם פאַרשטענדלעך און אויסגעהוילט פון זיין אמתער באַדייטונג, שוועבט איבערן עסטעטישן געשמאַק פון דער אַריסטאָקראַטיע ביים סוף פון דעם 18־טן י. ה. אין אייראָפּע. דאָס פאַרקריפּלען דעם געדאַנק פון דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף האָט געבוירן אַ לייכטן און אָנגענעמען סטיל, אַ שפּילעוודיק־עלעגאַנטן, ענלעך צו די ראָקאָקאָ־צאַצקעס. דער סטיל איז אַ גראַציעז־פלאַטערנדיקער, ווי „די שיינע שמעטערלינגען פונעם סאַלאָן" — זאָגט ראָמען ראָלאַן.

דער דאָזיקער סטיל האָט גרויסע מעלות. די שיין־זינגענדיקע מע־לאָדיע, געבויט אויף אַ דינאַמישער ריטמיק, רעדט אָנגענעם צום אויער און ביי מאָצאַרט — אויך צום האַרץ. ווי אַ צירונג, איז די דאָזיקע בחנטע מעלאָדיע איינגעפּאַסט אין קלאָרע, שאַרף קאָנטראַסטירטע פאָר־מען. זי טונקט אין אַ קלימאַט פון אַ לייכטער סענטימענטאַליטעט און סענסועלקייט. זי פליסט אין אַן אָנגענעמער אַטמאָספערע פון פּאָעזיע. עפּעס געזנוי ווי די געשפרעכן אין די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען.

ביי דער דאָזירונג פון דעם מוזיקאַלישן ווערק מוז דער קאָמפּאָזיטאָר זיין שטאַרק אָפּגעהיטן. דער עיקר נישט איבערכאַפּן די מאָס! נישט צופיל געפיל און אויך נישט צו ווינציק. לויט די באַגריפן פון דעם נאָבעלן עולם, די שיין־גייסטער, איז קונסט — אָרום און אָרום — אַ פיינע

שפּיל בלויז. זי דאַרף נישט גענומען ווערן צו ערנסט, זי דאַרף אָבער זיין גוט געמאַכט.

נאָך דער ערשטער אויספירונג פון „דאָן זשואַן" — אין ווין, האָט דער קייסר יאָזעף דער צווייטער, מאָצאַרטס פּראָטעקטאָר, אַליין אַ קענער פון מוזיק, רעאַגירט בזה הלשון:

„מיין ליבער מאָצאַרט, צופיל נאָטן אין אייער אָפּערע פאַראַן...".

דער ראַפינירטער געשמאַק פון די נאָבעלע האָט זיך זיינע געזעצן און טאָלערירט נישט די דרייסטערע מוזיקאַלישע געוואַגטקייט. דאָס דאָזיקע, טאָר דער קאָמפּאָזיטאָר — למען השם! — נישט פאַרגעסן. דער מוזיקער דאַרף שאַפן מוזיק, זי זאָל לייכט אַריינפאַלן אינעם אויער. זיין שאַפונג דאַרף האָבן קלאָר געבויטע קאָנסטרוקציעס. זי דאַרף זיך שטיצן אויף אַ האַרמאָנישער צונויפגיסונג פון קלאַנגען און אינסטרומענטן. היינט, וואָס שייך מוזיק פאַר סאָליסטן, פלעגט ווערן פאַרלאַנגט אַ מאָסע פון מוזיקאַליש־טעכנישע שוועריקייטן, כדי דער סאָליסט זאָל קענען אַ פינקל טאָן אין סאַלאָן מיט זיינע מעלות פון אַ ווירטואָז.

מוזיק איז דער אָרנאַמענט פון סאַלאָן — פלעגט האַלטן בשעתו די אַריסטאָקראַטיע פון ווין.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען, איז דער קאָמפּאָזיטאָר געניגט צו שאַפן מוזיק פון פאַרשידענע סאָרטן: מוזיק פאַר אַ באַל־פאַרוויילונג; מוזיק, כמו אַן אָנגענעמע באַגלייטונג צו אַ ספּירטועלן סאַלאָן שמועס; אָדער מוזיק גאָר, ווי אַ קלאַנג־דעקאָר צו אַ מאָלצייט. אין יענע צייטן, איז נישט דאָ דער היינטיקער תהום בין פאַרוויילונגס־מוזיק און ערנסטער נגינה פאַר קאָנצערטן. אַפילו דער פרומער באַך האָט געשאַפן מוזיק צום טאַנצן. איינער און דער זעלבער קאָמפּאָזיטאָר האָט מוזיקאַליש באַדינט אַלע פלאַכן פון דעם אַריסטאָקראַטישן לעבן.

וואָס אַן אמת, איז דעם קאָמפּאָזיטאָר, דעם אָנגעשטעלטן, ביי דער קירכע, אינעם הויף ביי אַ מושל פון אַ לאַנד, אָדער גאָר — ביי אַ רייכן אַדעליקן, נישט געווען וואָס מקנא צו זיין אין יענע צייטן. זיין שטעלע איז שוין ווייט נישט געווען קיין פּריווילעגיע. ער האָט געמוזט פלינק זיין אין זיין אַרבעט און כסדר צושטעלן דעם באַלעבאָס זיינעם מוזיק,

„ווי דער יעגער געפליגל, און דער פישער פיש צום מאַלצייט" — זאָגט דער בעטהאָוון־ביאָגראַף, טייער.

די דאָזיקע אָפּהענגיקייט האָט דעם מוזיקער צוגעבונדן צום געשמאַק פון זיין באַלעבאָס. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט ביים שאַפן כסדר געמוזט אין זינען האָבן, אַז זיין ווערק וועט אויסגעהערט ווערן דורך אַן עולם וואָס אינטערעסירט זיך מיט אים נאָר אין דער מאָס, ווי זיין מוזיק קען צע־שטרייטן דעם צוהערער.

איז טאַקע דעם קאָמפּאָזיטאָרס ערשטע שטרעבונג, אין יענע יאָרן, דערלאַנגען דעם נאָבעלן עולם די שיינע מעלאָדיע. דער מוזיקאַלישער געדאַנק ווערט אַן אָביעקט פון שיינקייט, ווי די פּולקאָמע צייכענונג, אין דער מאָלעריי, איז אַ פאַרגעניגן געווען פאַרן אויג.

די ווינער אַריסטאָקראַטיע פאַרוואַנדלט די מוזיק אין אַ נאָבעלע מוזיקאַלישע שפּילצייג, וואָס איז פול מיט חן. דאָס גאונות פון היידן, און נאָך מער, פון מאָצאַרט, האָט אין דעם דאָזיקן סטיל אַריינגעברענגט, מחוץ דעם שאַרפן רייץ, אויך אַ קוואַליקן טעמפּעראַמענט פון לעבן.

די מוזיק־קאָנצעפּציע פון בעטהאָווענען איז בניגוד צו די הערשנדע אויפפאַסונגען און געשמאַקן אין ווין.

פאַרן גאון פון באָן איז מוזיק, ווי געזאָגט, נישט קיין צאַצקע, נייערט אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. זי איז זיין פערזענלעכע נשמה השתפכות. און דערפאַר וועט ער קיין ליפעראַנט פון אונטערהאַלטונגס־מוזיק נישט זיין.

ער וויל די מוזיק אָוועקרייסן פון די אַלע אַריסטאָקראַטישע פאַר־ווילונגען. אים זענען דערווידער די מאָדענע אימפּעראַטיוון פון די סאַלאָנען. ער האָט ווייט נישט בדעה צו ווערן דער אויסדריקער פונעם העכערן סאָציאַלן שיכט אין ווין. ער איז אַ פרייער מענטש און וויל עוסק זיין נאָר אין אַ קינסטלערישער שאַפונג, וואָס זאָל אויסדריקן דעם באַוווסטזיין פונעם יחיד אין זיין געראַנגל צו ענדערן דעם פּנים פון דער געזעלשאַפט.

אָט, זאָגט ער — בעטהאָוון:

„ווען איך הער עפּעס אין מיר, איז דאָס שטענדיק דער גרויסער אָרקעסטער".

די „נאָבעלע" וועלט, אויב האָלט זי די מוזיק פאַר אַ פיינע שפּיל, האָט בעטהאָוון וועגן דער דאָזיקער קונסט — גאָר אַן אַנדערע מיינונג. מען וואָלט געקענט שווערן, אַז דער צדיק, ר' נחמן בראַצלאַווער און לודוויג וואַן בעטהאָוון האָבן וועגן נגינה איינע און די זעלבע דעה.

דער בראַצלאַווער האָט געלערנט, אַזוי צו זאָגן:

„דער קול הנגינה — איז דער מאַנטל פון דער שכינה".

און בעטהאָוון? ער שרייבט צו זיינעם אַ פריינד קיין האַמבורג (אין 1812):

„נאָר די קונסט און די וויסנשאַפט דערהויבן דעם מענטש צו דער גאָטהייט".

בעטהאָוון באַטראַכט זיך נישט פאַר אַ מוזיקער אינעם קאָנוועַנציאָנעלן באַגריף פון דער צייט. ער האַלט זיך פאַר אַ „טאָנדיכטער"! דאָס וויל זאָגן — אַ פּאָעט, וואָס דריקט זיך אויס דורך קלאַנגען און אַקאָרדן.

„דאָס, וואָס רעגט אַן מיינע געדאַנקען — זאָגט בעטהאָוון — דאָס זענען די שטימונגען. ביי אַ פּאָעט דריקן זיי זיך אויס מיט ווערטער; און ביי מיר — מיט קלאַנגען. זיי רעזאָנירן (די קלאַנגען), זיי רוישן, שטורעמען, ביז זיי געבוירן אין מיר מוזיק". (1)

הכלל; בעטהאָוון און די ווינער אַדעליקע — דאָס זענען צוויי באַזונדערע וועלטן. זייערע סתירותדיקע קונסט־השקפות קענען נישט אויסקומען צו־זאַמען, בלי צו פּראָוואָצירן אַ קריטישן צוזאַמענשטויס.

בעטהאָוונס ריס מיט דער ווינער אַריסטאָקראַטיע אויפן שטח פון מוזיק־עסטעטיק איז נישט קיין קאַפּריז פון אַ שטאָלצן דאָן קישאָט. דאָ, גייען זיך פונאַנדער צוויי באַזונדערע לעבנס־פילאָזאָפיעס.

בעטהאָוונס אַקאָרדן זענען דער גלאָקן־קלאַנג פון דער אונטערגייענ־דיקער פעאָדאַלער ציוויליזאַציע!

די עסטעטישע באַגריפן פון בעטהאָווען גיבן אַ וויטן שפּרונג אַוועק

1. טייער, דאָרט, באַנד דריי, זייט 417.

פון זייער צייט; זיי עפענען גאָר נייע האָריזאָנטן. נישט בחינם וועט דער באָנער גאון ווערן דער גאָט פון דער יונגער ראָמאַנטישער שולע אין דייטשלאַנד, כאָטש אין תוך האָט ער אַ גאַנץ קנאַפּן שייכות מיט איר נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע, ווי אויך מיט אַ גאַנצער רייע עלעמענטן פון זייער באַזונדערן סטיל.

נישט דער אידעאַל פון באַך, ד. ה. — די טעכנישע פּערפעקציע, איז יעצט דער אידעאַל פון בעטהאָוון — מיינען זשאַן און בריזשיט מאַסאָן.

בעטהאָווענס אידעאַל גרייכט ווייטער; ער גרייכט צו דער איבער־שטייגונג פון דער מוזיקאַלישער מאַטעריע. ער איז נישט מער דער מוזיקער פון סתם קלאַנג און שפּיל, נייערט דער פּראָטאָטיפּ פון דינאַמישע ליידנ־שאַפטן. נישט אין בויען שיינע קלאַנגפולע קאָנסטרוקציעס האַנדלט זיך בעטהאָווען; אים גייט נישט אין שאַפן אָנגענעמע סענסועלע, סענטי־מענטאַלע מוזיק. ניין. אָט, אַ שטייגער, די לעצטע סאָנאַטן זיינע, די „ניינטע" (געשאַפן אין יאָר 1824), די לעצטע קוואַרטעטן — די אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן שוין אין צושטאַנד פון גרעסטע פיזישע ליידן, דאָס איז מוזיק געריכטעט מער צום גייסט, ווי צום אויער.

די בעטהאָוון־פאָרשער, דאָס פּאָרל מאַסאָן, מאַכן אַ פּערטינענטע באַמערקונג; זיי זאָגן, אַז דער בעטהאָוון, פון די אויבן אויסגערעכנטע שאַ־פונגען, איז דער ערשטערביישפּיל אין דער קונסט, ווען דער קינסטלער זוכט צו באַפרייען זיך פונעם טראַדיציאָנעלן באַגריף פון קלאַנג. אַזוי וועלן מיט יאָרן שפּעטער מאָלער זוכן צו באַפרייען זיך פון דער פיגור־ראַטיווקייט.

דער פראַנצויזישער שרייבער, אַנדרעי סואַרעז, שטעלט פעסט, אין זיין בוך — „מוזיקער" — אַז בעטהאָווענס „מוזיק איז נישט בלויז מוזי־קאַליש. זי נעמט אַרום אַ גאַנצן קאָמפּלעקס אידעען פון מאָראַלישן כאַ־ראַקטער, אַ סיסטעם פון געפילן און אויך כמעט פּאָליטיק".

דער ווילן אַריינצוברענגען אין זיין ווערק זיך זעלבסט, די שטרעבונג אויסצודריקן זיין רעוואָלט, זיין אינדיווידואַליזם — דאָס האָט פון בעט־האָווענס פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע טעכניק פון שאַפן. אַ סימפאָניע פון בעטהאָווען דויערט אַ סך לענגער, ווי אַ סימפאָניע פון היידן אָדער מאָצאַרט. און דאָס, דאַרף מען וויסן, איז גאָרנישט קיין ענין פון אַ קאַפּריז,

אלא אַ פועל יוצא פון אַ גוט דורכגעטראַכטן שאַפונגס־פּלאַן. דער הויפּט־עלעמענט, וואָס באַצוועקט דעם ציל פון בעטהאָווענס ווערק, איז זיין מוזיקאַלישער געדאַנק. דער געדאַנק באַשטימט די פאָרעם. אין זכות פון זיין נייער שפּראַך, אין זכות פון זיין נייעם תוכן, ווערט די פאָרעם פון מוזיקאַלישן אויסדרוק — די סאָנאַטע — געווירשנט פון זיינע גרויסע פאָרגייער, אויסגעברייטערט; צעשפּאַרטע ווענט באַקומט זי ביי דעם גאון פון באָן.

אָבער, וואָס איז דאָס אַזוינס — די סאָנאַטע? פאַרן ווייניק באַהאַוונטן לייענער איז נויטיק אַ קורצע אויפקלערונג.

אינעם באַגינען פון דער אינסטרומענטאַלער מוזיק אין איטאַליע, האָט דער איטאַליענישער באַגריף „סאָנאַטאַ" (Sonata) באַדייט אַ שאַפונג פאַר אַן אינסטרומענט, אַזוי ווי „קאַנטאַטאַ" (Cantata) האָט באַדייט אַ שאַפונג פאַר געזאַנג, אַזוי האָט „טאָקאַטאַ" (Toccata) באַדייט אַ שאַפונג פאַר אָרגל, אָדער קלאַוויקאַרד־אינסטרומענט. אַ לאַנגע צייט פאַרבלייבט די סאָנאַטע נישט מער, ווי אַ קורצע באַשיידענע פאָרעם. אגב; צו דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער פאָרעם, ווי אויך צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינסטרומענטאַלער מוזיק, האָט צוגעלייגט אַ האַנט אויך דער באַדייטנדער ידישער מוזיק־שעפער, אין דינסט פון דעם הערשער פון מאַנטאָוואַ, אין איטאַליע, סאַלאָמאָנע ראָססי (געב. 1570 — געשט. 1630). ביי אחינו בני ישראל, האָט דער ייד געהייסן שלמה האדומי.

אין דער צווייטער העלפט פונעם 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך די סאָנאַטע שטאַרק אַנטוויקלט. קאַרל פיליפּ עמאַנועל באַך (געב. 1714 — געשט. 1788) — איינער פון די זין פון גרויסן באַך — און דער עיקר, היידן (געב. 1732 — געשט. 1809) און מאָצאַרט (געב. 1756 — געשט. 1791), האָבן אין דער דאָזיקער פאָרעם געשאַפן גרויסע און רייכע ווערק.

די סאָנאַטע האָט אַ ציקלישן געבוי; זי איז אַ מין קייט פון רינגען. יעדער רינג האָט זיך זיין באַשטימונג, אינהאַלט און כאַראַקטער — דעפינירט אין לויף פון דורות דורך מוזיקער און מוזיקאַלישע לומדים. די סאָנאַטע־פאָרעם איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער א. ג. ווינער קלאַסישער מוזיק. זי איז די פאָרעם פון דער אינסטרומענטאַלער מוזיק

פאַר אַ סאָלאָ־אינסטרומענט, פאַר צוויי כלי נגינה און מער. אָפּהענגיק פון דער צאָל אויספירער, ווערט דאָס ווערק אַ טריאָ, אַ קוואַרטעט, קווינטעט א. אַז. וו. אויך די סימפאָניע איז אַ שאַפונג אין דער סאָנאַטע־פאָרעם, געשריבן פאַר אַ גאַנצן אָרקעסטער.

אין איר דעפיניטיוון געבוי, ווי זי האָט זיך אויסקריסטאַליזירט ביים סוף פון 18־טן י. ה. איז די סאָנאַטע מערסטנס איינגעטיילט אין פיר טיילן. דער ערשטער, דער וויכטיקסטער און סאַמע סובסטאַנציעלער רינג אין דער קייט, איז געהאַלטן אין אַ רירעוודיקן טעמפּאָ. די עסטעטישע וויכ־טיקייט דאָ באַשטייט אין דער רעגולערקייט ביים אָקעגן שטעלן די באַנוצטע מאָטיוון, אין זייער פּינקטלעכן דערשיינען אין באַשטימטן פּלאַץ, ווי אויך אינעם פאָרמאַליזם ביים באַהאַנדלען די אַנאַליטישע אַנטוויקלונג — די צעגלידערונג — פון דער מוזיקאַלישער טעמע. די צווייטע טייל, ווי אַ קאָנטראַסט צו דער לעבעדיקער ערשטער, איז געהאַלטן אין אַ לאַנג־זאַמען טעמפּאָ און איז באַשטימט פאַר אַ צעזונגען ליד, אַ פּילבאַרס. דער דריטער רינג פון דער סאָנאַטע־קייט איז אַ מענועט, דער עלעגאַנטער טאַנץ פון דער סאַלאָן־געזעלשאַפט פון 18־טן י. ה. דאָס דערשיינען פון טאַנצנדיקן מענועט איז באַשטימט צו פאַרטרייבן די סענסועלע אַטמאָס־פערע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט בעת דער פּאָעטיש־סענטימענטאַלער צווייטער טייל. דער פערטער טייל איז אַ לוסטיקער פינאַל, דער א. ג. „ראָנדאָ״, אַ פאַרשידנאַרטיקער זינג־זאַנג אַרום דעם זעלבן רעפרען.

דאָס איז, געשילדערט גאַנץ אויבערפלעכלעך, די סאָנאַטע־פאָרעם ערב בעטהאָווענען.

וואָס שייך בעטהאָווענען, האָט ער זיך נישט באַגרענעצט צו שרייבן לויט דער סאָנאַטע־פאָרעם פון זיינע פאָרגייער. ער האָט אַרום איר געמאַכט אַ לייטישן אומוועג. בעצם, האָט ער די ליניעס פון דער געירשנ־טער סאָנאַטע נישט צעשטערט. ער האָט איר בלויז דערלאַנגט „די ברייטקייט פון זיינע אַקסלען און דעם פאַרנעם פון זיין ברוסט, ווו ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ פון אַ וועלט״. (ראָמען ראָלאַן).

די פיר טיילן פון דער סאָנאַטע (ווען נויטיק, האָט דער מוזיקער די צאָל טיילן געענדערט; ער האָט אויך פאַרוואָרפן דעם סאַלאָן־מענועט)

ווערן ביי בעטהאָווענען צונויפגעקניפּט מיט אַ יחס, וואָס מאָטיווירט די המשכדיקייט פון אַן אידעען־אינהאַלט.

אַנטאָן שינדלער, דעם קאָמפּאָזיטאָרס בן־בית, דערציילט, אַז געוויסע מיטצייטלער פלעגן איינזעען אין „בעטהאָווענס סאָנאַטעס אמתע אַפּערעס, נאָר בלויז אַנדערשאַרטיק פאָרגעשטעלט״.

אמת, בעטהאָווען איז דער יורש פון דער פּערפעקטער, פיין־קלינגענדיקער סאָנאַטע פון ווינער סאַלאָן — די געאָרדנטע צאַצקע פון אַריסטאָקראַטישן געשמאַק; ער האָט, אמת, אויפגעהאַלטן די מוזיקאַלישע טראַדיציע מיט אַלע אירע פאָרמען; אָבער, איינצייטיק, איז ער דער ברעכער פון אירע געזעצן און מנהגים. די טראַדיציע הערט אויף פאַר אים צו זיין אַן אַבסאָלוטער אימפּעראַטיוו.

בעטהאָווען איז דער באַניייער, וואָס פירט איין די שאַפונגס־פרייהייט. זיין ווערק איז כולל אַ שפּאַנונג, וואָס באַקומט זיך פון אַ פּאַראַדאָקס. דהיינו? ער וויל צונויפפּאָרן דעם ווילן פון אָרדנונג מיטן דראַנג צו פרייהייט.

ביים גאון פון באַן באַקומען אַלע עלעמענטן פון מוזיקאַלישן אויסדרוק אַן אַנדערע באַהאַנדלונג. דער דאָזיקער גאון רעדט אַנדערש, ווי זיינע פאָרגייער און זאָגט עפּעס אַנדערש פון זיי.

גלייך אין זיינע ערשטע ווערק פאַרשווינדן ביי בעטהאָווענען די פּראָפּאָרציעס און היעראַרכיעס נוגע די מוזיקאַלישע עלעמענטן, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע פאָרגייער. מיר אָבסערווירן אַן אמתן אויפשטייג, אין ווערט און וואָג, פון די מוזיקאַלישע אויסדרוקס־מיטלען, וואָס ביז אַהער, האָבן זיי געטראָגן אַ נעבנבאַרן כאַראַקטער. ביי בעטהאָווענען ווערן זיי דערהויבן צו אויטאָנאָמיע.

די מעלאָדיע, ביז דאַן, אַ פּריווילעגירטע מוזיקאַלישע דימענסיע, פאַרלירט איר איבערוויגנדיקן מעמד און ווערט, אין בעטהאָווענס מוזיק איינע בלויז פון צווישן אַלע אַנדערע דימענסיעס.

לאָמיר נישט פאַרגעסן — בעטהאָווענס מוזיקאַלישע באַנייאונג איז נישט אָפּצוטיילן פונעם סאָציאַלן, אידעאָלאָגישן, מוזיקאַלישן און, אַפילו פּסיכאָלאָגישן, האָריזאָנט פון זיין צייט; דאָס איז דער האָריזאָנט פון ווין אויפן פרשת הדרכים צווישן דעם 18־טן און 19־טן י. ה.

אַט, למשל, באַמערקט וואַגנער, אַז „מאָצאַרט הויבט אָן זיינע סימ־פאָנישע ווערק מיט אַ גאַנץ פּאַרטיקע מעלאָדיע. מעשה שפּיל, צעדריבלט ער די מעלאָדיע (אין דער אַנאַליטישער אַנטוויקלונג) אין אַלץ מער און מער קליינע פראַגמענטן. בעטהאָוון, פאַרקערט, הויבט אָן מיט פראַגמענ־טאַרע טיילן און, אויף אונזערע אויגן, שטעלט ער אויף אַלץ רייכערע און אַלץ מער שטאַלצע קאָנסטרוקציעס".

פּאַרוואָס׳זשע בויט בעטהאָוון זיין מעלאָדיע, אָדער מוזיקאַלישע טעמע, פּונקט קאַפּויער, ווי מאָצאַרט? דאָס איז דאָך אין סתירה צו דער אָנגע־נומענער טראַדיציע? וואָס איז דער טעם פון בעטהאָווענס ווענדונג אין דער מוזיק?

מאָצאַרט, ווי געזאָגט, איז נישט געקוקט אויף זיין כעס און צאַרן, אַ מענטש פון זיין צייט. זיין מוזיק גייט אין דער פּאָר מיט זיין תקופה. די סאָנאַטע וואָס ער האָט באַרייכערט מיט זיין האַרץ און גאונות. באַ־טראַכט ער — געגנוי ווי זיין אַריסטאָקראַטיש פּובליקום — פאַר אַ פּאַרטיק קאָמפּלעטע פאָרעם; זי גייט נישט צו ענדערן. זי אַנטשפּרעכט, זי שפּיגלט אָפּ אַ באַשטימטע פילאָזאָפיע פון לעבן. דעריבער הויבט אָן מאָצאַרט זיין ווערק מיט אַן אויסגעפאַרטיקטער מעלאָדיע; יעצט שפּעטער, גייט ער אַריבער צו דער אַנאַליטישער באַהאַנדלונג לויטן אָנגענומענעם, קאָנ־ווענציאָנעלן פּלאַן פון דער סאָנאַטע־פאָרעם.

בעטהאָוון אָנערקענט נישט קיין קאָנווענציאָנעל־באַשטימטן פּלאַן אין דער יצירה, ווי ער אָנערקענט נישט די קאָנווענציאָנעל־באַשטימטע פאָר־מען אין דער געזעלשאַפט. ווי דאָס לעבן, קען דער פּלאַן נישט בלייבן סטאַטיש. דאָס וואָרט, ביי בעטהאָווענען, באַקומט דער פּראָצעס גופא פון דער אויספאָרעמונג! די מוזיקאַלישע טעמע זיינע פאָרעמט זיך אויס אין לויף פון דעם ווערק. ער וואַרפט אָן פראַגמענטן, ער קלויבט זיי צוזאַמען, ער עלימינירט, ער פּאַסט צו; ער בויט בהדרגהדיק, גלייך ווי ער וואָלט פון דעם בראשיתדיקן כאַאָס אויסגעפאָרעמט אַ וועלט!

בעטהאָווענס ווענדונג אין דער מוזיק איז מאָטיווירט דורך זיין נעגאַציע „פון דער מאַיעסטעטישער סטאַטישקייט פון אַ פריערדיקער צייט" — זאָגט ראָמען ראָלאַן.

„בעטהאָוון באַשאַפט אַ לירישע קונסט פון אַ מוזיק, וואָס מיט

דער פריערדיקער מעלאָדיע אירער איז זי געווען בלויז אַ פאָרמעלע קונסט. בעטהאָווענס מעלאָדיע האָט אַזוי אַרום קיין שום שייכות נישט מיט דער עלעגאַנטער פראַזע פון היידן און מיט דער סימעטרישער סטראָפע פון מאָצאַרט. זי איז אויסשליסלעך עקספּרעסיוו און פאַר־לאַנגט אַ מענטשלעך־דינאַמישע אינטערפּרעטאַציע״. (זשאָזעף דע מאַרליאַוו).

נאָך בולטער קומט צום אויסדרוק בעטהאָווענס ריס מיט „דער מאָ־יעסטעטישער סטאַטישקייט פון אַ פריערדיקער צייט״, ווען מען פאַרגלייכט דעם ריטעם ביי בעטהאָווענען און מאָצאַרטן.

לאָמיר געבן אַ וואָרט גוסטאַוו בעקינג, דעם מחבר פון בוך „דער ריטעם, ווי אַ היסטאָרישע קוועלע פון דערקענטעניש״.

„דער ריטעם פון מאָצאַרט איז אַ שורשדיקע איינהייט, די נאַטור־רעלע האַרמאָניע מיט דער וועלט — זאָגט ג. בעקינג. — „מאָצאַרט איז נאַאיוו פון עטישן שטאַנדפּונקט. ...ער באַמיט זיך נענטער צו קומען צום אידעאַלן, און שטרעבט צו געפינען דעם וועג. דאָס ליכט פון דערקענטעניש לייכט אַריין (ביי אים) אין דער טונקל פון דער אומבאַקאַנטער וועלט — אָן שום פאַרצוימונגען. בעטהאָוון לייקנט די שטופּנווייזע דערנענטערונג צום פולקאָמען. בעטהאָווענס ווילן איז צו ענדערן פון גרונט אויס די וועלט. דעם דאָזיקן ווילן פילט מען אין יעדן קלאַנג זיינעם. זיין יעדער ריטמישער קלאַנג איז פול מיט געוויכט; ער איז אויסגעפילט מיט אַ קראַמפּהאַפטן ווילן. ביי מאָצאַרטן קלאַפּט דער ריטעם פריי. ער איז בהסכם, און אין איינהייט, מיט דער נאַטור. די ריטמישע קוואַליטעט פון מאָצאַרט פאַרמאָגט די כאַראַק־טעריסטישע אייגנשאַפט פון ארויפשטייגן און אַראָפּנידערן ביי אַ רעגל־מעסיקער וועקסלונג״.

גאָר אַנדערש איז בעטהאָווענס ריטמישע באַוועגונג. ג. בעקינג פאַר־גלייכט זי צו אַ וואָגן, וואָס האָט נישט קיין אייגענע קראַפט. דער וואָגן „באַוועגט זיך, נאָר דאַן, ווען ער ווערט געשטויסן ווערן״. (1)

---

1. Paul Nettl. Beethoven und seine Zeit.

לויט דער דעה פון פראַנצויזישן פילאָזאָף, אָליוויע רעוואָלט ד׳אַלאָן, קען מען „גאַנץ גוט פאַרשטייך, ווי אַזוי און פאַרוואָס איינער און דער זעלבער מענטש (בעטהאָוון) איז ביי די „געגעבענע באַדינגונגען" — ווי מען איז געווינט צו זאָגן — געווען בכוח צו רעאַליזירן מער רעוואָלוציעס, ווי די פיר אָדער זעקס דורות פאַר אים האָבן רעאַליזירט".(1)

טאַקע דערפאַר האָט בשעתו דער מוזיקאַלישער עולם אויפגענומען די מוזיק פון בעטהאָווענען, ווי „איינע פעררוקטע מוזיק". דער עולם האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז בעטהאָוון צייכנט „מעכטיקע פּרעסקעס, געוואָגדן צו די פעלקער פון דער וועלט" — זאָגט ראָמען ראָלאַן. דער עולם האָט נישט געטראַכט, אַז ער קימערט זיך גאָרנישט אין דער היימישער אַריסטאָקראַטיע. „ער איז פאַרנומען געווען ביים סופיט פון זיין אייגענער סיקסטינער קאַפּעליע (ווי מיקעל אַנדזשעלאָ), אויג אויף אויג מיט זיינע געטער און זיינע נביאים". (ראָמען ראָלאַן).

די צעשפּאַרטע פיר טיילן פון דער געירשנטער סאָנאַטע האָט בעטהאָוון אַנגעפילט מיט אַ — ביז יעצט — נישט געזעענעם רייכטום פון טעמעס און וואַריאַציעס. (וואַריאַציעס זענען פאַרענדערונגען פון איינער און דער זעלבער טעמע). ביי יעדער פאַרענדערונג, אין לויף פון דער טעמאַטישער אַנטוויקלונג, באַקומט די טעמע — אַ צווייטן אינהאַלט.

דאָס איז די אייביקע באַנייאונג!

דעם מוזיקערס ווערק באַקומט אַ קאָלאָסאַל-נייעם פאַרנעם; ניי און קאָלאָסאַל, ווי דער אמת, צו וועלכן ער האָט זיך פאַרקנסט. דער אימפּעט פון גאון באַפרוכפּערט מעכטיקע שאַפונגען. זיי ווערן געבוירן מאַסיוו און דערהויבן. זיי פאַרמאָגן דעם באַפליגלטן שווונג פון די גאָטישע מאָנומענטאַלע קאַטעדראַלן!

צוגלייך מיט די פרומע האַנטווערקער, וואָס האָבן מיט אַ תפילה אויף די ליפּן, געבויט זייערע הייליקטימער, בויט בעטהאָוון מיט אַ תפילה זיין ווערק.

זיין ווערק איז אַן אמתע קלאַנג-קאַטעדראַלע, אַ מזמור שיר לכבוד דעם מענטשלעכן מין. צו זיין קרעאַטיוון אַקט באַציט זיך דער גאון ווי

---

1. Olivier Revault d'Allones, Plaisir à Beethoven.

צו אַן עבודת הקודש. פאַר אים איז דער קרעאַטיווער פּראָצעס, ווי דאָס זאָגט דער צדיק פון בראַצלאַוו, אַן אויפגאַבע פון „צונויפזאַמלען די איבעראַל־פאַרשפּרייטע טענער און אויפבויען פון זיי דעם ניגון, ד. ה. שאַפן די פרייד, שאַפן דעם כוח הנבואה, וואָס איז דאָך דער פולסטער קעגנזאַץ פון עצבות־רוח. וואָרעם, ערשט ווען דער נביא דערהערט דעם ניגון, דורך וועלכן דער יודע נגן שאַפט די פולשטענדיקע פרייד, דערוועקט זיך אין אים דער כוח־הנבואה". (1).

דער יצירה־פּעריאָד ביי בעטהאָווענען איז דעריבער אַ צייט פון אַ זעלטענער אינטעלעקטועלער שפּאַנונג. זיין ווערק גליט ער אויס בהדרגהדיק, אָפטמאָל, דורך יאָרן הכנות. וואָרפט מען אַן אויג אויף דעם שעפערס עסקיזן, ווערט מען דערשטוינט פון זיין התמדה ביים האַמערן און פּאָלירן דעם קלענסטן דעטאַל אַפילו פון זיין קאָמפּאָזיציע. מיט דרך ארץ בלייבט מען שטיין כלפּי דער פּעסטקייט פון זיין ווילן בעתן געבורט פון זיינע קינסטלערישע כוונות.

נו, אַ יצירה, געשאַפן מיטן רוח עבודת הקודש, מוז פאַרמאָגן אייגנאַרטיקע אויסדרוקס־מיטלען. די קלאַסישע עלעגעניאַץ פון דער מוזיקאַלישער פראַזע פאַלט אַ קרבן לטובת דעם אויסדרוק פון עקספּרעסיע. דאָס חשיבות פון דער ריטמישקייט איז עולה צו אַן אויטאָנאָמער מוזיקאַלישער דימענסיע. דער ריטעם ווערט יעצט דער דאָמינירנדער עלעמענט; ער ווערט האַסטיקער, שאַרפער, דינאַמישער, די אַטמאָספערע, אַן אָנגעגליטע — אַ קריגעריש־קעמפערישע.

אַן אייביקע שפּאַנונג הערשט אין בעטהאָווענס אַ ווערק. פאַרשווונדן זענען די ספּיראַלן פון ראָקאָקאָ מיט זייער שפּילערישן חן. פון די איבערגעלאָדענע אָרנאַמענטן, ענלעך צו די גראָטעסק־פאַררונדעטע זיילן, און מאָדנע פאַרקרימונגען, איזביים מוזיקער קיין זכר נישט געבליבן.

בעטהאָוון, דער הערשער איבער דער קלאַנג־אימפּעריע, ער האָט גוט געקענט אַלע באַוועגונגען פון מענטשלעכן געמיט, דהיינו — פרייד און ווייטיק, ליידנשאַפט און צניעותדיקע הכנעה, שרעק און האָפענונג; האָט ער אַרויסבאַקומען פון זיין אומדערשעפּלעכער פאַנטאַזיע — אומעטום —

1. דר. ישראל צינבערג, „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", באַנד 7, צווייטער בוך

דעם פּאַסנדן אויסדרוק. דער אמת, וואָס האָט באַציוונגט זיין לעבן, איז אים אויך געשטאַנען צו קאָפּנס, ווען ער האָט געוועלטיקט און באַצווינגען זיין קינסטלערישע מאַטעריע. און דעריבער קלינגט אין זיין מוזיק דאָס שאַפנדע לעבן פון דער נאַטור, ווי אויך דער ליידנשפּאַטלעכער באַגער פון דער מענטשהייט.

זיין מוזיק איז, ווי דער עצם פּונעם לעבן, אַ קעסל וואָס קאָכט, אַ ברויזנדער ים פון באַשאַף. דאָס איז דער דראַמאַטישער קאַמף פון בראשית; קעגנגעזעצטע כוחות געבוירן אין אַ באַפרוכפּערנדיקן געראַנגל, דעם מאָרגנשטערן פון אַ נייעם טאָג.

ווי אַ פעלדמאַרשאַל אויפן שלאַכט־פעלד, וואַרפט בעטהאָוון זיינע קלאַנג־מאַסן אין שטורמישן ווירוואַר, און אַן צו לאָזן זיך באַהערשן פון זיין צעברויזטן טעמפּעראַמענט, באַהערשט ער און דאָמינירט זייער גורל.

„אַלץ איז קאַמף אין דער דאָזיקער מוזיק, וואָס מאַרשירט צו דער אַפּאָטעאָזע״. — זאָגט עדמאָן בישע. (1).

אַפילו די אָפּטע מעלאַנכאָלישע שטימונגען בעטהאָוונס — אויך זיי ברענגען אַריין אַ קלאָריט, אַ נייעס. זיי דערלאַנגען די פאַרב פון אינער־לעכער פאַרטראַכטקייט.

הקיצור, בעטהאָוונס מוזיק איז גאָר עפּעס אַנדערש.

ווען מען הערט אַ סימפאָניע פון בעטהאָוונען קומט אויף דער געדאַנק, אַז די ד׳ אמות פון דער אַריסטאָקראַטישער סביבה האָבן באַלד גאַרנישט געפּאַסט פאַר איר אויפנעם.

ס׳איז קלאָר, אַז די „נאָבעלע״ אויערן פון די הויף־געבוירענע האָבן די־אָ מוזיק נישט געקענט אויפנעמען מיט הנאה. זי איז גאָר זיי צו ניי געווען, צו ראַדיקאַל. די גרויסע אָרקעסטראַלע שאַפונגען פון בעטהאָוונען פּאַסן זיך, ווי די גריכישע טראַגעדיעס, נאָר פאַר די גרויסן רוימען פון פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. בעטהאָוון, דער סימפאָניסט, איז ווי דער פאָלקס־טריבון, וואָס טראָגט אַקעגן די מאַסן זיין פלאַמיק וואָרט!

נישט דער גלאַנץ פון עלעגאַנטן, צעפּינקלטן סאַלאָן פּילט זיך אַרויס פון בעטהאָוונס האַרמאָניע, נייערט טריט הילכיקע פון מאַרשירנדע מאַסן;

1. Edmond Buchet, Beethoven.

דער פלאַטער־געריש פון צעוויקלטע פענער הערט זיך אין זיין מוזיק.

„אין זיינע טענער הערט מען די ברענענדע ליידן פון דער וועלט! — זאָגט זיגמונג קאַצנעלסאָן — די בלוטיקע ווונד פונעם לעבן, איז קלאַנג געוואָרן". (1).

דער קלאַנג־רעליעף פון בעטהאָווענס אַ ווערק איז, ווי דער קאָמפּאַס־אימאַזש אין אַלע פּאַזעס פון געראַנגל — דאָס איז דער קאַמף פון דעם איינצלנעם מוטיקן יחיד און דער רעוואָלט פון אַ ציבור. אַזוי ראַנגלט זיך דער מענטש פאַר זיין לעבן, אַזוי קעמפט פאַר איר גאולה די אייביקע מענטשהייט.

הערט זיך איין אין די קלאַנגען פון בעטהאָווענען און איר וועט הערן: אַט וואַרפט זי זיך, די מאַסע, דרייסט אינעם געווירבל פון קאַמף, אַט, פאַלט זי אַ געשטרויכלטע. דער אויסגאַנג פון דער שלאַכט איז, ווי אינעם לעבן, אַזוי אויך ביי בעטהאָווענען, קיינמאָל נישט קיין געזיכער־טער. אַט, דערשיינט אַ רגע פון איבעראַשונג — גלייך ווי אַ צווייפל וואָלט אַריין אין די אייגענע כוחות. פאַראַן ביי אים אַפילו אַ מאָמענט פון דעפּרעסיע. באַלד אָבער נעמט זיך אַריינמישן אַ קלאַנג פון דער־מוטיקונג. טרומפּייטן נעמען טרייבן, נעמען צעיאָגן, די כמאַרעס פון נישט זיכערקייט, פון יאוש; זיי וועקן האָפנונג, זיי פּראַלן אַ וועג אויף צום נצחון!

פּאַקטיש איז בעטהאָוון אַ מענטש, וועמען ס׳גייט גאָרנישט אַזוי אין זיין פערזענלעכן זיג, ווי אין דער באַטייליקונג זיינער אינעם אַלגעמיין־מענטשלעכן געראַנגל פאַר דער ישועה. ער איז טיף איבערצייגט, בעט־האָוון, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך דער הימל איבערן מענטשנס קאָפּ אויס־לייטערן. אַט, אַ שטייגער, נאָכן פינצטערן שטורעם פון זיין זעקסטער סימפאָניע — די פּאַסטאָראַלע — צעגייען זיך ביסלעכווייז אַלע כמאַרעס, ס׳גייט אויף אַ ליכטיקע זון און אַ פריידיק געזאַנג, ווי אַ תפילה, פאַר־ענדיקט די וווּנדערבאַרע שאַפונג.

1. Siegmund Kaznelson, Beethovens ferne und unsterbliche Geliebte.

אַזעלכע העראָישע טענער, אַזאַ דראַמאַטישע שפּאַנונג, אַזאַ מוזיק — האָט מען אין די צייטן פאַר בעטהאָווענען נישט געהערט. אמת; דער מענטש פון בעטהאָווענס צערודערטער צייט האָט עפּעס נישט געגעבן פאַר־שטאַנען דעם בטחונדיק־הומאַניסטישן קלאַנג פון זיין שאַפונג. און דאָך, איז ער, דער גרויסער מוזיקער, אַ שליח ציבור; ער איז דער אויס־דריקער פון זיינע מיטצייטלערס אַספּיראַציעס, ער איז דער קול מבשר פונעם מענטשנס דראַנג נאָך פרייהייט און גליק! אלא, זיין סאָציאַלע איינזאַמקייט, זיין קול קורא במדבר — דאָס איז נאָר בלויז דער רעזול־טאַט פון אַ באַגינען; אַ סימן פון צייטן, ווען דער מענטש איז נאָך נישט רייף גענוג צו באַנעמען דעם טעם פון נייעם אויסדרוק אין דער קונסט, וואָס פּרעדיקט טיפע אַספּיראַציעס פון דעם בן־אדם.

— 7 —

בעטהאָווען, דער מענטש פון שטורעם און געראַנגל, פאַרמאָגט — אין תוך — אַ מילדע נשמה פון אַ פּאָעט, אַ טרוימער. ער האָט ליב דאָס לעבן בתכלית האהבה. ער באַגייסטערט זיך מיטן רייץ פון אַ יונגער, שיינער פרוי; ער גייט אויס פאַרן קליינגעדיקן געלעכטער פון אַ קינד, ביים רויש פון אַ טייכל, ביים מינדעסטן בלעטער־שאָרך פון אַ בוים, לעבט ער אויף מיט אַ נייעם חיות.

בעטהאָווען איז פאַרקאַכט אין דער נאַטור.

„דאָ (אויפן שויס פון דער נאַטור) זיץ איך שעהן־לאַנג, און מיינע חושים ווערן פאַרשיכורט קוקנדיק אַזוי אויף די געבוירענע קינדער פון דער נאַטור. — זאָגט בעטהאָווען צו זיין באַזוכער, דעם האַרפע־פאַבריקאַנט, שטומפף, אין 1824 — קיין שום אומווירדיקער דרעק־דאָך, פאַבריצירט פון מענטשלעכע הענט מאַכט מיר דאָ נישט פאַרשטעלן די מאַיעסטעטישע זון. דער בלויער הימל איז מיין סובלימער דאַך״.

דאָס דערמאָנט דעם שפּעטערן זאָג פון באַדלערן: „די נאַטור איז אַ בית המקדש״.

**בעטהאָוון האָט באמת שטאַרק ליב דאָס לעבן! אָבער — קיינמאָל נישט אויף די קניען. ער וויל שפּאַנען איבער גאָטס וועלט מיט אַן אויסגעגלייכטער פּלייצע, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ!**

**טאַקע, ווייל ער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך ליב דאָס לעבן, וואַרפט ער זיך אינעם שטורעם פון גערונגל.**

**דער יידיש־דייטשער פילאָזאָף, לודוויק מאַרקוזע, זאָגט אין אַן אַרבעט וועגן לודוויק בערנע(1):**

„דער מענטש איז נישט געבוירן געוואָרן צום קאַמף, נאָר צום לעבן. צום קאַמף איז ער בלויז נאָר פאַראורטיילט געוואָרן".

**דעם דאָזיקן גזר־דין נעמט אויף דער גאון פון באָן מיט דער דרייסטקייט פון פּראָמעטעאוס (2). נישט בחינם האָב ער זיך אינטערעסירט מיט העלדן, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאַרן כלל. אַן עדות — זיינע שאַפונגען אויף דער טעמע פון עגמאָנט(3), קאָריאָלאַן(4). דער ביוסט פון ברוטוס(5) גייט נישט אַרויס פון זיין אַרבעטס־צימער.**

**קיין שום כוח קען נישט אָפּשטעלן זיין קאַמפס־לוסט. אַפילו דאַן, ווען ער איז געוואָרן אַנטוישט פון די אומוועגן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אויך דעמאָלט בלייבט ער כסדר אַ הייסער חסיד פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. ער איז איבערצייגט אינעם קינפטיקן**

---

1. געב. 1786 — געשט. 1837. יידיש־דייטשער שרייבער און פרייהייטס־קעמפער.
2. מיטאָלאָגישער העלד פון אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד; ער האָט אויך געגנבעט דאָס פייער פון די געטער פאַרן מענטשלעכן מין און דערפאַר טייער באַצאָלט — מיט אַ שרעקלעכער שטראָף.
3. נידערלענדישער העלד אין קאַמף קעגן דער שפּאַנישער אונטערדריקונג אין 16־טן יאָרהונדערט.
4. פרייהייטס־העלד אינעם אַלטערטימלעכן רוים.
5. רעפּובליקאַנער אינעם אַלטערטימלעכן רוים. געהאָלפן דערהרגענען זיין אייגענעם פריינד — צעזאַר, ווייל ער האָט זיך געקרוינט פאַרן קייסר פון רוים און דערמיט ליקווידירט די רעפּובליק.

**טריאומף פון דער רעוואָלוציאָנערער דריי־איניקייט. מיט דער דאָזיקער איבערצייגונג זיינער וויל ער אונז אַלע מיטרייסן.**

„מיט אַ לעבנדיקן אינטערעס פאָלגט בעטהאָווען נאָך אַלע פּאַזעס פון קאַמף, וואָס די ליבעראַלע אידעען האָבן פאַרפירט קעגן דער אַבסאָלוטאַרישער מאַכט... די קאָנווערסאַציע־העפטן (פון 1820) זאָגן עדות וועגן בעטהאָווענס טיפער מענטשלעכער סאָלי־דאַריטעט מיט אַלע געדרודפטע, וואָס קעמפן פאַר זייער פרייהייט; זאָלן דאָס זיין די איטאַליענישע „קאַרבאָנאַרי", די שפּאַניער, וואָס שטעלן זיך אַקעגן דעם נייעם קעניגלעכן רעזשים, אָדער די גריכן, וואָס האָבן זיך רעוואָלטירט קעגן דער טערקישער הערשאַפט((1).

**די הומאַניסטישע גרויסקייט פון בעטהאָווען שטעקט אין טיפן בטחון זיינעם אויף דער ענדגילטיקער גאולה פון דער ליידנדער מענטשהייט!**

**ווי אַ צוואה דעם מענטשלעכן שטאַם, האָט דער גרויסער מוזיק־שעפער, די דאָזיקע איבערצייגונג זיינע, זיין פעסטן בטחון אין דער גאולה, אַרויסגעברענגט אין זיין „ניינטער".**

**געקומען איז ער מיט זיין ווערק בשעת דער שאַרפסטער מעטערניך־רעאַקציע אין ווין. די צענזור האָט דאַן געשטיקט יעדן אויסדרוק פון פרייהייט. די מעטערניך־שפּיאָנען זענען פיל געווען אין יעדן ווינקל; זיי פלעגן אונטערהערן יעדן שאַרף פונעם מויל.**

**אין איינעם פון מוזיקערס שמועס־העפטן (די העפטן האָבן דעם טויבן שעפער געהאָלפן זיך פאַרשטענדיקן מיט מענטשן), לייענען מיר אַ וואָרנונג:**

„איך ווערן יעצט צענזורירט (פון דער מאַכט) מוזיק־שאַפונגען אָן ווערטער. מסתם צוליב קעפּל, אָדער דער דעדיקאַציע".

1. Luigi Magnani, Les carnets de conversation de Beethoven.

## עקיבא פישבין

„אַפילו יידישע ספרים — שרייבט דער יידישער היסטאָריקער ש. דובנאָוו — האָט מען צענזורירט. מיט א דעקרעט פון 1811, האָט די עסטרייכישע רעגירונג פאַרבאָטן צו דאַוונען אין סידורים און מחזורים, וואָס זענען נישט געווען צענזורירט״.

**איז, אין אַזאַ חושכדיקער צייט רייסט זיך אַרויס פון בעטהאָווענס האַרץ אַ מעכטיקער רוף צו דער מענטשהייט — זיין כאָראַלער טייל פון דער ניינטער סימפאָניע.**

**אָט עטלעכע סטראָפן:**

„פרייד, שיינער פונק פון געטער, טאָכטער פון עליזעאום!
אין פייער־שיכרות באַטרעטן מיר דיין הימלישן היכל.
וואָס די מאָדע האָט שטרענג צעטיילט, זאַמלט דיין צויבער איין אויפסניי.
אַלע מענטשן ווערן ברידער, ווו דיין צאַרטער פליגל ווײלט״.

„...זייט געאַרעמט מיליאָנען!
...אַ קוש דער גאַנצער וועלט!״.

**אַ טיפער אַריינבליק אינעם כאָראַלן טעקסט פון דער „ניינטער״, דעקט אויף די געדאַנקען פון בעטהאָווען בשעת ער האָט געשאַפן דאָס גרויסע ווערק.**

**מיט דער אָדע צו דער „פרייד״ האָט זיך דער מוזיקער באַקענט שוין יונגערהייט. אינעם קרייז פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ אין באָן האָט מען אים אויפגעקלערט דעם פאַרגעשריטענעם באַטייט פון שילערס פּאָעמע, וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם אין גאַנץ אשכנז.**

**אַז דער יונגער מוזיקער איז פון דער אָדע געווען שטאַרק באַאיינדרוקט, געזגט ווי די גאַנצע יוגנט אין באָן, זאָגט עדות אַ בריוו פון לודוויק פישעניך, שילערס אַ נאָענטער פריינט.**

**פישעניך איז געווען אַ יונגער פּראָפעסאָר אין דעם באָנער אוניווערסיטעט און איינער פון די גייסטיקע אַפּוטרופּסים פון דעם יונגן בעטהאָווען.**

## אַ יידישער בליק אויף בעטהאָווען

**אין זיין בריוו צו שאַרלאָטע שילער, די פרוי פונעם פּאָעט, שרייבט פישעניך פאָלגנדע ווערטער:**

„אַ היגער בחור מיט אַ מוזיקאַלישן טאַלאַנט, וואָס ווערט איינשטימיק געלויבט, גייט באַאַרבעטן די גאַנצע „פרייד" פון שילער — סטראָפע נאָך סטראָפע. פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן איז צו דערוואַרטן אַ סך שלימות. אויף וויפל איך קען אים, ווידמעט ער זיך פולקאָם צו די גרויסע און דערהויבענע אידעאַלן".

**די מוזיק צו דער פּאָעמע האָט בעטהאָווען, צו יענער צייט, נישט געשאַפן אין באָן. ווי ס'איז אָבער צו זען פון פישעניכס בריוו, האָבן די "גרויסע און דערהויבענע אידעאַלן" פון דער „פרייד" באַצווינגען זיין האַרץ.**

**אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס „גרויסע און דערהויבענע" פון שילערס אָדע צו דער „פרייד"?**

**דער מחבר פון דער פּאָעמע, כאָטש אַליין, זאָגט מען, איז ער קיינמאָל קיין מיטגליד פון אַ מאַסאָנען־לאָזשע נישט געווען, האָט ער אָבער פאַרקערט צווישן מאַסאָנען און געהאַט סימפּאַטיעס צו דער מאַסאָנעריע. זיין אָדע זאָל ער האָבן געשריבן פאַר איינע פון די ראַדיקאַלסטע לאָזשעס. זי פלעגט ווערן דאָרט דעקלאַמירט אויף מאַסאָנען יום־טובים און פשוטע פאַרזאַמלונגען זייערע.**

**אַזוי דערציילט, אין אַ דאַנק־בריוו צום מחבר, אַ וויכטיקע מאַסאָנען־פערזענלעכקייט.**

**אָטאָ בענטש, דער מחבר פון בוך „אַופבאַו און זין דעס כאָראַל פינאַלעס אין בעטהאָווענס 9־טער סימפאָני" — מאַכט אַ גענויעם אַנאַליז פון שילערס אָדע און ווייזט אָן אין איר שפורן פון פּראָגרעסיווע צייט־געדאַנקען, מאַסאָנישע בתוכם.**

**לויט אָ. בענטש קומט אויס, אַז די דעמאָלטדיקע פּראָגרעסיווע קרייזן האָבן געטייטשט דעם באַגריף „פרייד" מיטן פשט פון סימפּאַטיע און סאָלידאַריטעט בין אדם לחברו בעת דעם שאַפונגס־פּראָצעס פון נייעם סדר אויף דער וועלט — אַ סדר, וואָס האָט געזאָלט זיך שטיצן אויף מענטשלעכער האַרמאָניע און שכל.**

די „פריידֿ", דער „שיינער פונק פון געטער", איז „די טאָכטער פון עליזעאום" — ד. ה. פון דעם גליקלעכן לאַנד. מיטן אויסדרוק „עליזעאום", זאָל שילער האָבן געמיינט נישט די הבטחה אויף עולם הבא, נאָר טאַקע ממש — דעם גליקלעכן ענד־ציל, דעם באחרית הימים, אויף דער גליק־לעכער מאַמע־ערד. דאָס דאָזיקע זאָלן די מענטשן דערגרייכן אין אַ קאָ־לעקטיוון אָנשטרענג!

אין דער היים פון די ברוינינגס, וווּ מען האָט דעם קליינעם לודוויק צוגעטוליעט יונגערהייט, האָט געהערשט אַ גרויסער קולט פאַר דעם פּאָעט — שילער. דעם קולט פאַרן פּאָעט איז בעטהאָוון געטריי געבליבן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט גוט פאַרגעדענקט די לעצעט סטראָפע פון שילערס ליד — „די קינסטלער" (פון 1789):

„אָנפאַרטרויט איז אייך געוואָרן דער כבוד פונעם מענטש,
זאָלט איר אים אָפּהיטן!".

אין דעם דאָרטיקן פּראָגרעסיוון קרייז פון באָן האָט זיך דער יונגער מוזיקער באַקענט אויך מיט די מאָראַלישע תורות פון דעם דייטשן פילאָזאָף קאַנט; און זיי האָבן אים באַגלייט אויף זיין גאַנץ לעבן. מיט דער צייט איז בעטהאָוון געוואָרן אַ גאַנצער קאַנטיאַנער; כאָטש נישט אין אַלעם וועט ער מיט אים מסכים זיין. נאָכן איבערלייענען אַ בוך וועגן אַסטראָנאָמיע, נאָטירט ער אין טאָגבוך (אין 1820):

„דאָס מאָראַלישע געזעץ אין אונז און דער אויסגעשטערנטער הימל איבער אונז. קאַנט!!!".

די דריי אויסרוף־צייכנס, אוועקגעשטעלט מיט דער האַנט פון מוזיקער, דאָס איז זיין אידענטיפיקאַציע מיטן באַרימטן געדאַנק פון פילאָזאָף.

בעטהאָוון האָט געמוזט זיך אינספּירירט פון פילאָזאָפס געדאַנק מכוח דער בכורה פונעם שכל אינעם מאָראַלישן לעבן, און מיט דער דעה, אַז דער מענטש איז מחויב צו באַפרייען זיך פון אַלע דעטערמיניזמען, כדי צו קענען פּראָקלאַמירן זיין אייגענע פרייהייט. ס'איז צו שטוינען, ווי אַזוי

קאַנט און בעטהאָווען זענען, אין רעזולטאַט פֿון די זעלבע מאָראַלישע פּרינ־ציפּן, דערגאַנגען צו ענלעכע עסטעטישע אויספֿירן אויפֿן געביט פֿון מוזיק.

ס׳ווערט דערציילט, אַז קאַנט איז געווען אויף דער לוויה פֿון זיין פֿריינט משה מענדעלסזאָן, און בייגעוווינט אַ מוזיקאַלישע טרויער־צערע־מאָניע. אַנטוישט פֿון דער צערעמאָניע, זאָל ער האָבן געזאָגט, אַז מוזיק איז מחויב אויסצודריקן דערהויבענע געפֿילן, למשל — דעם נצחון איבערן טויט, אָדער די שלימותדיקע פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם מענטש. אַנדערש גערעדט, דאַרף דער סטיל פֿון דער מוזיק זיין דער העראָאישער סטיל — אַזוי ווי בעטהאָווען האָט דאָס פֿאַרשטאַנען.

ראָמען ראָלאַן ציטירט דעם שרייבער וויקטאָר באַש; ער שרייבט, אַז קאַנט האָט געהאַלטן אַזוי:

„ווען דער מוזיקער דרינגט אַריין אין דער מיסטעריע פֿון געזעצן, וועלכע רעגירן מיט די אינערלעכע נשמה־באַוועגונגען; ווען ער איז מצליח צו אַנטפּלעקן די אַנאַלאָגיע, וואָס הערשט צווישן מענטשלעכע איבערלעבונגען און געוויסע אויסערלעכע דערשיינונגען גייט ער דאַן אַריבער פֿון קאַפּריז שטח צו דער אימפּעריע פֿון נויטוועדיקייט. דעמאָלט דאַרף ער קענען איינשטילן דאָס אייגן־אינדיווידועלע און פֿאַרוואַנדלען זיך אין דער האַרמאָני־שער שטימע, די באַרואיקטע, די העלע, די אומפּערסאָנעל־באַוווּסט־זיניקע און פֿעסטע שטימע פֿון אַלעמען, וואָס איז אייביק, אוניווער־סאַל און — נויטוועדיק פֿאַרן מענטשלעכן מין!״.

הכלל: אויך בעטהאָווען איז אויסן אַריינצודרינגען „אין די מיסטער־יעזע געזעצן, וועלכע רעגירן מיט די אינערלעכע נשמה־באַוועגונגען״. אויך ער וויל אַרויסברענגען קלאַנגען, וואָס זאָלן נישט זיין אַ קאַפּריז פֿון אַ רגע, אלא די שטימע אַליין פֿון דער אייביקייט. ער וויל שאַפֿן דאָס, וואָס איז „אוניווערסאַל און נויטוועדיק פֿאַרן מענטשלעכן מין״.

ווען דער גאון האָט גענומען פּלאַנירן זיין צוואה־ווערק האָט אין אים

אויפגעטויכט די פּאָעמע פון שילער — דאָס ווערק, וואָס טראָגט דעם חותם פון אוניווערסאַלקייט. אין איר האָט ער געפונען „די פעסטע שטימע", די נויטווענדיקע דערמוטיקונג פאַרן מענטשלעכן מין.

אַזוי ווי בעטהאָווען באַטראַכט זיך נישט, ווי אַ מוזיקאַלישער אילוסטראַ־טאָר און אויך נישט פאַר אַ מוזיקאַלישן אינטערפּרעטאַטאָר פון אַ פרעמדן פּאָעטישן טעקסט; ער איז, אין אַלע אינזיכטן אַ שעפער, אַ „טאָנדיכטער" — דעריבער נעמט ער די פערזן פון שילערן און באַנוצט זיך מיט זיי, ווי מיט אַ מאַטעריאַל. זיי ווערן ביי אים פאַרוואַנדלט ווי אַ חומר ביד היוצר.

נישט געקוקט אויף זיין קולט פאַרן גרויסן דייטשן דיכטער, האָט בעטהאָווען אַנדערש נישט געקענט האַנדלען. ער האָט געמוזט די אָדע צופּאַסן צו זיינע אייגענע קינסטלערישע געברויכן — זי באַהאַנדלען לויט זיין אייגענעם איינזען.

ער האָט נישט גענומען די פּאָעמע פון שילערן, ווי זי שטייט און גייט. ניין! ער האָט די פּאָעמע איבערגעבויט; איבערגעשטעלט געוויסע פערזן, אויסגעמישט זיי און אַפילו געוויסע — איבערגעאַנדערשט.

דערביי איז וויכטיק אונטערצושטרייכן — דעם גרעסטן געוויכט לייגט בעטהאָוון אויף די שורות: „אַלע מענטשן ווערן ברידער, וווּ דיין צאַרטער פליגל ווייַלט" און אויף דעם פערז: „זייט געאַרעמט, מיליאָנען!". די דאָזיקע סטראָפן חזרן זיך איבער און זענען דער זעניט אין פינאַל פון זיין כאָר־געזאַנג.

אָטאָ בענטש באַטאָנט, אַז „דער טעקסט איז געוואָרן כמעט אַן אייגענע פּאָעמע פון בעטהאָווענען. ער האָט באַנוצט די פערזן פון שילערן, אַזוי ווי דער אַרכיטעקט פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע האָט באַנוצט די אַנטיקע פאָרמען, כדי אויפצושטעלן גאָר נייע קאָנסטרוקציעס".

ראָמען ראָלאַן האַלט — וואָלט דער מוזיקער געוועזן פעאיק צו שאַפן די נויטיקע פּאָעמע צו זיין „ניינטע", וואָלט ער אפשר אין גאַנצן מוחל געווען אויף דער אָדע פון שילער.

בעטהאָוונס צוגאַנג צום געדיכט פון דייטשן פּאָעט דאַרף נישט באַ־

טראַכט ווערן ווי אַ צופעליקער קאַפּריז פון אַ גרויסן מייסטער. ביי דעם גאון פון באַן זענען נישט פאַראַן קיין צופאַלן! דער מייסטער פון דער ספּאָנטאַנער אימפּראָוויזאַציע איז געווען אין תוך אַן אויסגערעכנטער און פּלאַנמעסיקער קאָנסטרוקטאָר. זיין יצירה־מאַטעריאַל ווערט ביי אים איינגעזאַמלט לאַנגזאַם. און בויען, בויט ער מיט אַ זאָרגפעלטיקער פּינקטלעכקייט.

אַזוי ווי די אָדע פון שילערן איז פאַר אים אַ גלענצנדער מאַטעריאַל שאַרפער צו מאַכן דעם אידעאישן רעליעף פון זיין ניינטער סימפאָניע, וויל ער זיך טאַקע מיט איר באַנוצן. ער קען זי אָבער, בשום אופן, נישט באַנוצן לויטן פאַעטס קאָנצעפּציע; ער מוז איר דערלאַנגען זיין אייגענעם געדאַנק, זיין אייגענעם קינסטלערישן כיוון.

דער פינאַלער טייל פון בעטהאָווענס מאָנומענטאַלער שאַפונג איז אַ פּערפעקטע צונויפשמעלצונג פון וואָרט און מוזיק. אַ סברה, אַז דאָ איז דער מוזיקער דערגאַנגען צו דער מדרגה, וואָס די פאָרשער — דאָס פאַרל מאַסאָן — רופן מיטן נאָמען „איבערשטייגונג". דער קאָמפּאָזיטאָר האָט דאָ איבערגעהיפּערט דעם תהום פון ריינער מוזיק, לויטן באַגריף פון דער צייט, און אַפילו, לויט די באַגריפן פון אַלע צייטן. לויט וואַגנערן, ליגט דער שורש פון דער א. ג. „מוזיקאַלישער דראַמע" אין דער ניינטער סימפאָניע פון בעטהאָווענען.

מיטן אַריינפירן דאָס פּרעציז־באַשטימטע וואָרט אין זיין שאַפונג, דערלאַנגט בעטהאָווען זיין מוזיק דעם תכפדיקן אויסדרוק פון דער באַצוועקטער אידעע. מיט איין מאָל ווערט זיין מוזיקאַלישע פּראָזע אידעאיש עקספּרעסיווער; זיין אידעאישער כיוון באַקומט דעם שאַרפן רעליעף.

דערפאַר, וואָרשיינלעך, קומט אויס לויטן שרייבער סואַרעז, אַז די מוזיק פון בעטהאָווען איז נישט בלויז אַ ריין מוזיקאַלישע קונסט, אלא אַ גאַנצער „קאָמפּלעקס אידעען; אַ סיסטעם פון געפילן", הקיצור, אַ שטח וואָס שטייגט אַריבער די איינציקע דימענסיע פון דער מוזיק.

דער עשקנותדיקער און נאָבעלער אָפּטימיזם פון בעטהאָווען, די הומאַניסטישע גרויסקייט זיינע, ווערט נאָך בולטער און שאַרפער, ווען מען

פאַרגלייכט אים מיט אַ צווייטן גאון — מיט דעם שפּאַנישן מאָלער גאָיאַ (געב. 1746 — געשט. 1828).ביידע האָבן זיי געלעבט אין דער זעלבער שוידערלעכער תקופה — אַ צייט, ווען לויט דער מימרא פון א. מאַלראָ איז מער „נישטאָ קיין גאָט; פאַראַן בלויז דער טייוול!".

איז, וואָס האָבן די ביידע קינסטלער געשאַפן אין יענע טרויעריקע יאָרן?

דער מאָראַליש־צעבראָכענער גאָיאַ ברענגט אַרויס, מיט גאונישער מייסטערשאַפט, זיינע באַרימטע „קאַפּריטשיאָס" און אַנדערע שוואַרצע בילדער. דאָס זענען שוידערלעכע וויזיעס, מאָנסטרעזע אימאַזשן; דאָס איז דער העסלעכער פּרצוף פון טייוול, וואָס באַלעבאַטעוועט אויף דער וועלט און ער טרעט, ווי אַ וואָרעם, יעדן הומאַנעם אויספּשראָץ. אמת, די „קאַפּריטשיאָס" זענען נישט בלויז אַ סימן פון גאָיאָס געדריקטער שטימונג, נייערט אַן אויסדרוק אויך פונעם אַלגעמיינעם פּעסימיזם, וואָס האָט דאַן אַרומגעכאַפּט די געזעלשאַפט.

צו דער זעלבער צייט, וואָס האָט בעטהאָווען געשאַפן?

בעטהאָוון, דער פיזיש־צעבראָכענער, דער קראַנקער און אָפט מאָל — אַ הונגעריקער, ער האָט צו דער צייט געשאַפן צוויי זעלטענע ווערק: די „מיססאַ סאָלעמניס" און די ניינטע סימפאָניע.

די „מיססאַ סאָלעמניס" — די צעוויכערטע מעססע, די שטורעמדיקע תפילה — איז בעטהאָוונס געבעט צו גאָט, אַז קומען זאָל שוין — איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אַ שלום אויף דעם מענטשלעכן מין.

דאָס צווייטע ווערק, די „9־טע" — אויך זי איז אַ מין תפילה און מעססע, דאָס מאָל אָבער נישט צו גאָט, נאָר צו זיין צלם — צו דעם מענטש; צו דעם געדריקטן און דעזאָריענטירטן בן־אדם, וואָס דרייט זיך אַרום איבערן באַשעפערס ערד אַן איינזאַמער; אַ פאַרשטויסענער, אין עלנד און צווייפל, קוקט דער מענטש אין דערוואַרטעניש אין די ווייטע הימלען אַריין — פון די וואָלקנס אָפּער זעט מען אָבער קיין שום הילפיקע האַנט נישט אַרויס...

בעטהאָוון, וואָס האָט געשאַפן די מוזיק צו „עגמאָנט", צו „פידעליאָ"

— ער ווייסט, ווי דער וועג צו גאולה איז ביטער און שווער; ער ווייסט, אַז ער איז מיט בלוטיקע טרערן, מענטשלעכע, אויסגעווייקט.

אַזוי איז שוין דער גורל פון מענטש!

קומט יעצט בעטהאָווען אין זיין ניינטער סימפאָניע און ראַנגלט זיך מיט דעם מענטשנס צווייפל און אַפּאַטיע. ער נעמט דאָ צוזאַמען אַלע זיינע כוחות און, מיט מאַטערנדיקע וועגן, קלעטערט ער באַרג אַרויף. ווי אויפן באַרג סיני דונערט אויס זיין לייבן־שטימע:

„זייט געאַרעמט מיליאָנען!".

ווי דער נביא קומט בעטהאָווען אָנזאָגן די בשורה:

„אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער!".

יאָ, אפשר טאַקע וועט דער פּאַטעטישער אָנזאָג, גלייך צום חזיון פון ישיעה הנביא, אַמאָל מקויים ווערן. אָבער, ווען?

דאָ, ענטפערט אונז בעטהאָווען· ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף דער פראַגע — ווען ס'וועט מקויים ווערן דער „זייט געאַרעמט מיליאָנען!".

וואָרעם, ער ווייסט בעטהאָווען, אַז דעם ואהבת לרעך כמוך! קען קיין קיום אויף דער וועלט נישט זיין; ווייל די גאולה, פאַרשטייט ער, וואָס ברענגט פאַרשעמטקייט אַ צווייטן מענטשן, וואָס זייעט פּחד און אונטער־דריקונג — איז קיין גאולה נישט. פאַרקערט. דאָס איז נאָר אַ פרישע אויפלאַגע פון דער אַלטער טיראַניע. זי טראָגט שוין זוימען פון אַ קונפ־טיקער קאַטאַסטראָפע!

נעמט מען זיך דורך מיט דעם כאַראַלן טייל פון דער „ניינטער", ווערט מען איינגעהילט אין אַ טרוים. מען נעמט חלומען וועגן אַ נייער וועלט, ווו די באַציאונגען בין אדם לחברו וועלן נישט באַשטימט ווערן דורך דער מאַכט; ווען נישט דער כוח וועט זיי באַגרענעצן, נישט די קאָנקורענץ וועט זיי שעדיקן. מען נעמט חלומען פון אַ צייט, ווען מענטשן וועלן נישט יעדע רגע באַדראָט זיין פון שנאה און עלילת דם.

הכלל: ווען גאָיאַ האָט געשאַפן זיינע דערדריקנדיקע „קאַפּריטשיאָס" און אַנדערע מורא־שחורהדיקע בילדער, האָט בעטהאָווען אַרויסגעברענגט זיינע מעכטיקע ווערק, צוויי עמודי האש בדרך לגאולה. דאָס זענען ווערק,

עקיבא פישבין

לגבי וועלכע מען קען זאגן מיט שלום אַשס ווערטער פון זיין ספר „דער נביא״:

„דאָס איז דאָס אָרט, ווו אַלע תפילות פאַר דער גאולה קומען זיך צונויף; ווו אַלע טרערן, וואָס ווערן פאַרגאָסן פאַר דער גאולה ווערן געזאַמלט; און אַלע יסורים, וואָס ווערן אויסגעשטאַנען פאַר דער גאולה ווערן געציילט״.

אינעם זכות פון זיין אָפּטימיסטישן און קעמפערישן הומאַניזם, הויבט זיך אַרויס בעטהאָוון צו אַ סימבאָל — לעולם ועד!

— 8 —

אַ שעפער פון אַזעלכע קלאַנגען, אַ קינסטלער פון אַזעלכע עסטעטישע קאָנצעפּציעס, אַ מוזיקער, וואָס באַטראַכט זיך אַליין פאַרן קאָמפּאָזיטאָר פון „געאייניקטע מאַסן, וואָס זענען פאַר אים דער סימבאָל און רעאַליזאַציע פון אַ געאייניקטער און אוטאָפּיש־איבערגעבעטענער מענטשהייט״ (1) — אַזעלכער דרייט זיך אַרום אַ פרעמדער אין דער סביבה, ווו ער לעבט. זיין קאָמפּאָמיסלאָזיקייט פאַרוואַנדלט אים אין אַ מענטש פון אַ צווייטער פּלאַנעטע. ער איז אַ שונא פון די אידעען און אַספּיראַציעס פון זיין קאָלעקטיוויטעט. די האָפענונגען זייערע זענען אים דערווידער. יאָ, בלויז אַ קורצע צייט; שוין נאָך דעם, ווי בעטהאָוון האָט געהאָט איינגעזען, אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז אַ מת געוואָרן; ווען דער גאַנצער פּראָגרעסיווער טייל פון דייטשנטום האָט זיך פאַראייניקט אַרום די פּרינצן, כדי צו באַפרייען די דייטשע לענדער פון נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע, איז בעטהאָוון, אין תוך אַ דייטשער נאַציאָנאַלער מענטש אינעם העכערן און איידעלעם באַנעם פון אַ פּאַטריאָט, געוואָרן אַן ענערגישער מיטשפּאַנער איינעם כלל.

דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט.

---

1. אַליוויע רעוואַלט ד׳אַלאָן, דאָרט זייט 16.

**נאָכן זיג איבער נאַפּאָלעאָנען, ווען די דייטשע פּרינצן האָבן אָפּגענאַרט זייערע אונטערטאַנער און איינגעשטעלט אַ פינצטערן, אומטאָלעראַנטן סדר־לעבן, איז בעטהאָווען אַוועק פון זיי; צוריק געגאַנגען איז ער צו זיין איינזאַמען, אויסגעטרעטענעם וועג, איינגעקוקט, ווי שטענדיק — אין די אידעאַלן פון זיינע יונגע יאָרן אין באָן. ער האָט זיך נישט אויפגעהערט צו באַקלאָגן אויף די „שוטים פון ווין" — די אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן קיין שום געפיל נישט פאַר קונסט!**

„זייט די איטאַליענער (געמיינט די לייכטע אָפּערע) האָבן דאָ אַריינגעשטעלט אַ פוס (געמיינט ווין), איז דאָס בעסערע נישט בנמצא. אין טעאַטער, איז פאַרן אדל דער עיקר — דער באַלעט. זיי האָבן שכל פאַר פערד נאָר און פאַר טענצערינס" (1).

**אַ צווייט מאָל באַקלאָגט זיך בעטהאָווען פאַר זיין באַזוכער, דעם האַרפע־פאַבריקאַנט, שטומפף — אין 1824:**

„פאַר דער גוטער, קרעפטיקער, אמתער מוזיק האָט מען (אין ווין) מער נישט קיין פאַרשטאַנד! יאָ, יאָ, אַזוי איז דאָס מיט די ווינער! ראָסיני און זיינס גלייכן — דאָס זענען זייערע העלדן. פון מיר ווילן זיי (די ווינער) מער נישט הערן!

טיילמאָל דערלאַנגט שופּאַנציק (בעטהאָווענס אַ פריינט, אַ פידלער) מיינעס אַ קוואַרטעט. צו די סימפאָניעס האָבן זיי נישט קיין צייט... און פידעליאָ (בעטהאָווענס אָפּערע) ווילן זיי נישט. ראָסיני, ראָסיני (2) גייט איבער אַלעס.

אייער נשמהלאָז געזאַנג און געקלימפּער, אייערע אייגענע מאַכערייקעס, וואָס איר נעמט אָן פאַר אמתע קונסט — דאָס איז אייער געשמאַק, ווינער!" (3).

---

1. טייער, דאָרט, באַנד 5, זייט 207.
2. געב. 1792 — געשט. 1868, באַרימטער איטאַליענישער קאָמפּאָזיטאָר; שעפער פון דער אָפּערע „דער שערער פון סעוויל".
3. טייער, דאָרט, באַנד 5, זייט 124.

פרידריך וויק, דער שווער פון בארימטן מוזיק־שעפער — ראָבערט שומאַן (געב. 1810 — געשט. 1856) דערציילט וועגן זיינעם אַ באַזוך ביי בעטהאָווענען אין 1826. דער גאון האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן, במשך פון לאַנגן געשפרעך, וועגן דעמאָקראַטיע, רעוואָלוציע, נאַפּאָלעאָן און נאָך כדומה זאַכן (1).

בעטהאָווען איז אין ווין אַן איינזאַמער מענטש. ער איז אַ רעטעניש פאַר זיין סביבה, אַ סוד אַפילו פאַר זיינע נאָענטע פריינט, וואָס זעען, ווי ער, פאַרביטערט מחמת דער דומפּיקער אַטמאָספערע, וואָס הערשט אַרום זיי; זיי זעען אַנטוישט אין די פּסעודאָ־ליבעראַלע אידעען.

די הייסע חסידים פון זיין קונסט, פאַרשטייען אָפט מאָל נישט זיין מוזיק. אויף אַזאַ אַנצוהערעניש פון אַ נאָענטן פריינט, זאָל בעטהאָווען האָבן צוגעוואָרפן אַ תשובה:

„מיינע ווערק זענען נישט קיין מיניאַטורן, אָדער געפּוצטע צאַצקעס. דאָס זענען פרעסקן פון מיקעל אַנדזשעלאָ".

דער קול קורא פון איינזאַמען גאון איז אַ קול קורא במדבר!

זיין „9־טע" האָט דערלעבט קוים צוויי אויספירונגען אין ווין. אמת, אַלץ בויגט דעם קאָפּ פאַר בעטהאָווענען און זיין גאונות. מען האָט פאַר אים אַפילו שטאַרק דרך ארץ. מען האַלט אים אָבער כמעט פאַר אַ חסר דעה. דאָס נישט־קאָנווענציאָנעלע אין זיין מוזיק צעחושט אַלע מוזיקאַלישע קריטיקער.

נאָך אַן אויספירונג פון דער „ניינטער" אין 1826, שרייבט די לייפּ־ציקער „אַלגעמיינע מוזיקאַלישע צייטונג":

„...מען וואָלט געזאָגט, אַז די מוזיק האָט גענומען גיין אויפן קאָפּ און נישט אויף די פיס. דער לעצטער טייל (געמיינט דער כאָראַלער טייל פון דער סימפאָניע) איז אַ געזאַנג פון זינדיקע מענטשן, פאַרמשפּטע — פון הימל אַראָפּגעשליידערט צו ווערן.

---

1. זע: טייער, דאָרט, באַנד 5 זייט 342.

אַ זעלטענער טעות פון אַ מייסטער — שטעלט פעסט די צייטונג — פאַרפירט דורך דער קאָמפּלעטער טויבקייט זיינער״.

**אַ יאָר נאָך זיין טויט, אין מערץ 1828, האָט די ענגלישע צייטשריפט „האַרמאָניקאָן״ געשריבן:**

„די פריינט פון בעטהאָוונען, וואָס האָבן אים גערעטן צו פּובליצירן דעם אַבסורדאַלן טייל (געמיינט די כאָראַלע טייל פון דער „9־טער״) זענען, אָן שום צווייפל, די סאַמע גרעסטע שונאים פון זיין רום״.

**מיטן „הימן צו דער פרייד״ פון בעטהאָוונס ניינטער סימפאָניע האָט מען גאַרנישט שלום געמאַכט אַזוי לייכט. נאָך אין יאָר 1857 שרייבט וועגן דעם אַ בעטהאָוון־פאָרשער פאָלגנדיקע ווערטער:**

„די דאָזיקע טעמע איז אַ מאָט געזאַנג, וואָס חזרט זיך איבער אָן אַן עק. דער טרויעריקער צוהערער זעט אין אין איר דאָס בילד פון אויסשעפּונג און עלטער״.

**הכלל, געזאָגט מיט אַנדערע ווערטער: דער „הימן צו דער פרייד״ איז אַ פּראָדוקט פון אַ קינסטלער, וואָס איז אויף דער עלטער, נעבעך, עובר בטל געוואָרן...**

**אָבער אַ טשיקאַווע זאַך:**

**דווקא אין בערלין ווערט די „9־טע״, גלייך, שוין זייט 1826, אויפֿגענומען מיט ענטוזיאַזם. דער דערפאָלג דאָרט דויערט אויך אַ סך לענגער, ווי אין ווין. דער רושם איז אויך דאָרט אַ טיפערער.**

**בערלין, וואָס אַן אמת, האָט שטענדיק בעסער פאַרשטאַנען די מוזיק פון בעטהאָוון. זיינע סימפאָניעס און קוואַרטעטן ווערן, אין בערלין — כסדר אויסגעפירט. זיין אָפּערע „פידעליאָ״ גייט נישט אַראָפּ פון אַפּיש. זיינע ערשטע קלאַוויר־קאָנצערטן ווערן, אין דער פרייסישער קרוין־שטאָט, אויסגעפירט גלייך נאָכן דערשיינען, ד. ה. אין די יאָרן**

1803 — 1810. דאָרט אויך, אָנפאַנגס 1803, האָט „דער יונגער בעער" (מייערבעער) באַגלייט בעטהאָווענס אַ סאָנאַטע פאַר אַ האָרן־אינסטרומענט און קלאַוויר.

בעת אַ צוזאַמענטרעף מיט בעטהאָווענס ברודער אין ווין, האָט לודוויק רעלשטאַב (געב. 1799 — געשט. 1860), דער בערלינער שרייבער און מוזיק־קריטיקער, דערקלערט, אַז בעטהאָווענס גאונות ווערט בעסער אָפּגעשאַצט אין בערלין, ווי אין דער קייסערלעכער שטאָט פון עסטרייך. א. וו. טייער, דער בעטהאָוון־ביאָגראַף און פאָרשער גיט צו אַפילו, אַז רעלשטאַב זאָל האָבן געזאָגט „אין די קרייזן פון די געבילדעטע מוזיק־ליבהאָבער (אין בערלין) איז בעטהאָוון, פון אַלע באַליבטסטע מוזיקער — אַמהעכסטן געאַכטעט".

דערפאַר טאַקע האָט בעטהאָוון, אין 1823, געטראַכט זיך אַריבערצוציען אין דער פרייסישער קעניגלעכער שטאָט. דערווידער איז אים געוואָרן — ראשית, די גלייכגילטיקייט מצד די ווינער צו זיין קונסט; והשנית — זייער איבערגעטריבענער ענטוזיאַזם צו דער לייכטער אָפּערע, דער איטאַליענישער. אָפּגעהאַלטן צו פאַרלאָזן ווין, האָט אים בלויז דער קאָלעקטיווער בריוו פון אַ גרעסערער גרופּע פריינט, וויכטיקע תושבים פון דער הויפּטשטאָט. זיי האָבן, אין רירנדיקע ווערטער, געבעטן אים צו פאַרבלייבן מיט זיי.

זאָל דער בערלינער דערפאָלג זיין אַ צופאַל, אָדער אַ סימן, וואָס איז מחייב עפּעס צו לערנען?

וויסן דאַרף מען, אַז בערלין איז צו יענער צייט נישט ווין. די פרייסישע הויפּט־שטאָט איז בשעתו אַ רירעווודיקער עקאָנאָמיש־קולטורעלער צענטער מיט אַ מאָדערנער בורזשואַזיע. דאָ, לאָמיר אונטערשטרייכן — יידן שפּילן דאָרט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע. געגוג צו דערמאָנען די יידישע סאַלאָנען ביים סוף 18־טן י. ה. דאָרט, אין די יידישע סאַלאָנען אין בערלין, איז אויסגעוואַקסן דער קולט פאַר געטע; דאָרט האָט זיך אויסגעכאַוועט די יונגע דייטשע ראָמאַנטיק. בעטהאָווענס מוזיק ווערט געשמאַק געשפּיל אינעם גוט באַזוכטן סאַלאָן פון אברהם און לאה מענדעלסזאָן, די עלטערן פון פעליקס מענדעלסזאָן־באַרטאָלדי. צו דער פּאָפּולאַריזירונג פון בעטהאָווענס מוזיק האָט אַ סך בייגעשטייערט דער בערלי־

נער יידישער פאַרלעגער — מאַרטין שלעזינגער און דער יידישער רעדאַקטאָר פון שלעזינגערס „אַלגעמיינע מוזיק־צייטונג״ דער יונגער בערלינער, אַדאָלף בערנאַרד מאַרקס (געב. 1795 — געשט. 1866).

א. ב. מאַרקס, אַ קינד פון אַן אָרעמער יידישער היים אין בערלין, געהערט צוזאַמען מיטן ראָמאַנטיקער ע. ט. א. האָפמאַן (געב. 1776 — געשט. 1822) שרייבער און מוזיקער — צו די ראשונים, וואָס האָבן גרינטלעך פאַרשטאַנען די קונסט פון בעטהאָווען.

א. ב. מאַרקס האָט, נאָך ביים מוזיקערס לעבן, אַ יונגערמאַן נאָך, געשריבן וועגן זיין מוזיק פייערדיקע אָפּשאַצונגס־אַרטיקלען. ער האָט מצד בעטהאָווענען זוכה געווען דערפאַר אַ דאַנק און אָנערקענונג. אָט, וואָס בעטהאָווען האָט געשריבן צו מ. שלעזינגער דעם 15־טן יוני 1825:

„איך דערהאַלט מיט גרויס פאַרגעניגן אייער „אַלגעמיינע בערלינער מוזיקאַלישע צייטונג״ און איך בעט אייך זי מיר כסדר צו שיקן. על פּי צופאַל זענען מיר אַריינגעפאַלן איי־ניקע בלעטער, וווּ איך האָב דערקענט אייער גייסטרייכן רעדאַקטאָר, דעם הער מאַרקס, און איך ווינטש אים ממשיך צו זיין, כדי צו אַנטפּלעקן דאָס אמתע און העכערע געביט פון דער קונסט.

דאָס וועט זיין אַ געווינס״ (1).

קען טאַקע זיין, אַז דווקא די יידישע סאַלאָנען האָבן פאַרזיכערט דעם בערלינער דערפאָלג פון בעטהאָוונס מוזיק.

פאַראַן דערביי אַ פּשוטער טעם:

די רעכטלאָזע בערלינער יידן, די זעלבע, וואָס האָבן משפּע געווען דאָס עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן אין דער שטאָט, זיי פירן אַ כסדר־דיקן געראַנגל פאַר בירגער־רעכטן. ס׳איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז געניי, ווי די דעמאָלטדיקע משכילים האָבן זיך געוואָרעמט ביי די שריפטן פון לעסינג און שילער, אַזוי האָבן די זעלבע יידן אין בערלין געזוכט

1. Siegmund Kaznelson, Beethovens ferne und unsterbliche Geliebte.

## עקיבא פישבין

**די פעסטע שטימע פון דערמוטיקונג אין די קלאַנגען פון בעטהאָווענס מוזיק.**

**אגב, ווען אַמאָל זוכן, אין דער מוזיק פון בעטהאָווען, נאָך אַנדערע ייִדן — טרייסט און האָפענונג... אויך די פאַרמשפּטע ייִדן אינעם געטאָ־וואַרשע, האָבן זיך געוואָרעמט אינעם ליכט פון בעטהאָווענס אַקאָרדן.**

**אינעם בוך „פון מוזיקאַלישן פּנקס״, אַרויסגעגעבן דורכן וואַרשעווער ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט — אין 1977 — ברענגט דער מחבר, מאַריאַן פוקס, אַ גבית עדות פון פּראָפעסאָר לודוויק הירשפעלד. ער איז, אין די טרויעריקע טעג פון יענער צייט, געווען אינעם וואַרשעווער געטאָ. דערציילט לודוויק הירשפעלד:**

„ביי די ייִדן איז נאָך, צו יענער צייט, געווען אַ הונגער צום לעבן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט, נישט בלויז מיט רעסטאָראַנען און קאַפעען, אלא אויך מיט טעאַטערן און קאָנצערטן. אין טעאַטער בין איך נישט געגאַנגען; געקומען בין איך אָבער אויף קאָנצערטן.

אַ מאָדנע שטימונג האָט געהערשט אויף די דאָזיקע קאָנצערטן. ייִדן האָבן געמעגט שפּילן מוזיק נאָר פון ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן. די „בייזוויליקע״ ייִדן האָבן אָבער ליב געהאַט אויך בעטהאָווענען, בראַמסן, שאָפּענען. זיי האָבן ליבערשט געוואָלט ריזיקירן מיט תפיסה, ווי זיך אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער אייביקער שיינקייט.

כ׳געדענק אַפילו די ניינטע סימפאָניע פון בעטהאָווען. דער „הימען צו דער פרייד״ געשפּילט דורך פאַראורטײלטע...

נישט דערלויבן צו הערן בעטהאָווענען, דאָס איז דאָך אַזוי ווי פאַרווערן צו פרייען זיך מיט דער זון. דאָס הערן־פאָלק איז נישט מסכים צו באַוויליקן די דאָזיקע העכסטע פרייד. אונטער אַ שטראָף, איז געוואָרן פאַרווערט איינצואָרדענען קאָנצערטן.

אַ קלייניקייט, די ייִדן האָבן געוואָגט שפּילן מוזיק פון „אַרישע״ מוזיקער״.

**עד כאן — דער פּראָפעסאָר לודוויק הירשפעלד.**

**אָבער, לאָמיר אָפּלאָזן יענע פינצטערע צייטן, ווען בעהאָווענס „הימען**

צו דער פרייד״ האָט אַריינגעברענגט אַ שטראַל פון זון צווישן די פּאַלג־דיקע ווענט פון וואַרשעווער יידנטום און לאָמיר צוריקגיין צו די צייטן, ווען בעטהאָווענען האָט מען קוים פאַרשטאַנען.

אין דעם זעלבן בערלין, ווו די „ניינטע״ האָט טריאומפירט, לעבט אַ מוזיקאַלישער אויטאָריטעט פון יענע יאָרן: קאַרל פרידריך צעלטער האָט ער געהייסן. דער דאָזיקער צעלטער, פּראָפעסאָר פון פעליקס מענ־דעלסזאָן־באַרדאָלדי, איז געווען אַ גרויסער ידיד פון דעם גרויסן דייטשן פּאָעט — געטע; ער איז געווען זיינער אַ ממונה אויף מוזיק.

האָט צעלטער געפּסקנט, אַז די מוזיק פון בעטהאָווענען איז אַ „צערוּ־דערטע קונסט״ — נישט מער און נישט ווייניקער. „זי איז מאָנסטרועז — האָט ער געזאָגט — אומפאַרשעמט און אויסגעלאַסן״. אַ צווייט מאָל האָט צעלטער געזאָגט, אַז „בעטהאָוון כאַפּט אַ האַמער צו הרגענען אַ פליג״.

קלאָר ווי דער טאָג, — צעלטערס געדאַנקען האָבן געשטימט מיט די מוזיק־באַגריפן פון דער ווינער אַריסטאָקראַטיע.

לאָמיר אויף טשיקאַווע אַ קוק טאָן, ווי אַזוי האָט בעטהאָווענען אויפגענומען דער, וועלכן דער מוזיקער האָט פאַרגעטערט, אים גע־האַלטן פאַרן גאון שבגאונים, דאָס הייסט — דער גרויסער געטע אַליין.

דער ווימאַרער פּאָעט האָט באַלד פונעם ערשטן בליק, בשעת זייער ערשטן צוזאַמענטרעף מיט אים, באַנומען די געוואַלדיקע פערסאָנאַליטעט פון מוזיקער. צו זיין פריינט צעלטער שרייבט ער אַזוי:

„איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ קינסטלער מיט אַזאַ מעכטיקער קאָנצענטראַציע, ענערגיע און געשפּאַנטקייט, ווי ביי בעטהאָווענען״.

מצד געטע זענען אַזעלכע רייד, זאָגט מען, אַ זעלטענע זאַך. מען האַלט, אַז צו דעם האָט קיין שום קינסטלער נישט זוכה געווען...

אָבער די מוזיק פון בעטהאָווענען קען געטע נישט פאַרטראָגן! פאַראַן אַ סברה, אַז ער האָט דעם מוזיקער, אַלס מענטש אויך נישט ליב געהאַט. צו שטאַרק אימפּולסיוו איז בעטהאָוון פאַרן קלאַסישן געטע.

פאַרן ווײמאַרער זקן איז דער גאון פון באַן אַ „פויער פון דוניי״. דער פּאָעט האָט נישט פאַרטראָגן — ער האָט נישט געקענט לײדן — די הויכע טעמפּעראַטור פון צעוויכערטן טעמפּעראַמענט פון דעם מוזיקער. אויך די דראַמאַטישע שפּאַנונג פון זײן מוזיק האָט ער נישט ליב געהאַט.

דער קלײנער מענדעלסזאָן האָט אַמאָל פאַר געטע פאַרגעשפּילט די ערשטע טײל פון בעטהאָווענס פינפטע סימפאָניע — אויפן קלאַוויר. דער פּאָעט איז געוואָרן אויפגערודערט ביזן מאַרק פון זײנע אַלטע בײנער.

„ס׳איז גראַנדיעז!״ — האָט געטע אויסגעשריגן אָן איבערראַשטער.

„געטע האָט געברומען — שרײבט מענדעלסזאָן — און נאָך אַ לענגערן מאָמענט פון אַן אומצופרידענעם שווײגן, האָט ער ווידער צוגעוואָרפן:

„ס׳איז ריזיק גרויס! ס׳איז אַבסאָלוט משוגע! אַ שרעק, אַז דאָס הויז זאָל נישט אײנפאַלן... הײנט, שטעלט אײך נאָר פאָר, ווי אַזוי וועט דאָס אויסזען, ווען אַלע (מוזיקאַנטן) וועלן נעמען שפּילן דאָס זעלבע צוזאַמען?״ (1).

כאָטש געטע איז באמת גערירט פון בעטהאָווענס מוזיק, פאַרטראָגט ער נישט זײן קונסט. געטע דערקענט גלײך אין איר דעם דראַנג צו אַ פרײהײט, וואָס פאַר אים באַדײט זי „דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַן אומרײנער וועלט״ — לויטן ווערטל פון מאַלראָ בשײכות צו דער מאָדערנער קונסט. עפּעס דערפילט ער, געטע, אין דער דאָזיקער מוזיק אַ נײעס, וואָס גרע־נעצט מיט פילאָזאָפישע נאָכטראַכטונגען.

„אָודאי קען דער חכם פון ווײמאַר די גרויסקײט פון פילאָ־זאָפיע; ער זעט אין איר אָבער — קודם כל — דעם כוח פון נעגאַטיוויטעט; אַ מעפיסטאָפעלישע לאָקונג, וואָס איז, לויט אים, געפערלעך פאַר אַ קינסטלער״(2).

---

1. J. et B. Masson, Ludwig v. Beethoven, p. 254-5.
2. Victor Hell, Schiller, p. 57.

ראָמען ראָלאַן זוכט אַ זכות דעם ווייִמאַרער פּאָעט. ער זאָגט, אַז בשעת דעם איבערגאַנגס-פּעריאָד פון אַן אָפּשטאַרבנדיקער וועלט צו אַ וועלט, אַ נייע, איז געטע נישט מוחל, ווען מען צעטרייסלט אים זיינע קלאַסישע באַגריפן פון אָרדנונג און האַרמאָניע.

אגב, וועלכע זענען דאָס געטעס באַגריפן פון האַרמאָניע און אָרדנונג, אין וועלכע ער איז אַזוי פאַרליבט?

דער היסטאָריקער פון אַנטיסעמיטיזם, לעאָן פּאָליאַקאָוו, דערציילט, אַז אויף דער עלטער, האָט געטע געמאָלט אַן אידיליש בילד פון די אַמאָליקע פּאָזיטיווע זיטן אין דער געזעלשאַפט. לויט געטע, זענען די מעלות פון די אַמאָליקע זיטן באַשטאַנען דערין, וואָס די געזעלשאַפט איז געווען געבויט אויף אַ „פאַרשידנאַרטיקער אונטערטעניקייט, פון די גרעס־טע ביז די קלענסטע; פונעם קייסער ביז צום ייד, זענען די מענטשן געווען ענדער פאַראייניקט, ווי צעטיילט, און (אַ דאַנק דעם) זענען זיי געווען פאַרזאָרגט מיט ווילטאָג". לויטן דיכטער קומט אויס אַלזאָ, אַז וואָס האָט צעמענטירט די געזעלשאַפט און זי גליקלעך געמאַכט, איז געווען דער טראַדיציאָנעל-באַשטימטער פּלאַץ פאַר יעדן באַזונדער, אַן צו נעמען פאַר שלעכט דעם סאָציאַלן שטאַפּל, אויף וועלכן דער מענטש האָט זיך געפונען.

געטע האָט זיך איינגערעדט, אַז אין דער פעאָדאַלער אָרדנונג איז יעדער מענטש גליקלעך געווען מיט זיין פּלאַץ אין דעם ציבור, און פּטור אַן עסק!

נו, אַז די געזעלשאַפט זאָל זיך אַוועקלאָזן אויף אַ דעמאָקראַטישן דרך — איינפירן טאָקע, אַז דער קייסער זאָל אַראָפּ פון זיין פּיעדעסטאַל און דער ייד, חלילה, זאָל ווערן מיט לייטן צו גלייך, דאָס קען שוין ברענגען, לויט געטע, צו „אַן אומאָרדנונג, וואָס איז ערגער, ווי די אומ־גערעכטיקייט אַליין" (1).

אַז, באַשירעמט זאָל מען ווערן...

הקיצור, פאַר געטע איז די מוזיק פון בעטהאָווען צו הפקרדיק... ווער ווייסט, וווּ אַהין זי קען דעם מענטש פאַרטראָגן.

---

1. Léon Poliakoff, Histoire de l'antisémitisme (De Voltaire à Wagner).

ראָמען ראָלאַן שרייבט אין דעם באַנד „געטע און בעטהאָווען״ (1):

„אויף צו פּרוּוון איינזען אין בעטהאָווענען דאָס, וואָס היינט צו טאָג, זעען עס אין אים שוין אַלע; דהיינו — די אימפּעריאַלע מייסטערשאַפט, דעם כוח צו באַצווינגען די צעברויזטע עלעמענטן אין דער קונסט — אויף דערויף איז געטע אַ קנאַפּער מוזיקער. ער איז אָבער אַ געניג גרויסער מבין אויף מוזיק, ער זאָל זעען און באַנעמען די צעווייכערטע טעיכיע (אין דער שאַפונג פון בעטהאָווען) און ווערן פון איר דערשראָקן״.

און ראָמען ראָלאַן פירט אויס:

„געטע באַקומט קאָפּ־שווינדל ביים ראַנד פון אַלע תהומען״!

אַזאַ נאַטור האָט שוין געהאַט דער ווייִמאַרער גאון, ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם קלימאַט פון געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען.

ביי דער געלעגנהייט לוינט צו מאַכן אַ קליינע דיגרעסיע: אויך זי קען העלפן פאַרשטיין געטעס באַציאונג צו בעטהאָווענען.

אינעם יאָר 1835 איז פּובליצירט געוואָרן די קאָרעספּאָנדענץ צווישן געטע און די שוין דערמאָנטע — בעטינאַ ברענטאַנאָ.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גרויסער דייטשער פּאָעט האָט די יידישע עמאַנציפּאַציע אויך נישט פאַרטראָגן. אויב ביי דעם האָט ער באַקומען קאָפּ־שווינדל...

אינעם בריוו פון ווייִמאַר, דאַטירט דעם 14־טן פעברואַר 1808, האָט געטע אַ בקשה צו בעטינאַ: ער וויל, זי זאָל אים אַרויסשיקן די דער־שינענע יידישע בראָשורן, וואָס פּראָטעסטירן קעגן די נייע תקנות לגבי יידן, אין זיין געבוירן־שטאָט — פראַנקפורט אַם מיין. ער „וואָלט געוועןן אַ בעלן צו זען — שרייבט דער פּאָעט — ווי די ניי־מאָדישע איזראַעליטן קרומען זיך קעגן דער נייער קאָנסטיטוציע״ (געמיינט די אַנטי־יידן תקנות פון דעם שטאָט־סענאַט).

נאָכן איבערלייענען די בראָשורן איז געטע אַ גליקלעך־צופרידענער. דער קאָפּ וואַקסט אויף אים!

וואָס איז די גדולה אַזוי גרויס?

---

1. Romain Rolland. Les époques créatrices (Goethe et Beethoven).

געטע איז צופרידן, וואָס די פראַנקפורטער פּאַטריציאַנער שטאָט־טאַטעס „האָבן באַהאַנדלט די יידן, ווי אמתע יידן און ווי געוועזענע קאַמער־קנעכט".

בשייכות צו דער קאַמפּאַניע, וואָס האָט דאַן געפירט קעגן די אַנטי־יידן געזעצן, דער יידיש־אַסימילאַטאָרישער באַנקיר — ישראל יאַקאָבסאָן פון דער שטאָט ברונשוויק, אַ שתדלן, וואָס האָט זיך פּרעטענסיאָנעל טיטו־לירט — „פינאַנץ ראַט" (געטע פלעגט אים איראָניש רופן „דער משיח פון ברונשוויג"), — אויף אים, רעאַגירט געטע מיט אַ פריילעכן קאַ־לאַמבור:

„מיר איז געווען גאָר צום האַרצן, וואָס מען האָט אַזוי קונציק אָפּגעפּטרט דעם דאָזיקן פינאַנץ־ראַט, דעם יאַקאָבינישן איזראַעלסאָן". — (אונטערגעשטראָכן — פ.).

הכלל, מיט איין זאַץ האָט געטע אַרויסגעבראַנגט זיין אומחן צו יידן, צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און צו אַלע געזעלשאַפטלעכע ענ־דערונגען.

דאָס הייסט אַ גאון!...

ווען די בעטינאַ־געטע קאָרעספּאָנדענץ איז דערשינען אין בוך־פאָרעם, האָט דער געשמדטער לודוויק בערנע פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל. אַ מאָטטאָ צו זיין אַרטיקל האָט בערנע אַרויסגענומען פון געטעס „פּראָמעטעאוס":

„דיך דאַרף איך שעצן? פאַרוואָס? האָסטו דען פאַרגרינגערט אַמאָל ליידן פון געדריקטע? האָסטו דען אָפּגעווישט אַמאָל די טרערן פון דערשראָקענע?".

מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון אַ שפּראַך, וואָס נאָר בערנע האָט זי באַזיצט, האָט ער געטאַדלט דעם ווייטאַרער פּאָעט:

„געטע איז אין כעס — שרייבט בערנע — ווייל ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די יידן אין פראַנקפורט פאַרלאַנגען בירגער־רעכט און ער האָט אַ זידל געטאָן די „פלאַפּלער פון הומאַניטעט, וואָס זענען אַרויס לטובת יידן" (1).

---

1. ציטירט דורך ש. דובנאָוו.

די דיגרעסיע און דער כעס פון בערנע העלפן באַנעמען דעם אומחן פון געטע צו בעטהאָווען. אגב האָט בעטהאָוון, בשום אופן, נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער פּרינץ פון דער פּאָעזיע האָט זיך הכנעהדיק געקענט בייגן פאַר די פּרינצן פון בלוט.

ראָמען ראָלאַן מאַכט אַן אינטערעסאַנטן פאַרגלייך צווישן געטע און בעטהאָוון און פירט אויס:

„זאָל מען פאַרגלייכן — שרייבט דער פראַנצויזישער שרייבער — דעם פינאַל פון דער ניינטער סימפאָניע מיט דעם סוף פון צווייטן „פאַוסט" (פון געטע).

ביידע לעזונגען, די דערלאַנגטע דורך געטע און בעטהאָוון, זענען צו זיך קרוביש; דער מעכטיקער אינדיווידואַליזם קערט זיך צוריק צו דער מענטשלעכער קאָלעקטיוויטעט. אָבער: פאַוסט פאַרבלייבט, ווי דער אַלטער געטע, אַליין מיט זיך — אין זיין פּעולה לטובת די מענטשן. ער באַטייליקט זיך נישט אין די ליידן און פריידן פון די מאַסן פאַר וועלכע ער ווירקט. בסוד סודות, עקלט אים גאָר צו קומען מיט זיי אין קאָנטאַקט.

בעטהאָוון מישט זיך מיט זיי אויס. ער נעמט אַריין אין זיינע אָרעמס די גאַנצע וועלט!" (1).

איז, ווי געזאָגט, האָבן די מוזיקאַלישע מיטצייטלער פון בעטהאָווענען אַ גאַנץ קנאַפּע פאַרשטענדעניש געהאַט פאַר זיך שאַפונג.

קערוביני, דער דעמאָלטדיקער מוזיקאַלישער „פּויפּסט" אין פראַנק־רייך, באַטראַכט אים פאַר דעם „אַנטיקריסט פון דער קונסט". מילא, די מאַדאַם קערוביני, זי איז אויף בעטהאָווענען שטאַרק אין כעס. אַ קליי־ניקייט — בעטהאָוון האָט אַ חוצפה געהאַט צו באַהאַנדלען אַ גרעפין צוגלייך מיט אַ פּשוטע פרוי...

אַ קריטיקער פון דער „אַלגעמיינער מוזיקאַלישער צייטונג" איז ביי

1. Romain Rolland. Les époques créatrices. (Goethe et Beethoven).

דער דעה, אַז די בעטהאָווענישע שאַפונג איז אַ מין „קינסטלערישער טע־ראָריזם״. היוצא מהדברים, אַז שוין דעמאָלט האָט מען געהאַט צרות פון טעראָר...

נו, און ווי אַזוי, למשל, האָט זיך די קריטיק בשעתו באַצויגן צו בעטהאָווענס איינציקער אָפּערע „פידעליאָ״? — צו דער באַפרייאונגס־דראַמע, וואָס איז אַ הימען צו דעם קעמפנדיקן מענטש; ווי אַזוי האָט מען זי אָפּגעשאַצט?

לאָמיר באַמערקן, אַז „פידעליאָ״, וואָס איז בעטהאָווענס מוזיקאַלישער אויסדרוק לגבי די פרייהייטס־אידעען פון דער מענטשהייט, האָט דעם קאָמפּאָזיטאָר געקאָסט גרויס מי. ער האָט דערויף געאַרבעט יאָרן. די גרעסטע זאָרגן האָט אים דווקא פאַרשאַפט דאָס דאָזיקע ווערק. דאָ האָט ער „זוכה געווען די מאַרטירער־קרוין״, ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ בריוו צו זיין פריינט, דעם שרייבער פון טעקסט — טרייטשקע. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט דאָ געפונען שטאָף, וואָס האָט אַנטשפּראָכן זיין אינערלעכן ווונטש און ער האָט באַשאַפן אַ ווערק, וואָס הויבט אַרויס זיין גאַנצע קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט. „פידעליאָ״ איז אויסגעפילט מיט העראָישער גרויסקייט און מיט אַ ים פון עמפּינדונגען. די ליידנשאַפט צעשטורעמט זיך דאָ — ווייט אַריבער דער טאָג־טעגלעכער נאָרמע. זי גרייכט אַזש ביז צום דעמאָנישן אויסדרוק פון אייגענער עקידה. און אַלץ אויפן מזבח פונעם גרויסן אידעאַל — די פרייהייט!

הכלל, די אָפּערע „פידעליאָ״ ווערט דורך די שריפט „די צייט פיר די עלעגאַנטע וועלט״ (פון יאָר 1806) באַצייכנט ווי „אַ גערודער דער־דריקט צו ווערן״.!

דער קריטיקער פון דער דאָזיקער צייטשריפט איז נישט קיין אויס־נאָם. אויך אַנדערע צייטונגען האָבן זיך נישט אויסגעדריקט בעסער.

גאָרנישט בעסער ווערט אויך אָפּגעשאַצט זיין דריטע סימפאָניע, די „עראָיקאָ״. זי ווערט באַשריבן בשעתו, ווי:

„אַ ווערק, וואָס פאַרטויבט אָן אַן עק, אַ צעפאָרענע שאַפונג״.

אמת, מען דאַרף באַמערקן, אַז די „עראָיקאָ״ איז בעטהאָווענס ערשטער פּרווו פון אַ סימפאָנישער אויסברייטערונג פון דער סאָנאַטע־פאָרעם. די דאָזיקע נייעס איז נישט געווען פאַר יעדנס געשמאַק. אַפילו דער גרויסער

דייטשער קאָמפּאָזיטאָר, דער נישט קאָנווענציאָנעלער מוזיקער, מאַריאַ פאָן וועבער (געב. 1786 — געשט. 1826), אויך ער האָט נישט פאַרשטאַנען, און געהאַט טענות צו בעטהאָווענען. איז, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך וואונדערן אויפן פובליקום פון בשעת דער ערשטער ווינער אויספירונג פון דער דריטער סימפאָניע אונטער דער לייטונג פון קאָמפּאָזיטאָר?

דער באַרימטער פּיאַניסט און פעדאַגאָג, טשערני, בעטהאָווענס אַ שילער, דערציילט, אַז אין מיטן דער אויספירונג פון דער סימפאָניע אין ווין האָט זיך דערהערט מצד דעם פובליקום אַן אויסגעשריי: „איך גיב אַ קרייצער (אַזאַ מטבעה) און זאָל שוין אַ סוף נעמען דערצו!".

די דאָזיקע רעאַקציע, שרייבט טשערני, איז אַ שליסל צו פאַרשטיין דעם אָפּקלאַנג, וואָס די „עראָיקאָ"-סימפאָניע האָט דעמאָלט געפונען אין די עפנטלעכע באַריכטן. היינט קוקט מען אויף זיי, ווי אויף קוריאָזיטעטן פון דער מוזיקאַלישער קריטיק.

„געווען דאַן — דערציילט טשערני — קריטיקער, האָבן זיי בעטהאָוונען געראַטן: די סימפאָניע וואָלט אַ סך געווינען, האָבן זיי געזאָגט, ווען בעטהאָוון וואָלט זיך דעצידירט זי צו קירצן און אַריינברענגען אין איר מער ליכט, קלאָרקייט און איינהייט" (1).

און אָט אַ רעאַקציע פון אַ באַרימטן מוזיקער פון יענע יאָרן.

דער באַרימטער דאַן פראַנצויזישער פידלער, קרייצער — אים האָט בעטהאָוון געווידמעט זיין „קרייצער"-סאָנאַטע — האָט זיך פראָסט פשוט אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די ווידמונג.

פאַרוואָס?

ער האָט געהאַלטן די סאָנאַטע פאַר „נישט לייענבאַר" און דאָס האָט ער באַטראַכט פאַר אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. מען זאָגט, אַז ער האָט די שאַפונג אין לעבן נישט געשפּילט.

---

1. Fr. Kerst, Erinnerungen an Beethoven.

❋

דער פעסט־איינגעפונדעוועטער שיכט, וואָס האָט געוועלטיקט איבער דער וועלט — אַליין; קיינעם נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון און נישט דערלאָזט די געשיכטע זאָל זיך אַ ריר טאָן מיט אַ טריט פאָראויס; דווקא פאַרקערט, דער דאָזיקער עולם האָט גאָר געהאָפט, אַז דאָרט ווו דער רעכטלאָזער מענטש האָט שוין מיט מזל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וועט מען אים אויך אָפּהאַקן — דער דאָזיקער סאָציאַלער שיכט האָט מיט בעט־האָווען און זיין קונסט קיין שלום בית נישט געהאַט. די הויך געבוירענע און פאַרמעגלעכע קרייזן האָבן דערהערט אין בעטהאָוונס מוזיק דעם רעוואָנזש פון פאַריאָס. דערפאַר האָבן זיי אים אויסגערעכנט אַ גאַנץ צעטל מיט חטאים, זיי האָבן אים פיינט געהאַט בתכלית השנאה. זיי האָבן אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ כופר בעיקר אין הלכות מוזיק, אַן אַפּיקורס אין זייערע אומאָפּפרעגלעכע רעכטן. זיי האָבן אים באַשולדיקט אין קראַ־מאַלע, גאַטלאָזיקייט, גאָט־לעסטערונג און — אין וואָס נישט?

און דאָך האָט בעטהאָוון געהאַט חסידים.

נאָך דער פעטערבורגער אויספירונג פון זיין „מיססאַ סאָלעמניס״, אין יאָר 1824, שרייבט צום קאָמפּאָזיטאָר אַ רוסישער ענטוזיאַסט:

„אייער גאונות לויפט פאָראויס אויף יאָרהונדערטער. אפשר איז נישטאָ יעצט געווג אַ סך אויפגעקלערטע צוהערער וואָס זאָלן קענען באַנעמען די גאַנצע שיינקייט פון אייער מוזיק. די צוקונפט וועט אייך אָבער אָפּגעבן כבוד און וועט אייך בענטשן! זי וועט דאָס מאַכן בעסער, פיל בעסער, ווי דאָס קענען טאָן אייערע מיט־צייטלער״.

אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער, שרייבט דער זעלבער גאַליצין — ער האָט אגב ביים מוזיקער באַשטעלט עטלעכע פון זיינע לעצטע קוואַרטעטן:

„דער שלעכטער געשמאַק, וואָס הערשט יעצט אין איידאָפּע

רעוואָלטירט מיך. דער איטאַליענישער שאַרלאַטאַניזם ברענגט מיך אַרויס פון די כלים. דער גרויסער ענטוזיאַזם פאַרן איטאַליענישן גאָרגלען זיך וועט אַדורך מיט דער מאָדע; אייערע שעדעווערן וועלן פאַרבלייבן אומשטערבלעך" (1).

הייסע חסידים פון בעטהאָווענס מוזיק געפינט מען אויך אין פּאַריז. צו איר פּאָפּולאַריזאַציע האָט שטאַרק געהאָלפן דעם קאָמפּאָזיטאָר דער יידישער פאַרלעגער אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט — שלעזינגער, אַ זון פונעם בערלינער פאַרלעגער.

אויך דער פראַנצויזישער מוזיק־שעפער, העקטאָר בערליאָז (געב. 1803 — געשט. 1869), איז פאַרכאַפּט פון בעטהאָווענס קונסט. ער וועט אַ נעם טאָן זיין טאַלאַנטפולע פּלאָמיקע פעדער, אָנשרייבן אַן ענטוזיאַס־טישע מאָנאָגראַפיע און זי באַגלייטן מיט גלאַנצפולע אַנאַליזן, אַרויס־ווייזנדיק גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דעם נייעם אין בעטהאָווענס מוזיק.

אויך אין לאָנדאָן, פון וואַנען ס'וועט אָנקומען, פאַר דעם שוין שטערבלעך־קראַנקן מוזיקער אַ גרעסערע פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג, אויסגעפועלט דורך זיין יידישן פריינט און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון זיינע ווערק — דעם פּיאַניסט מאָשעלעס — אויך דאָרט האָט מען שטאַרק הנאה פון בעטהאָווענס מוזיק.

און אַפילו אין ווין, ווו דער געשמאַק איז שטאַרק פאַרדאָרבן מיטן ביליקן איטאַליאַניזם, אויך דאָרט קומען פאָר קאָנצערטן פון די לעצטע קאַמעראַלע שאַפונגען פון מוזיקער. אמת: בלויז פאַר הייסע חסידים. מען דערציילט אָבער, אַז די קליינע פּריוואַטע זאַלן און סאַלאָנען, וואָס נעמען אויף די דאָזיקע קאָנצערטן, זענען אויסגעפילט מיט הונדערטער מענטשן.

גרויס פאַרשטענדעניש געפינט בעטהאָווען ביי דער יונגער עליטע בכל מקום שהוא. אָט למשל, האָט דער דעמאָלטדיקער יונגער אָרגאַניסט, קאַרל גאָטליב פּרוידנבערג, צענדליקער קילאָמעטער צופוס דורכגעמאַכט, כדי עולה רגל צו זיין צו דעם „מיט זון שטראַלנדן אונטערטראָגער פון ליכט און פרייד". ער זעט אין בעטהאָווענען דעם מענטש, וואָס „האָט מיט זיין קלאַנגפולן קוש מיליאָנען הערצער פאַרברודערט!".

---

1. טייער, דאָרט, באַנד 5, זייט 557.

דער אָרגאַניסט פרוידנבערג איז נישט קיין אויסנאַם, נייערט אַ ביי־שפּיל פון אַ גאַנצן דור שרייבער און קינסטלער, פאַר וועלכע דער מוזיקער איז געוואָרן זייער מורה־דרך.

יונגע מוזיקער שטודירן זיינע ווערק פאַרבאַהאַלטענערהייט, ווייל פאַר זייערע קאָנסערוואַטיווע פּראָפעסאָרן איז בעטהאָווען טריפה חזיר. די אַלע יונגע פילן, אַז דער גאון פון באָן רעדט צו די דורות פון מאָרגן. ווי אַ תשובה צו זיין מעסאַזש איז דער רוף פון נאָוואַליס (געב. 1772 — געשט. 1801), דעם פּאָעט פון יונגן דייטשן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט געזאָגט:

„פון אונז איז אָפּהענגיק די וועלט זאָל זיין אַזעלכע, ווי מיר ווילן!״.

דער דייטשער ראָמאַנטיקער — ע. ט. ג. האָפמאַן (געב. 1776 — געשט. 1822). שרייבער, צייכנער, מוזיקער און אויסגעצייכנטער מוזיק־קריטיקער האָט, אין זיינע וווּנדערבאַרע אָפּהאַנדלונגען וועגן בעטהאָווען אַריינגעטייטשט די נייע תורה פונעם ראָמאַנטיזם.

בעטהאָווענס פלאַמיקער פּאַטאָס האָט אָנגעצונדן יונגע הערצער!

אומעטום דאָרט, וווּ ס׳האָט זיך באַוויזן אַ פונק פון ראָמאַנטיזם, איז בעטהאָווען געוואָרן דער גאָט פונעם נייעם דור; כאָטש אין תוך האָט ער מיט די ראָמאַנטיקער אַ קנאַפּן שייכות. דערצויגן אינעם גייסט פון „אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער״, איז בעטהאָווען אַ פּראָדוקט פון דעם ראַציאָ־נאַליסטישן 18־טן י. ה. אים זענען פרעמד געווען די ענגע נאַציאָנאַליסטישע געפילן פון די ראָמאַנטיקער, וואָס האָבן פאַרשפּרייט דעם טשאַד פון שאָוויניזם; די דייטשע יידן האָבן פון זיי געהאַט צו זינגען און צו זאָגן... פרעמד איז דעם גאון פון באָן געווען די ראָמאַנטיקערס שפּרונג צום מיטלאַלטער, זייער נאָסטאַלגיע צו די אַלטע ריטערלעכע שלעסער, זייער וואַרעמען זיך אין די אָפּגעבליאַקעוועטע שטראַלן פונעם קריסטנטום; אים איז פרעמד געווען זייער עגאָצענטרישע סענסיביליטעט.

דאָס בשותפותדיקע פון בעטהאָווענען מיט די ראָמאַנטיקער איז באַ־שטאַנען אין דער נעגאַציע פון דער „אומרייַנער וועלט", וואָס געטע האָט אַזוי נישט פאַרטראָגן. דערפאַר האָט דער דייטשער פּאָעט נישט ליב געהאַט אויך די ראָמאַנטיקער — אין דער מוזיק ווי אויך נישט אין דער לי־טעראַטור.

נישט געקוקט אויף זיין אומחן צו דער דאָזיקער שטרעמונג, האָט געטעס „ווערטער" אַ פונק אַנגעצונדן פון ראָמאַנטיזם. זיין „פאַוסט" איז געוואָרן אַ קוואַל פאַר אינספּיראַציע פון אַן אַ שיער ראָמאַנטיקער; אַ סך ראָמאַנטישע מוזיקער האָבן אויף דער טעמע געשאַפן וויכטיקע ווערק.

וואָס שייך בעטהאָווענען, האָט ער זיינע בליקן אויף צוריק נישט געוואָרפן. פאַרקערט: ער האָט זיי געריכטער נאָר אין דער צוקונפט אַריין, ווייל:

„ער ווייסט, אַז אַלע באַסטיליעס פון דער וועלט קען מען צעשטערן. ער ווייסט אויך וואָס עס נוצט דער טויט פון עגמאָנט (נידערלענדישער העלד, וואָס קומט אום אין קאַמף קעגן דער שפּאַנישער אונטערדריקונג). ער ווייסט, אַז נאָכן טרויער־מאַרש פון דער העראָישער סימפאָניע (די דריטע) קומט דער טריאומ־פאַלער טאַנץ פון דער לעצטער טייל. ער ווייסט, אַז דאָס ווערק, וואָס ער שאַפט איז אַ ריזן־כוח — דאָס וועט מאַכן די צוקונפט דערגרייכבאַר". (זשאַן און ברידזשיד מאַסאָן).

מען דאַרף דערמאָנען, אַז גרויס פאַרשטענדעניש פאַר בעטהאָווענען האָבן געהאַט די יידן אין ווין, און אויך די אָפּשטאַמיקע פון יידן, וואָס כאָטש געשמדטע, האָבן זיי גענוג אָפּט געפילט דעם ביטערן טעם פון יידן. בעטהאָוון האָט פאַרמאָגט צווישן דעם יידישן עולם אַ סך חסידים, נאָענטע פריינט און אונטערשטיצער.

די, וואָס האָבן אין דער בעטהאָוון־מוזיק אָפּגעפונען זייערע אַספּי־ראַציעס, די, וואָס זיין מוזיק האָט דערהויבן און געלייטערט, די, וואָס האָבן אין זיינע קלאַנגען געפונען טרייסט און האָפנונג — די אַלע האָבן בעט־

**האָוונען אויפגענומען מיט אַן אָפּן האַרץ, אָן טענות. זיי האָבן אים קיין חטאים נישט פאַרגעוואָרפן, כאָטש זיין פילאָזאָפישער האָריזאָנט איז גאָר־נישט געווען אַזאַ באַקוועמער כל הנערים פאַר אַלע זיינע חסידים בייגאַנד. דורשטיקע צו טרינקען פון זיין קוואַל, איז מען צו אים געקומען — אָן חשבונות.**

**אַז בסך הכל איז בעטהאָוון גאַרנישט געווען אַזאַ קראַמאַלניק. ער האָט גאַרנישט בדעה געהאַט צו פאַרברענען די וועלט. פאַרקערט גאָר. ער האָט די וועלט געוואָלט זען אַ שענערע און בעסערע; ער האָט געוואָלט זי זאָל זיין אַ מאַמע, אַן איבערגעגעבענע, פאַרן מענטש.**

**„אין דעם בראַנד פון יסורים" האָט ער דעם ואהבת לרעך כמוך צעפלאַקערט. דער דאָזיקער געבאָט איז אים דאָס געזעץ פון זיין לעבן געוואָרן.**

**דעם מענטש, דער עיקר און תוך פונעם גאַנצן באַשאַף, האָט ער אינעם מיטלפונקט פון דער וועלט געוואָלט זען. ער האָט אינעם בן־אדם דעם ניצוץ פון בורא דערזעקט. אים מאַכן פאַר אַ גלייכבאַרעכטיקטן שותף צום וועלט־באַשאַף — האָט ער געוואָלט.**

**ער האָט נאָר פיינט געהאַט די יחסנים מיט זייערע פּריווילעגיעס. לויט אים איז דער מענטש, אַ יחיד — אַ רינג פון איין גרויסער גאָלדענער קייט, די מענטשהייט! אַלע קומען מיר אַרויס פונעם זעלבן איין־איינציקן יחוס — פונעם יחוס מענטש!**

**בעטהאָוון האָט געזוכט שטענדיק „דעם רעגנבויגן אין דעם וואָלקן", ווי ס'זינגט דער פּאָעט י. ח. בילעצקי:**

> „אין אים האָט געלעבט דער דראַנג איבערצוהיפּערן די אָנגעצייכנטע גרענעצן פאַרן מענטש; אַן אומגעדולדיקייט אַרויסצוהויבן זיך אַליין און די גאַנצע מענטשהייט ווייט אַריבער דער גראָער טאָג־טעגלעכקייט. אין אים האָט געלעבט פּראָמעטעאוס!".

**אַזוי זאָגט וועגן בעטהאָוונען דער ווינער שרייבער, קאַרל קאָבאַלט, אין זיין בוך „בעטהאָוון, זיינע באַציאונגען צו דער קולטור און קונסט אין ווין".**

אמת, און דאָס טאָר בשום אופן נישט פאַרגעסן ווערן — בעטהאָוון האָט געהאָלפן צום אונטערגאַנג פון די פאַלשע געטער; ער האָט קעגן זיי געשטורעמט און געקעמפט! אָבער, כדי איינצושטעלן אַ לייטיש־מענטשלעך לעבן אויף דער וועלט, אַז הערשן זאָל אויף דער וועלט די פשוטע מענטשלעכע וואַרעמקייט, מענטשלעכע אחדות און נישט שנאה, קנאה ועלילת דם.

געוואָלט האָט ער, אַז פאַנעווען זאָל אויף דער וועלט די „פרייד״ פון שילערס אָדע. די פאַלשע געטער האָט ער צעבראָכן אינעם זכות פון דעם באחרית הימים. פאַר נייע לוחות האָט אָוועקגעגעבן בעטהאָוון זיין שעפעריש לעבן. זיין ליכטיק ווערק איז די גרויסע האָפענונג פון מענטשלעכן שטאַם. זי איז אַן אָנזאָג, ווי ס׳זינגט דער דיכטער מלך ראַוויטש אין די לעצטע פאַר סטראָפן פון זיין ליד „והיה באחרית הימים״:

„...און דאָס ערשטע וואָרט אין אָט די נייע לוחות —\
די לעצטע לוחות\
אין בלוט אין יידישן געוואַשן און געלייטערט,\
וועט אויך אנכי זיין, נאָר־נישט יהוה —\
אדם — וועט דאָרט זיין דאָס וואָרט, דאָס לעצטע״.



די לוויה פון בעטהאָווענען לויט אַן אַקוואַרעל פון פ. העבנער

# די „יודן-גאסע״

אין דעם מוראדיקן יאָר 1349, בשעת די פעסט־מגיפה האָט געריסן שטיקער פון דער באַפעלקערונג אין באָן, האָבן די דאָרטיקע דייטשן, זייענדיק חושד די יידן אין האָבן גורם געווען דאָס ביטערע אומגליק, אויסגעפירט אויף זיי אַ בלוטיקן פאָגראָם און בסוף, פאַרטריבן אַלע יידן פון דער שטאָט. אָבער, ווען מען האָט די יידן, הונדערט יאָר שפעטער, פאַרטריבן אויך פון דער רייכס־שטאָט קעלן, האָבן זיי זיך אויפסניי פאַר־שפרייט איבער די שכנותדיקע שטעטלעך ביים רהיין און געפונען דאָרט אַ שטיקל מקום מנוחה.

אַזוי אַרום איז אַ קליינע עדה יידן, נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקן גירוש, צוריקגעקומען קיין באָן.

ווען די יידישע עדה האָט גענומען ציילן אַ גרעסערע צאָל משפחות, האָט מען זיי, לויטן שטייגער פון יענער צייט, אָפגעטיילט פון דער רעשט באַפעלקערונג. צוויי טויערן האָט מען אויפגעשטעלט ביי דער אָפגעזונדערטער „יודן־גאַסע”; אויף דער נאַכט האָט מען זיי פאַר־שלאָסן און פאַרריגלט, און „אָפגעהיטן” מיט אַ וואַך פון סאָלדאַטן. פאַר דער וואַך האָט דער לאַנדעס־הערשער זיך גוט געהייסן באַצאָלן. לויט אים איז אויסגעקומען, אַז די וואַך איז גאָר אויסן דעם יידנס טובה.

נו, איז ווי דער שטייגער — פאַר טובות מוזן יידן צאָלן...

דער אָפגעטיילטער שטח פאַר דער יידישער עדה איז געווען אַן ענג שמאָל געסל. דאָ, אין דער כסדר־וואַקסנדיקער ענגשאַפט, איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שטאַרבן. פינצטער איז דער הימל געפאַלן איבער דעם יידנס קאָפ. דאָס באַשרענקען זיינע טריט, דער מאַנגל אין לופט און אין רוים, — דאָס האָט שווער געמאַכט דאָס יידישע געמיט. שטענדיק איז דאָ דער ייד אַרומגעגאַנגען אין איין שרעק, ווי ס'וואָלט אויף אים, אַ שטייגער, געלויערט אַן אייביקע געפאַר. דער געטאָ־ייד האָט פאַר זיך

געזען נאָר איין איינציקן אויסוועג — בעטן די הימלען, אַז משיח זאָל שוין וואָס שנעלער קומען!

דער גדר צווישן די יידן און די דייטשן האָט אַזוי אָנגעהאַלטן איבער 300 יאָר, ביז ס׳איז געקומען דער היסטאָרישער מאָמענט, ווען די חילות פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זענען אַריינגעדרונגען אינעם רהייך־געביט און אָנגעשטעקט מיטן צאָרן פון רעוואָלט די דייטשע באַפעל־קערונג פון באָן.

דער דייטש־יידישער היסטאָריקער, קאַרל בריש, דערציילט — ממש אַן אומגלויבלעכע געשיכטע.

ווען עס האָט אַ פלאַטער געטאָן איבער די גאַסן פון באָן די דריי־פאַרביקע פאָן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט; ווען די פאַר־געשריטענע דייטשן האָבן, אויף די חורבות פונעם אַלטן פירשטלעכן סיס־טעם פּראָקלאַמירט די נייע טראַנס־רהיינישע רעפּובליק, האָט אַ דייטשער המון זיך אַ לאָז געטאָן צו דער „יודן־גאַסע״, און מיט העק גענומען שטורעמען די הילצערנע טויערן פון געטאָ. אויסגעזען האָט עס, גלייך ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט אין דער באַסטיליע פון זייער אייגענער קנעכט־שאַפט!(1).

אויף אַזאַ אופן איז מען די יידן געקומען אָנזאָגן די בשורה, אַז זיי זענען פרייע מענטשן געוואָרן — גלייכע בירגער מיט אַלע!!!

ק. בריש דערציילט, אַז יעדער קלאַפּ פון די דייטשע העק יעצט האָט אָפּגעהילכט מיט יובלדיקע פרייד־אויסברוכן, אויף דער צווייטער זייט, אין דער „יודן־גאַסע״. דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע אירע איינוווינער! אויסגעפּוצט אין די שבת־יום טובדיקע מלבושים, זענען זיי געקומען מקבל פנים זיין דעם נייעם יציאת מצרים!

און עס ווערט איבערגעגעבן פאָלגנדעס: ווען דער דייטשער המון איז ענדלעך בייגעקומען די צוויי געטאָ־טויערן, און ווען דער שטאָלצער פירשטן־הערב, וואָס האָט געהיטן דעם געטאָ־אַריינגאַנג, האָט זיך, ווי

---

1. Karl Brisch, Geschichte der Juden in Köln und Umgebung S. 147.

אַ פגר, שוין געוואָלגערט אין מיסט, איז יעצט געוואָרן דער ריכטיקער ליהודים!

אָבער, מאָדנע, נישט בלויז ליהודים היתה אור ושמחה!

אויך די גויים, אויך זיי, האָבן גענומען טאַנצן און זינגען, ווי בעת אַ יום־טוב! די קאַרנאַוואַל־שטימונג ביי די דייטשן האָט עפּעס געמאַכט אַן איינדרוק, ווי מיטן צעוואָרפן די פיזישע מחיצה צווישן די צוויי שכנותדיקע עדות, האָבן זיי געזוכט תשובה צו טאָן פאַר אָפּגעטוענע זינד אין פאַרלויף פון לאַנגע הונדערטער יאָרן; פאַר די פאָגראָמען, רדיפות און כל מיני צרות, וואָס עס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן די יידן.

און אפשר גאָר, האָבן די דאָזיקע מענטשן, סוף כל סוף, פאַרשטאַנען, אַז דאָרט ווו דער ייד איז פאַרשקלאַפט און גערודפט קען בכלל נישט עקזיסטירן קיין פרייהייט פאַרן מענטש!

בעטהאָוונס געבוירן־שטאָט באָן איז געווען דאָס ערשטע אָרט פון די אַלע מדינות אשכנז, ווו דער ייד איז געוואָרן פריי און באַקומען בירגער־רעכטן גלייך מיט אַלע.

אָבער דערווייל, ביז צו דעם דאָזיקן היסטאָרישן מאָמענט, האָבן די יידן אין באָן געפירט אַ געמאַטערט פינצטער לעבן, מיט באַגרענעצונגען אויף טריט און שריט. די שטאָט־טאַטעס האָבן דעם ייד נישט געלאָזט לייגן דעם ביסן אין מויל אַריין. אַפילו די טראַדיציאַנעלע פרנסה פון אַמבוּלאַנטן האַנדל, אויך דאָס איז זיי גרויס געווען אין די אויגן.

דער רוב פון דער יידישער עדה אין באָן איז אָפּגעקומען מיט דחקות און נויט.

בשעת די יוגנט־יאָרן פון בעטהאָוונען אין באָן איז אין דעם דאָרטיקן ענגן געטאָ קיין באַזונדערע עשירות נישט געווען.

דער פראַנצויזישער בעטהאָוון־פאָרשער, זשאַק גאַבריעל פּראָדהאָם, ברענגט אין זיין בוך — „בעטהאָוונס יוגנט" — אַ גבית עדות פון אַ בן דוד. אַ פראַנצויזישער רייזנדער איבערן רהיין־געביט דערציילט:

„די יידן אין באָן ווינען אין אַ באַזונדערער גאַס מיט 21

הייזער. זיי זענען אַ קימא לן פון אַ 950 נפשות ון זענען זיך מפרנס פון מסחר מיט אַלטוואַרג״ (1).

אַן ענלעכן גרוס, אויך פון אַ בן דור, ברענגט אין זיין בוך — „דער יונגער בעטהאָוון״, דער דייטשער פאָרשער, לודוויק שידערמאַיר:

„די איינגעזעסענע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין אַן אייגענער גאַס, דערנערן זיך, ווי איבעראַל, מיט שאַכערן״ —שרייבט אַ דייטשער כראָניקער פון יענער צייט (2).

כאָטש דער פראַנצויז האָט די צאָל יידן שטאַרק מגזם געווען, איז פון די צוויי גביעת עדות געדרונגען, אַז דער רוב אחינו בני ישראל אין באָן זענען נעבעך געווען אָרעמעלייט אביונים.

דערפאַר אָבער, ווען מען טוט אַ בליק אין די אַרכיוון פון דער יידישער קהילה, באַמערקט זיך דאָס גייסטיקע עשירות פון איר עבר.

די „יודן־גאַסע״ איז געווען אַ מקום תורה וחכמה. באָן האָט געשמט מיט אירע רבנים. זיי האָבן אויסגעשטראַלט ווייט אריבער די אייגענע גרענעצן; און די יידישע וועלט האָט זיך מיט זייער דעה גערעכנט. אָט, אַ שטייגער, בסוף פון דעם 16־טן י. ה. ווען אין באָן האָט קוים געלעבט אַן עדה פון עטלעכע יידישע משפחות, האָט שוין הרב ראובן פון פולדע געלערנט דאָ תורה מיט בחורים, וואָס פלעגן קומען צו אים פון ווי ווייט. פון זיין חדר זענען אַרויס אַ סך וויכטיקע יידן — למשל, דער באַרימטער דוד גאַנס, אַ תלמיד חכם, אַן עילוי, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט געשיכטע, געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע.

דוד גאַנס האָט מחבר געווען צוויי וויכטיקע ספרים — דעם „צמח דוד״, אַ זעלטענע כראָניק פונעם יידישן לעבן אין 17־טן י. ה. ווי אויך דעם „נחמד ונעים״, אַ וויסנשאַפטלעך ווערק פון אַ געאָגראַפיש־אַסטראָנאָמישן כאַראַקטער. לאָמיר דערצו נאָך צוגעבן, אַז ר׳ דוד גאַנס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן גרויסן אַסטראָנאָם קעפלער אַליין!

---

1. J.G. Prodhomme, La Jeunesse de Beethoven.
2. Ludwig Schiedermair, Der junge Beethoven.

דערפון קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ קאָפּ־מענטש דער ייד איז געווען!

אינעם 17־טן י.ה. האָט אין באָן געלעבט הרב משה בן דוד הכוהן מאָוס — אַ באַרימטער רבנישער פוסק פון זיין צייט.

אין די פופציקער יאָרן פון 18־טן י.ה. אָט, גאַרנישט לאַנג פאַר בעטהאָוונס געבורט, איז געשטאָרבן אין באָן הרב יהודה מעהלער — אַ וויכטיקער רבנישער אויטאָריטעט פון יענער צייט. די גרעסטע רבנישע פוסקים פלעגן אָנפרעגן אַ דעה ביים הרב מעהלער, ווען זיי האָבן געהאַט צו באַהאַנדלען אַ שווערן ענין. וועגן דער וואָג פון ר׳ יהודה מעהלערס דעה זאָגט עדות זיין גייסטיקע ירושה — די פיר בענדער פון שאלות ותשובות. אַ לאַנגע צייט איז הרב מעהלער געווען דער ראש הישיבה אין קלעווע; אין יענע יאָרן — אַ וויכטיקער תורה־צענטער אין דייטשלאַנד, און אַהין האָט ער געצויגן צו זיך גאַנצע מחנות תלמידים.

ר׳ יהודה איז געווען אַ ייד, אַ נזיר; געפאַסט אַפּטע תעניתים און געהאַט אַ פּשרהלאָזן צוגאַנג צו ידישן דת. ווען די שבתי צבי באַוועגונג האָט אַ ריס געטאָן אין דער ידישער סביבה, איז ער אַרויס קעגן איר מיט צאָרנדיקע רייד. פייער און פלאַם איז געווען ר׳ יהודה מעהלער אויף דעם גאון ר׳ יהונתן אייבעשיץ, דעם מורא דאתרא פון זיין צייט. ער האָט אים פאַרדאַכט אין שטילער סימפּאַטיע צו דער שבת־צבי באַוועגונג.

הרב מעהלער, דאַרף געזאָגט ווערן, האָט געלייגט אַ חותם אויף דער התנהגות פונעם ידישן באָן. לאַנגע יאָרן נאָך זיין טויט, האָט די „יודן־גאַסע" אים נאָך אַלץ געהאַט אין זכרון.

הרב מעהלער האָט געהאַט אַ ברודער, קאָפּל האָט ער געהייסן, איז ער געווען אַ מוסטער פון תורה, חכמה ובינה. אין זיינע יונגע יאָרן, איז קאָפּל מסתמא געווען אַ ישיבה־בחור מיט אַ שאַרפן קאָפּ פון אַן עילוי. און תורה האָט ער געלערנט, אַ סברה, מיט גרויס התמדה. האָט זיך געמאַכט, אַז ביים לערנען, איז געבוירן געוואָרן ביי קאָפּלען אַ חשק צו חכמת הרפואה. אַזוי ווי אַ דייטשער אוניווערסיטעט איז נאָך אין יענע יאָרן פאַר אַ ידישן בחור געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, האָט זיך קאָפּל נישט מייאש געווען; ער האָט צוזאַמענגענומען אַ פּאָר בידנע גראָשנס און אַוועק קיין איטאַליע.

אויפן אַלטן אוניווערסיטעט, אין דער שטאָט פּאַדאָווא, האָט קאַפּל געקומען שלינגען די תורה פון מעדיצין און נאָך אַ פּאָר יאָר לערנען מיט התמדה, האָט ער אָוועקגעלייגט אַ דיסערטאַציע פון אַ מעדיצין־דאָקטער, אין אַ סאַמאַראָדנעם לאַטיין!

קיין באָן, צו דער „יודן־גאַסע", איז שוין קאַפּל מעהלער געקומען אַ פּאַרטיקער רופא. אַזוי ווי מיט מעלות איז ער געראָטן געווען אין זיין עלטערן ברודער, דעם רב, האָט אים קהל באַשטימט צו זיין דער ראש המדברים כלפי דער גוישער מאַכט.

בשעת די יונגע יאָרן פון בעטהאָווענען אין באָן, לעבט אין דער „יודן־גאַסע" הרב מעהלערס אַן איידעם, ר' שמעון קאַפּנהאַגן, אַ ייד, אַ ספרא רבא, אַ גרויסער בן תורה און אַ בעל מחבר פון צוויי ספרים כראָניק, געדרוקט אין אַמסטערדאַם.

ר' שמעון קאַפּנהאַגן איז געווען באַשערט צו זיין אַן עדות פון צוויי געשעענישן, וואָס זענען זיך פּאַרלאָפן אין דער „יודן־גאַסע" אין באָן. דער א. ג. „קלעווער גט", אַ געשיכטע מיט אַ באָנער יונג פּאַרפּאָלק, האָט בשעתו אויפגערודערט די גאַנצע ידישע וועלט און געשטעלט אויף די פיס די וויכטיקסטע רבנים פון גאַנץ איראָפּע. די גאַנצע מעשה פון דעם „קלעווער גט" האָט ר' שמעון באַשריבן אין דעם „ספר אור הישר". דאָס צווייטע געשעעניש איז געווען די שרעקלעכע פּאַרפּלייצונג, פון וועלכער די „יודן־גאַסע" איז געווען אַ קרבן ביים סוף פון 18־טן יאָרהונדערט. אַ גאַנץ גענויע שילדערונג פון דעם אומגליק געפינען מיר אין דעם ספר „סיפור בכי נהרות".

ר' שמעון קאַפּענהאַגנס צוויי ספרים זענען אַ קוואַל פון ידיעות וועגן ידישן לעבן צו יענער צייט.

די באָנער קהילה האָט אין דעם יאָרהונדערט פון בעטהאָווענס געבורט אויך געשמט מיט אירע דאָקטוירים. איינער פון די ידישע רופאים אין באָן, ר' יעקב גימפּל מאַרקס ווערט אַפילו דערמאָנט אין דער „אַלגעמיינע דויטשע ביאָגראַפיע", ווי אַ גרויסער וויסנשאַפטסמאַן. ער האָט, מיט זיינע צאָלרייכע ווערק, געשריבן אין דייטשן און לאַטיין, אַ סך מחדש געווען אין דער מעדיצין און פאַרמאַקאָלאָגיע. ער איז געשטאָרבן אין אַ יונגן

עלטער, אין 1789; זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַ פרומער ייד. (1).

אַ גרויסער יידישער מעדיצינער איז געווען ר׳ משה בן אברהם וואָלף, וואָס האָט באַזוכט אַ דייטשן אוניווערסיטעט, שוין אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן י. ה. ער איז געווען דער לייב־דאָקטער פון דעם באַנער פירשט.

דער ספר הזכרון פון דער באַנער קהילה דערמאָנט דעם גרויסן שם פון ר׳ משה דעם רופא. דאָרט שטייט בפירוש געשריבן, אַז שררות, פון די וויטסטע מרחקים, פלעגן צו אים קומען נאָך אַ רפואה! מען זאָגט אַפילו, אַז דער פויפסט, קלעמענס דער דרייצנטער, אַליין! — האָט זיך ביי אים געהיילט די ראיה. און דאָס, נישט געקוקט אויפן קירכע־פאַרבאָט צו היילן זיך ביי יידן.

מען דערציילט אַפילו אַ טשיקאַווע מעשה.

בכדי דער הייליקער פאָטער זאָל, חלילה, נישט עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט פון דער קירכע, האָט ר׳ משה אונטערזוכט די פויפסטלעכע אויגן... דורך אַ גלעזערנע וואַנט! אַזוי אַרום איז דער פויפסט ניצול געוואָרן פון אַ שרעקלעכער עבירה, רחמנא לצלן! ער האָט אָבער דאָך אַריינגעכאַפּט אַ רפואה פון אַ ייד...

ר׳ משה איז געווען אַ וואַרעמער מענטש, מיט אַ גוט יידיש האַרץ און — דער עיקר — האָט ער געהאַט אַן אָפענע האַנט. ער איז געווען אַ זעלטענער בעל צדקה. פרנס פון דער קהילה האָט ער אויסגענוצט זיינע באַציאונגען מיט מלכות און זיך משתדל געווען פאַר זיינע ברידער־יידן בשעת אַן עת צרה. און אַזוי ווי צרות האָבן ביי יידן נישט געפעלט, האָט מען טאָקע דעם רופא נאָכגעזאָגט אַ שבח פון אַלע זייטן. אַפילו גויים האָבן אים געלויבט אין הימל אַריין!

אגב, האָבן די דייטשן פון אים געהאַלטן אַ וועלט. מילא, דער קור־פירשט, דער מושל פון לאַנד, ער האָט אים, אויס דאַנקבאַרקייט, אַרויפגענומען אויף דער צוואה און טעסטאַמענטאַריש פאַרשריבן אַ שיינע מטבעה. אָבער אויך די דייטשע עליטע האָט אים מקרב געווען.

---

1. Allgemeine Deutsche Biographie. Neudruck. Duncker u. Humblot. Berlin. 1970. B. 20 S. 539.

ר׳ משה, דאַרף מען וויסן, איז געווען טאַקע אַ פרומער געטאַ־ייד; אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט ער זיך געמישט אויך אין די פּראַ־גרעסיווע קרייזן אין שטאָט און דאָרט געהאַט אַפילו אַ דעה צו זאָגן!

זיין אידעלע געשטאַלט האָט איבערגעלאָזט אַ רושם אינעם זכרון פון יידן און גויים. והא ראיה — אינעם יאָר 1879 — גאַנצע 87 יאָר נאָך זיין טויט; ווען מ׳האָט אָוועקגעשטעלט די נייע שול, מיטן פּנים צום אַלטן בית עולם, דאָרט ווו ס׳רוען די פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע תושבים פון דער „יודן־גאַסע״, איז דערשינען אין דער „באַנער ציטונג״ אַ דערציילונג פונעם שרייבער קאַרל הייגעל, א. נ. „דער לייבאַרצט פון קורפירשט״ — אַן אמתער מזמור שיר לזכר דעם אידעלן ר׳ משה בן אברהם וואָלף.

נאָך היינט געפינט מען, אויפן אַלטן יידישן בית עולם אין באַן, אַ קליינע טונקעלע מצבה מיט אַן אויפשריפט: משה בן אברהם הלוי. אָט, דאָס איז דער גאַנצער עפּיטאַף איבערן קבר פון דעם גרויסן רופא ה״ר. משה וואָלף. דעם עניוותדיקן ייד איז געווען זיין בלויזע אָנגע־העריקייט צום שבט לוי!

אין דער צוואה האָט ער באַפוילן — למען השם! — קיין שום הספדים זאָלן נאָך אים נישט געהאַלטן ווערן. בלויז דער רב זאָל מאַכן אַן „אל מלא רחמים״ און אַ מנין פון אָרנטלעכע יידן זאָלן דאַווענען — יעדן טאָג — ביי אים, אין זיין אייגענעם הויז, אַ פעליק יאָר. דערצו האָט ער אויך נישט פאַרגעסן איבערצולאָזן אַ גרויסע סומע געלט אויף צדקה.

אַן אָנגעזעענער רופא אינעם יידישן באַן, בימי בעטהאָווען, איז געווען אויך ר׳ בנימין וואָלף, ר׳ משהס אַ ווייטער קרוב. די דייטשן פלעגן אים רופן — „יוד וואָלף״. אַזוי טאַקע איז ער פאַרשריבן אין דער יידן־רשימה; אָבער, מיט אַ צוגאָב־טיטל „דאָקטאָר מעדיצינע״. ער איז געווען דער לייב־דאָקטער פונעם לעצטן באַנער קורפירשט.

ר׳ בנימין, כאָטש אַן אָפּגעהיטענער ייד, איז ער געווען אַ מענטש מיט אַ פאַרגעשריטענעם בליק אויף דער וועלט, און אויך ער האָט געהאַט ענגע פאַרבינדונגען מיט דער דייטשער פּראָגרעסיווער מחנה אין שטאָט.

אויפן סמך פון אַ דאָקומענטן־זאַמלונג, פון די באַנער אַרכיוון, צו־נויפגעשטעלט אין 1929 דורך דר. אַלפרעד לעווי, ראַבינער אין באַן;

אויפן סמך אויך פון דער גענעאַלאָגישער פאָרשונג פון קלאַוס שולטע — „באָנער יודן און אירע נאָכקאָמען ביז אום 1930", אַרויסגעגעבן אין באָן, אין 1976 — קען מען זיך שאַפן אַ בילד פון דעם באָנער געטאָ בעת די צייטן פון בעטהאָוונס יוגנט.

19 הייזער האָט פאַרמאָגט די „יודן־גאַסע" און געוועסטעט האָבן דאָרט, פאַר אַ טייערן טאָלעראַנץ־אָפּצאָל דעם קורפירשט, 300 נפשות. ס'רוב קבצנים, וואָס האָבן זיך מפרנס געווען פון קליינע געלט־קרעדיטן, ניש־טיקן האַנדל און מסחר מיט אַלטוואַרג.

אין די יאָרן ערב בעטהאָוונס געבורט, איז די „יודן־גאַסע" געוואָרן שטאַרק פאַראָרעמט. דאָס איז געווען דער טרויעריקער פּועל יוצא פון דעם זיבן־יאָריקן קריג. אַפילו אַזאַ עושר, ווי ר' הערש שלמה אָפּענהיים, אַ ליפעראַנט אין די פירשטלעכע היף, אַ ייד וואָס האָט אין דער „יודן־גאַסע" באַוווינט אַ מאַסיווע גרויסע קאָמעניצע פון שטיין, געפירט אַ הויז מיט 5 משרתים — אויך ער איז געוואָרן אַ בלוטיקער אָרעמאַן! דער ייד איז געוואָרן, די לעצטע יאָרן, בדיל הדל און דערגאַנגען בסוף צו אַ באַנ־קראָט. אַפילו די ספרים האָט מען אים צוגענומען, כדי צו דעקן די חובות!

איז טאַקע אַזוי ווי די פראַנצויזן זענען נאָר אַריין קיין קעלן און פּראָקלאַמירט, אַז „אַלץ, וואָס ווערט פאַרבונדן מיט קנעכטשאַפט — ווערט אָפּגעשאַפט. נאָר גאָט אַליין דאַרפן מיר אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן אונזערע אמונות; בירגער־רעכט אָבער האָבן אַלע גלייך, און יעדער איינער, אומאָפּהענגיק פון זיינע איבערצייגונגען, וועט ווערן געשטיצט פון געזעץ"(1)

גלייך, ווי מען האָט נאָר דערהערט אַזאַ שפּראַך, האָט זיך אויפגעהויבן אָפּענהיימערס אַ זון, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יונגע יידן פון באָן, (אַלץ בחורים, וואָס האָבן געזוכט פּטור צו ווערן פון דלות) און זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין דער גרויסער שטאָט אויפן רהיין — אויף צעפּיקעניש די דאַרטיקע דייטשן, די שונאי ישראל.

מיט זיי, מיט די פּאָר יונגעלייט פון באָן, און מיט עטלעכע יידן פון אַנדערע מקומות, האָט זיך אָנגעהויבן די נייע קהילה קדושה אין קעלן.

אגב, זאָל דאָ דערציילט ווערן, אַז די פּאָר יונגע יידן האָבן גלייך

1. ש. דובנאָוו, „געשיכטע פון יידן אייראָפּע".

זיך גענומען צו פאַרשידענע געשעפטן, און שיין מצליח געווען. דעם זון פון באַנקראָטירטן אָפּענהיים איז געלונגען שותפות צו עפענען אַ באַנק־אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך אין אַ קורצער צייט וואַזשנע צעוואַקסן. די באַנק האָט אַפילו געהאַט פאַרצווייגונגען אין האַמבורג און פּאַריז. זיינע זין האָבן שוין זוכה געווען צום אַריסטאָקראַטישן דייטשן טיטל — פרייהער. זיינע קינדער האָט ער אַלע חתונה געמאַכט שטאַרק רייך. מיט די רייכסטע יידישע משפחות פון אייראָפּע האָט ער זיך משדך געווען, דערונטער מיט ר׳ מאיר אַנשל ראָטשילד און מיטן פּאַריזער יידישן באַנ־קיר, פולד.

איז די זאַך אָבער, וואָס ביי די אַלע גליקן, האָט עפּעס אָפּענהיים, טשיקאָווע, — צו יידישקייט נישט געהאַט קיין מזל. דהיינו ?

אָפּענהיים האָט געהאַט צוויי אייניקלעך פון אַ טאָכטער וואָס איז געווען אַ שנור פון דער באַרימטער סערפבער משפחה. בשעת נאַפּאָלעאָנס ממשלה האָבן די סערפבערס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם יידישן לעבן אין פראַנקרייך. איז אויף שלימזל האָבן זיך ביידע אייניקלעך געשמדט !

אָבער אַלץ הייסט געשמדט ?

איינער איז, צו 25 יאָר, געוואָרן אַ קאַטוילישער מאָנאַך, אויסגעטוישט דעם יידישן נאָמען סערפבער — אויף ראָטיסבאָן, און געשאַפן די קאָנגרעגאַציע „נאָטר־דאַם דע סיאָן״, מיטן צוועק צו באַקערן יידן צום קריסטנטום !

נישט מער און נישט ווייניקער.

דער צווייטער, ווידער, איז געווען צו ערשט אַ שונא דעם קריסט־לעכן דת ; ער האָט זיך אָבער סוף כל סוף אויך געשמדט. אויך ער איז געוואָרן אַ גלח, און אויך ער האָט געזוכט יידן צו שמדן.

אַזוי ווי געלט האָט די ברידער משומדים נישט געפעלט — זייער יידישער טאַטע האָט זיי פאַרזאָרגט מיט אַ לייטישער ירושה — האָבן זיי אויפגעשטעלט אין דער עיר הקדושה ירושלים, אַ ריזן בנין פאַר די צוועקן פון זייער מיסיאָנערישער קאָנגרעגאַציע.

וועט איר אָבער זען, ווי דער יידישער גורל מאַכט חוזק פון אַפּטריניקעס.

אינעם האַרץ פון ירושלים, האַרט ביי דער ישורון־שול, צוויי טריט פון דער סוכנות, דער צענטראַלער יידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איר

צוועק זענען ציוניסטישע מעשים, שטייט אַ גרויסער שטאָלצער שלאָס באַקרוינט מיט אַ צלם. דער שלאָס איז געבויט אינעם סטיל פון די אַלטע רוימישע שלעסער, מיט פּראַכט און מיט חוצפּה. אַרומגענומען איז דער שלאָס מיט אַ גאָרטן פון פּאַלמעס. פון דער גאַס טיילט אים אָפּ אַ הויכער אייזערנער פּאַרקאַן, מעשה — קיינער דאַרף נישט וויסן וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. אויף אַ מאַרמאָרנעם טאָוול זענען אויסגעקריצט די נעמען ראַטיסבאָן און פון דער קאָנגרעגאַציע. דאָ, הייסט עס, האָבן די אייניקלעך פון אָפּפענהיים און סערפבער געהאַט דעם שטאָב פאַר זייערע מיסיאָנערישע מעשים און צוגערעדט יידן צום שמד!

הכלל, ווען די זיידעס וואָלטן, אין זייער ליכטיקן גן־עדן, געקענט וויסן, אַז אין דעם שלאָס, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר זייערע יידישע געלטער, געפינען זיך היינט משרדים דווקא פון ממשלת ישראל, אוי, וואָלטן זיי זיך געפרייט!

ווער ס'וויל דערלעבן אַ נקמה אין משומדים, זאָל זיך אַריבערכאַפּן קיין ירושלים!...

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו דער „יודן־גאַסע" אין באָן.

ווי געזאָגט, איז אין דעם געטאָ, ביזן פאַלן פון זיינע ווענט, קיין עשירות נישט געווען. און דאָך, האָבן די באָנער יידן געשמט, ווי זעל־טענע בעלי צדקה און מכניסי אורחים. ווען עס איז געקומען אַן ערב שבת, אָדער אַן ערב יום־טוב, פלעגן יידישע בעטלער, גייער איבער דער מדינה, באַלאַגערן די טויערן פונעם געטאָ, צוליב זייער ברייטער האַנט, האָבן די יידן אין באָן געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות; די יידישע שנאָרערס, האָבן געשטאָכן אין די אויגן פון די שטאָט־טאַטעס. די באָנער יידן האָבן זיך אָבער אַן עצה געגעבן. אין אַ שריפטלעכער ווענדונג צום קורפירשט האָבן זיי געטענהט, אַז ס'וואָלט בפירוש געווען אַ הימל געשריי און „אַ פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט, ווען מען זאָל לאָזן אַן אַדורכרייזנדן אָרעמען ייִדן אָן אַ שטיקל ברויט און אָן אַ לעפל וואַרעמס"!

מען קען זיך משער זיין, אַז די פאָר יידישע מקורבים אין הויף האָבן דאָרט צוגעלייגט אַ האַנט, און דאָס יידישע באָן איז, צו להכעיס דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אירע מידות טובות פון צדקה און הכנסת אורחים.

אפנים, אַז אין די יאָרן פון בעטהאָווענס יוגנט אין באָן, האָט זיך דער קורפירשט באַצויגן נישט שלעכט צו יידן; והראיה, פיר יידישע משפחות האָבן געהאַט רעכט צו וווינען מחוץ די מויערן פון געטאָ. די גליקלעכע פּטור צו ווערן פון דער געטאָ־ענגשאַפט זענען געווען: דער קורפירשטלעכער רופא, ר' משה בן אברהם וואָלף; דער צווייטער רופא, „יוד וואָלף — דאָקטאָר מעדעצינע"; יוד סימאָן באַרוך — האָף פאַק־טאָר" און „יוד באַרוך ג. סאָלאָמאָן — האָף מוזיקוס".

ברוך בן שמעון, אָדער, ווי מען פלעגט אים רופן ביי די דייטשן — „יוד סימאָן באַרוך", האָט געשפּילט אין באָן אַ וויכטיקע ראָלע, בעת די יונגע יאָרן פון בעטהאָווענען. ער ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע הויף־יידן פונעם יאָרהונדערט. בעת דעם זיבן־יעריקן קריג איז ער אָנגעקומען צום דעמאָלטדיקן קורפירשט אין באָן, געוואָרן דער פּראָוויאַנט־צושטעלער פאַר זיין אַרמיי און... ער האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן. מיט דער דאָזיקער מלאכה האָט זיך אָנגעהויבן ר' ברוכ'ס ריכטיקע קאַריערע.

דער קורפירשט, קלעמענס אויגוסט, איז געווען אַ פרומער פּרינץ פון דער קירכע, אָבער תענוגים עולם הזה, האָט ער ליב געהאַט — סכנות נפשות! ווי דער שטייגער, האָט אַ פריילעך לעבן, מיט פיל לוקסוס־אַרטיקע באַגלייטונגען, באַטראַפן אַלע יאָרן אַ ים מיט געלט. אַזוי ווי די גוישע באַנקירן דעמאָלט זענען געווען קנאַפּע באַרגערס, איז שוין ר' ברוך במילא אויך געוואָרן אַ כמו הויף־באַנקיר. דערצו איז ער אויך געווען דער צושטעלער פון צירונג, און אַן אונטערנעמער פון בויען שלעסער פאַרן פּרינץ. און ועל כולם, האָט ער געמוזט פאַרזאָרגן מיט אַלעם גוטן די פירשטלעכע בעלער, ווי אויך די אָפיציעלע מלוכה־שמחות. און אַז ס'איז אויסגעקומען, האָט ער אויסגעפירט פּאָליטישע מיסיעס אויך. ער פלעגט מיט אַ שיינער מטבע, אָדער סתם מיט אַ מתנה, אויסגלייכן די שווערסטע סכסוכים פון זיין באַלעבאָס, דעם קורפירשט, מיט אַלע הויכע לייט. איין מאָל האָט ער אויסגעפירט אַ ביז־גאָר פאַרוויקלטע פּאָליטישע מיסיע און דערפאַר באַקומען אַ פּערזענלעכן דאַנק פון דער עסטרייכישער קייסרין — מאַריאַ טערעסאַ אַליין!

אים איז געלונגען דורכצוברעכן, אמת מיט מתנות און כאַבאַר, דעם

אויסוואַל פון איר יונגסטן זון אויף דער קורפישטלעכער כסא מלוכה אין באָן.

עטלעכע פערציק יאָר איז ר׳ ברוך אָפּגעווען דער ייד פון הויף און געדינט צו פאַרשידענע צוועקן — מלוכישע און פריוואַט־פירשט־לעכע. אויף די עלטערע יאָרן איז ער געוואָרן אַפילו אַ מיטגליד פון דער ווירטשאַפטס־קאָמיסיע ביי דער ממשלה.

איין קלייניקייט, אַ ייד, אַ הויכער באַאַמטער אין אַ פעאָדאַלער מלוכה! אָן ברוכן — ווערט באַשטעטיקט פון אַלע זייטן — וואָלטן די באָנער פירשטן געווען פאַרלוירענע מענטשן! אַפילו דאָס איינשטעלן אַ נייעם אָרגל אין דער קורפירשטלעכער קאַפּעלע, אויך דאָס, האָט גע־מוזט ליגן אויף ר׳ ברוכ׳ס קאָפּ!

ווי דער שטייגער, צו יענע יאָרן, איז אַזאַ נגיד, ווי ר׳ ברוך, אַ ייד מיט אָן אָפענער האַנט און אַ וואַרעם האַרץ, געווען אַ בעל דעה אין דער „יודן־גאַסע״. ער האָט געשענקט אין שול אַריין אַ ספר תורה, אַ פּרוכת פון רויטן סאַמעט מיט גאָלד געהאַפטן. און ווען, נאָכן אָפּשאַפן דעם געטאָ, האָט זיך ר׳ ברוך — אַ ייד שוין אין די ווייטע שמונים — אָוועקגעצויגן קיין מערגענטהיים, האָט ער זיין גרויס הויז אין באָן אָוועק־געשענקט דער יידישער קהילה אויף אַ הקדש.

ר׳ ברוך האָט געהאַט אַ הויז־געזינט פון צען קינדער. אַלע, האָט ער זיי חתונה געמאַכט מיט רייכע הויף־יידן און מיטגעגעבן שיינע נדנים.

איינער פון זיינע זין, יעקב, איז געווען געראָטן אין טאַטן און געהאַט דעם טאַטנס קאָפּ אויפן קאַרק. ער האָט חתונה געהאַט אין פראַנקפורט־אַם־מיין, און גענומען דאָרט אַ מיידל פון די גומפּערץ — אַ קרובה פון גליקל האַמעלן. נאָך דער חתונה, האָט יעקב באַרוך (באַרוך איז שוין יעצט געוואָרן דער פאַמיליען־נאָמען פון אַלע ברוכ׳ס זין) — געעפנט אַ באַנק. אויך ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קהלס גע־שעפטן, געטרוי ווי דער טאַטע; ער איז געווען איינער פון די צוויי דע־לעגאַטן, וואָס זענען אָוועק צום ווינער קאָנגרעס, אין 1815, כדי זיך משתדל צו זיין פאַר די פראַנקפורטער יידן, וואָס האָבן אויפסניי גענומען ליידן צרות פון די דייטשן.

אין 1786, איז ביי יעקבן געבוירן געוואָרן אַ זון, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן יהודה לייב. עפּעס איז נישט באַשערט געווען יהודה לייב זאָל בלייבן ביי זיין יידישן נאָמען. ער האָט זיך, אין 1818 געשמדט; זיך אַ נאָמען געגעבן — לודוויג בערנע — און געוואָרן אַ באַרימטער שרייבער און פרייהייטס־קעמפער.

לאָמיר נאָך צוגעבן, אין 1808, איז יעקב ברוך, צוזאַמען מיט זיין זון יהודה לייב, אויפגענומען געוואָרן אין דער מאַסאָנען־לאָזשע „דער אויפגייענדיקער מאָרגנשטערן״.

ס'ווייזט אויס, אַז דער יידיש־טראַדיציאָנעלער יעקב באַרוך האָט זיין קאַמף פאַר יידישע רעכטן געוואָלט אָנשפּאַרן אין דעם דייטש־פּראָגרע־סיוון צד. ס'איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט זיך מיט אַזעלכע רעיונות שוין אַרומגעטראָגן אין באָן, ווייל דאָרט, אין באָן, האָבן שוין זיין ברודער שמעון און זיין שוואָגער עסקעלעס, באַצייטנס מיטגעאַרבעט מיט דער שטאָטישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

אַ פּאָר ווערטער דאַרף מען זאָגן וועגן דעם „יוד באַרוך ג. סאָלאָ־מאָן — האָף מוזיקוס״, וואָס האָט אויך געוווינט מחוץ די מויערן פון געטאָ.

דער דאָזיקער מענטש איז אַ בפירושע רעטעניש. קיינער ווייסט נישט פון וואַנען ער שטאַמט. קיינער ווייסט נישט פון ווו ער האָט זיך גענומען אין באָן. זאָל ער האָבן געווען אַ קרוב פון די סאָלאָמאָנס אין דער „יודן־גאַסע״?

קיינער איז נישט בכוח דערויף צו געבן אַ תשובה.

אויך זיין יידישקייט איז אַ סוד. לויטן שטאָט־פּלאַן פון 1773, גע־ברענגט פון דר. א. לעווי, דאַרף „באַרוך ג. סאָלאָמאָן״ זיין אַ ייד און אַ „האָף־מוזיקוס״. זאָגט ווידער, דער אויבן־דערמאָנטער קלאַוס שולטע, אַז דער „האָף־מוזיקוס״ סאָלאָמאָן, האָט זיך גאָר גערופן מיטן נאָמען — פיליפּ. ער האַלט, אַז סאָלאָמאָן דאַרף זיין אַ געשמדטער ייד. פאַרוואָס? ווייל איידער סאָלאָמאָן איז געוואָרן „האָף־מוזיקוס״, האָט ער געאַרבעט אויף אַן אַמט אין באָן, ווו מען האָט קיין יידן נישט אָנגענומען. ביי דער זעלבער מיינונג, אַז סאָלאָמאָן איז אַ געשמדטער ייד, איז אויך היינריך שנע, דער מחבר פון בוך „די האָף פינאַנץ און דער מאָדערנע שטאָט־

(בערלין 1967), והראיה — דאָס ערשטע קינד פון סאָלאָמאָן איז געבוירן געוואָרן אַ קריסט. אין 1745 ; סאָלאָמאָן האָט זיך אַליין געמוזט שמדן פאַר דער חתונה.

וואָס אָן אמת, איז אַ ביסל שווער צו גלויבן, אַז אַ ייד זאָל אין יענע יאָרן זיין אַ מיטגליד פון אַ פירשטלעכער קאַפּעליע, וואָס פלעגט אויך אויספירן קירכע־מוזיק.

סאָלאָמאָן שיינט צו זיין פון יענע וואַנדערנדיקע יידישע קלעזמער, וואָס פלעגן פאַרדינען זייער אָרעם שטיקל ברויט מיט שפּילן אויף מערק, אין די ביר־שענקען און אויף דאָרפישע בעלער, ווי למשל, דער פאָטער פון דעם מוזיק־שעפער, זשאַק אָפענבאַך — אַן אָפּשטאַמיקער פון די זעלבע מקומות.

ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן, איז ברוך סאָלאָמאָנען נמאס געוואָרן זיין בידנע חיונה. האָט ער זיך אָפּגעשמדט, און אָנגעקומען אויף עפּעס אַ קליינעם פּאָסטן אין באָן. ער האָט, אמת, ביי דעם פּאָסטן, קיין גרויסע גליקן נישט דערלעבט, אַ סטאַביל שטיקל ברויט, האָט ער אָבער דאָך געגעסן.

איין זאַך, יעדנפאַלס, איז זיכער ; דעם כוח הנגינה האָט סאָלאָמאָן פאַרמאָגט אין בלוט. דאָס האָט ער מסתמא געירשנט פון לאַנגע דורות קלעזמאָרים. זיין טאַלאַנט איז אַפילו גענעטיש אַריבער צו זיינע קינדער.

דריי קינדער האָט סאָלאָמאָן געהאַט און אַלע אויסגעצייכנטע מוזיקער. צוויי טעכטער זענען געווען זינגערינס אין דער פירשטלעכער קאַפּעלע, און דער זון זיינער, יאָהאַן פעטער, ער האָט מרעיש עולם געווען מיט זיין שפּילן פידל. צו דרייצן יאָר איז ער געוואָרן אַ פידלער אין דער פירשטלעכער קאַפּעלע אין באָן.

זיין פאָטער איז געווען „האָף מוזיקוס" — אַ סך שפּעטער. דאָ האָט דווקא דער טאַטע געירשנט דעם זון. ווען יאָהאַן פעטער איז אַוועק קיין בערלין און דאָרט געוואָרן קאָנצערט־מייסטער ביים פּרייסישן קעניגס ברודער, האָט זיין טאַטע — פיליפּ — אויף דער רעקאָמענדאַציע פון בעטהאָווענס זיידן, דעם דעמאָלטדיקן דיריגענט פון דער הויף־קאַפּעלע, איבערגענומען זיין זונס פּלאַץ פון אַ פידלער.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די צוויי משפחות — בעטהאָווען און

סאַלאָמאָן זענען געווען באַפריינדעט זייט לאַנגע יאָרן. געווען אַ צייט, ווען זיי האָבן געוווינט צוזאַמען, אין איין הויז. בעטהאָווענס פאָטער, אַליין אַ זינגער אין דער הויף־קאַפּעלע, איז געווען דער געזאַנג־לערער פון סאַלאָמאָנס טעכטער.

בשעת בעטהאָווענס פאָטער איז געווען אַ בחור און נאָך ווייט געווען פון דער כוסה, פלעגט ער, צוזאַמען מיט פיליפּ סאַלאָמאָן, שטעלן אין די קאַרנאַוואַל־פּעריאָדן איטאַליענישע און דייטשע לייכטע אָפּערעס פון בור־פאָנעם סטיל. די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען אינעם שטאָט־ראָט זאַל און געוואָרן גוט באַזוכט דורכן בירגערלעכן עולם. גלייך, ווי מען איז נאָר געוויר געוואָרן אין גאַס, ווען הויכן קינסטלערישן ניוואָ פון די אויפפירונגען, איז אויך די שטאָט־עליטע געקומען האָבן אַ הנאה. די פאָרשטעלונגען זענען פאַר דיביידע משפחות געווען אַ סגולה צו דער פרנסה, ווייל די הויפט אַרטיסטן פלעגן זיין די בני־בית אַליין.

וואָס שייך דעם יונגן סאַלאָמאָן, איז ער אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די באַרימטסטע פידל־ווירטואָזן פון זיין צייט. ער האָט פּאָפּולאַריזירט די מוזיק פון מאָצאַרט און היידן. פון די ערשטע, איז ער געווען אַ מבין אויף דעם יונגן בעטהאָווען. דאָס האָט ער אים צונויפגעפירט מיט היידן, בעת דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר איז אַדורכגעפאָרן באָן. ווען יאָהאָן פּעטער האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, האָט ער דער ערשטער גענומען באַקענען די לאָנדאָנער מוזיק ליבהאָבער מיט דער מוזיק פון זיין יונגן לאַנדסמאַן.

מחוץ דעם גרויסן מוזיקאַלישן טאַלאַנט, האָט דער יונגער סאַלאָמאָן נאָך באַזיצט אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן. ער איז אין לאָנדאָן געוואָרן אַ מוזיק־אונטערנעמער פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אַזוי ווי, למשל, די היינטיקע אימפּרעסאַריאָס. ער האָט געהאָלפן אויפשטעלן דעם ערשטן סימפאָנישן אָרקעסטער אין לאָנדאָן, און מיט עפנטלעכע קאָנ־צערטן האָט ער פּאָפּולאַריזירט מוזיק צווישן די ברייטע מאַסן. ער איז געווען פון די ערשטע אויף דער וועלט — און אפשר גאָר דער ערשטער — וואָס האָט אונטערגעטראָגן דער ברייטער עפנטלעכקייט די גרויסע סימפאָנישע מוזיק־פאָרם.

לאָמיר אויך באַמערקן: אויב האָט דער „יוד באַרוך ג. סאַלאָמאָן —

האָף מוזיקוס" אַ קנאַפּן שייכות געהאַט מיט דער "יודן־גאַסע", האָט זיין זון דווקא אונטערגעהאַלטן מיטן געטאָ אין באָן פריינטשאַפטלעכע באַצי־אונגען — ווי ס'זאָגט עדות די פאַרבליבענע קאָרעספּאָנדענץ.

לויט די דאָקומענטן פון א. לעווי קומט אויס, אַז בסוף פון 18־טן יאָרהונדערט איז דער רוב יידן אין באָן, נאָך אַלץ מחזיקי דת! זיי פירן זיך אויף לויטן טראַדיציאָנעל־יידישן דרך. והאריה — לויט אַן אויס־צוג פון די קהילה־אויסגאַבן (1792) לאָזט זיך קהל קאָסטן שיך געלט אויף אויסהאַלטן אַ יערלעכן חזן. מען איז אויך נישט קאַרג, ווען ס'קומט אַ בעל דרשן פון פוילן; און ווען אַ "געלעהרטער אוס יערוזאַלעם" קומט האַלטן אַ שיעור, לאָזט מען אים נישט אַרויס אָן אַ שיינע מטבעה.

די יידן אין באָן זענען געווען, ווייזט אויס, גרויסע בעלנים אויף נגינה, ווייל די קהילה איז שוין גאָרנישט קאַרג געווען אויף אָראָפּצו־ברענגען אַ חזן מיט משוררים פון "פּרייסיש פּאָלן".

אַז די "יודן־גאַסע" האָט זיך דאָן נאָך אַלץ געפירט מיטן יידיש־טראַדיציאָנעלן דרך, באַשטעטיקן די צוואות, וואָס קלאָוס שולטע ברענגט אין זיין בוך "באָנער יודן". נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן פון 19־טן י. ה. פּלעגן אחינו בני ישראל אין באָן, וואָס זענען פאַרבליבן אָן יורשים איבערלאָזן געלט אויף זאָגן קדיש, אויף אַ מנין בעת דער שבעה; אויף אַ נר תמיד, וואָס זאָל ברענען אַ גאַנץ יאָר נאָכן טויט; אויף צדקה צו פאַרטיילן בעת דער דער לוויה; פאַר אַ בן־תורה, וואָס זאָל לערנען אַ בלאַט גמרא אַ פעליק יאָר, און נאָך אויף אַנדערע יידישע פרומע צוועקן.

ביי דעם אַלעם האָט זיך געטראָפן, אַז אַ ייד זאָל זיך, פון צייט צו צייט אויך שמדן. דער בעטהאָווען־פאָרשער, לודוויג שידערמאַיר, ברענגט אין זיין בוך "דער יונגער בעטהאָווען", אַ גביעת עדות פון אַ בן דוד, וואָס דערציילט, אַז "ווען אַ ייד אין באָן שמדט זיך, איז ער זיך נוהג צו טוישן דעם נאָמען".

דער פרומער קורפירשט, דער הערשער פון לאַנד, האָט געזוכט צו פאַנגען יידישע נשמות מיט לאָקנדיקע פּראָפּאָזיציעס: אַזוי, למשל, האָט ער, אַ צוואָנציק יאָר פאַר בעטהאָווענס געבורט, באַפוילן, אַז די אַלע, וואָס וועלן זיך שמדן וועלן קענען לערנען שוסטעריי על חשבון המדינה; און

ווי אַ צולאָג, וועלן זיי באַקומען, אין פאַרלויף פון דריי יאָר צייט, אַ יער־לעכן סכום געלט פון דער מלוכה־קאַסע.

לויטן ידישן האַסטאַריקער, קאַרל בריש, זענען בעלנים אויף שמד געווען בלויז איינצלנע ייִדישע מענער און פרויען, פון דער ווייטער פרעמד, אַזעלכע, וואָס זענען שוין מיד געווען פון זוכן אַ מקום ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן. די דאָזיקע אָרעמע ייִדישע וואַנדערער פון פוילן, גאַליציע, בעהמען און מעהרן, ווי אויך פון אַנדערע דייטשע מקומות, פון וואַנען דער הונגער האָט געטריבן, זיי אַלע האָבן אָנגעשפּאַרט אינעם רהיין־געביט און דאָ, אָן אַ קרוב און אָן גואל, האָבן זיי זיך אָפּגעשמדט און אַוועק, אויף די שפּיץ פינגער, פונעם ייִדישן לעבן אָן שפּורן.

געווען זענען אָבער אין דער געשיכטע פון דער באָנער קהילה עטלעכע משומדים, האָבן זיי שוין דווקא יאָ איבערגעלאָזט שפּורן — טיפע שפּורן!

די „יודן־גאַסע" אין באָן האָט זיי גוט אָפּגעפּילט אויף דער אייגע־נער הויט.

צוויי משומדים וואָלט געווען אַ יושר צו דערמאָנען. איינעם, מיט אַ ימח שמו וזכרו! ער האָט שיער נישט געברענגט אָן אומגליק אויף אָן ערך 50 ייִדישע קהילות אַרום דעם רהיין. דעם צווייטן משומד דאַרף מען שוין דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט, ווייל ער האָט מיט די אייגענע הענט — בפירוש — געברענגט די ישועה אויף ייִדן אין באָן — בעת די טעג פון צעשטערן דעם געטאָ.

וועגן דעם ימח שמוניק און זיין פאַרשאָלטענער טירחא לרעה די ייִדן, ווערט ברייט באַשריבן אינעם ספר „יוסף אומץ" פון ר' יוספּה האָן, אַ ייִד, אַ בעל מחבר, וואָס האָט געלעבט אין יענע יאָרן אין באָן.

עס ווערט דערציילט, אַז אינעם טריפהנעם קאָפּ פון דעם משומד, דעם מנובל, זענען געבוירן געוואָרן שטוינענדיקע איינפאַלן — טייוולאָנישע; און אַלץ, כדי אָנצוטאָן ייִדן צרות. אמאָל, איז דער חברה־מאַן געווען אַ שוחט אין באָן, און דווקא אַ קענער אין די קליינע אותיות. אַ טבע האָט ער אָבער געהאַט, נאָך אַלס ייִד, אַריינצולאָזן זיך אין לאַנגע חקירות אין לערנען מיטן רב און מיט אַנדערע תלמידי חכמים. און אייביק פלעגט ער פאַלש אויסטייטשן זייערע רייד!

ווען ער האָט זיך געשמדט, האָט ער נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר צוגעטראָגן צום קורפירשט די אַלט־אויסגעדראָשענע מסירה, אַז יידן רעדן אויס אויף די גויים אָסור לדבר ביים לערנען!

נו, מאַ! מער האָט מען נישט באַדאַרפן.

דער קורפירשט האָט גלייך אויפגעשטעלט אַ קאָמיסיע, און באַפוילן חוקר ודורש צו זיין און... צרות האָבן יידן נישט געפעלט!

אונזערע אַחינו בני ישראל זענען געלאָפן צום קורפירשט און זיך געבעטן רחמים:

— ס'טייטש?! — האָבן זיי געטענהט — ווי אַזוי איז די זאַך מעגלעך, אַז די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך שוין היינט, אַז די מעשה איז שקר וכזב ועלילת דם! אַ געמיינער ליגן פון די שונאי ישראל — פון די אייביקע יאָרן!

ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן: די אַלע רייד האָבן נישט געהאָט קיין פּעולה. הקיצור, די לאַגע איז געוואָרן ערנסט. ס'האָט געהאַלטן ביים פאַרטרייבן אַלע יידן פון לאַנד; אַן ערך 50 קהילות — איין קלייניקייט!

האָט גאָט געהאָלפן און ס'איז געשען אַ נס. דער משומד איז געפאַלן צו בעט און מער שוין נישט דערלעבט זיך אויפצוהייבן. ער איז אָפּגעלעגן אַ לענגערע צייט אויף עפּעס אַ שווערע מחלה און אַוועק אויף יענער וועלט.

און אַזוי איז דערווייל דער ענין איינגעשלאָפן.

דער עפּילאָג פון דער געשיכטע איז אָבער געווען אַ טרויעריקער. און אָט וועט איר הערן:

ווען דער משומד האָט געזען, אַז ער האַלט שמאַל, האָט ער צו זיך געלאָזט רופן אַ פּאָר יידן, דווקא נישט קיין גרויסע יודעי ספר, און זיי דערקלערט, אַזוי צו זאָגן — ער קען נישט אַוועקגיין פון דער וועלט אָן חרטה צו האָבן עפּנטלעך אויף דער מסירה, וואָס האָט יידן גורם געווען אַזוי פיל צרות. דערצו האָט ער אויך חרטה אויפן שמד! וואָלט נאָר יעצט נישט געווען צו שפּעט, נעמט ער און ווערט צוריק אַ ייד! אָבער אַזוי ווי ס'איז שוין יעצט אַלץ פאַרלוירן, האָט ער צו די יידן אַ בקשה. אַ חסד של אמת וויל ער זיי בעטן.

ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער וועט שוין פונעם גהינום נישט אַרויס;

פאַר זיינע מעשים, ווייסט ער, קומט אים צו פאַרשטיינערן. איז, וואָס־זשע וויל ער? ער וויל, אַז נאָכן טויט זאָלן די גערופענע יידן נעמען דעם פגר זיינעם און אים אַרויסוואַרפן אין מיטן גאַס; און במקום שטיינער זאָלן זיי אים באַוואַרפן מיט מיסט. אַזוי אַרום וועט ער אָפּקומען פאַר זיינע זינד אויף דער ערד.

די נאַאיווע יידן, וואָס האָבן גאָרנישט געוווסט, אַז חילול המת, אַפילו פון אַ משומד, איז לויטן יידישן דין שטרענג פאַרבאָטן, האָבן דעם חברה־מאַן אויסגעהערט מיט טרערן אין די אויגן און מסכים געווען אויף אַלעם...

היינט, גיי ווייס, אַז די גאַנצע „חרטה" איז גאָר געווען אַ טייוולאָניש שפּיצל פון אַ משומד, אַ מנובל! ער האָט דאָך שוין באַצייטנס געמאָלדן אין דער פּאָליציי, אַז די יידן זענען אים אַזעלכע בלוטיקע שונאים, אַז אַפילו נאָכן טויט וועלן זיי זיך אין אים נוקם זיין.

שפּילט זיך מיט די יידן, די נוקם ונוטרניקעס!

איז, אַזוי ווי ער האָט שטאַרק מורא, די יידן זאָלן מיט אים נישט אָפּטאָן, גלייך נאָכן טויט, עפּעס אַ מיאוסע מעשה, בעט ער די פּאָליציי, זי זאָל אָנועקשטעלן געהיימע היטערס, וואָס זאָלן וואַרפן אַן אויג אויף זיין הויז — ביי טאָג און ביי נאַכט.

וכך הוה. ווי נאָר די פּאָר יידן זענען געקומען אויספירן דעם „חסד של אמת", האָט מען זיי גלייך געכאַפּט ביי דער „אַרבעט"... און ס'איז געוואָרן דער ריכטיקער ויצעקו! אַלע יידן פון באַן, מיטן רב בתוכם, האָט מען איינגעזעצט. זיי זענען אָפּגעזעסן אַ שטיק צייט, ביז יידן, שתדלנים, פון דרויסן, האָבן זיי אויסגעקויפט פאַר שווערע געלטער!

צוליב דער אַ טרויעריקער געשיכטע, איז ביים קריסטלעכן עולם געבוירן געוואָרן אַ מעשה, אַז ווען אַ ייד שטאַרבט אין שבת, וואַרפט מען אַראָפּ דעם מת פון די שטיגן...

ביי יידן ווידער, האָט זיך די געשיכטע אַזוי ווייט איינגעקריצט אינעם זכרון, אַז נאָך אין דער העלפט פון דעם 19־טן יאָרהונדערט, איז דער נאָמען פון משומד, קראַוזע ימח שמו, נאָך אַלץ פאַרבונדן געווען מיט אַ ווערטל וועגן צאָלן חובות פאַר פרעמדע טעותים...

דער צווייטער משומד, טאַקע אַן אַפּטריניקער, אָבער ער דאַרף שוין דערמאָנט ווערן מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער.

שלמה אַנשל — אַזוי איז געווען זיין יידישער נאָמען — איז אמת טאַקע אַוועק פון יידישן דת. פון אים האָט אָבער די „יודן־גאַסע" קיין צרות נישט געליטן. פאַרקערט. זי האָט פון אים געהאַט בלויז ישועות ונחמות.

טשיקאַווע, ווען שלמה אַנשל האָט זיך אַלס בחור געשמדט, האָט ער אויסגעטוישט זיין יידישן נאָמען שלמה, אויפן קריסטלעכן פראַנץ קאַרל פרידריך. דערביי האָט ער דעם יידישן אַנשל געלאָזט פאַר אַ פאַ־מיליען־נאָמען. און ווען נאַפּאָלעאָן האָט, אין 1808, פאַראָרדנט די יידן אויסצוקלויבן זיך פאַמיליע־נעמען, האָט די יידישע משפחה פון פראַנץ קאַרל פרידריך אָנגענומען פאַר אַ פאַמיליען נאָמען — אַנשל.

דאָס אויפהאַלטן דעם אַמאָליקן יידישן נאָמען, ווי אַ פאַמיליען־נאָמען, בעת דער רוב משומדים פון זיינע צייטן פלעגן פאַרווישן אַלע יידישע שפורן; זיין פאָזיטיווע האַנדלונג לטובת יידן, בפרט לטובת זיין „יודן־גאַסע" — דאָס זענען ממשותדיקע שטריכן פון אַנשלס פערסאָנאַליטעט.

אויב אַזוי, איז פאַרוואָס־זשע האָט זיך שלמה אַנשל דאָך געשמדט? שווער דערויף צו געבן אַ תשובה. אפשר האָט ער מיט אַזאַ וועג — איין מאָל פאַר אַלע מאָל — געוואָלט פטור ווערן פון דער פינצטערער געטאָ־ביעדע. ווייל זיין טאַטע, דאַרף מען וויסן, איז געווען אַ ייד, אַ בלוטיקער אָרעמאַן. ווי האָט היינע, דער פּקח, געזאָגט? — „וואָלט נאָר דאָס געזעץ דערלויבט אַראָפּצוגנבענען די זילבערנע לעפעלעך פון טיש" — וואָלט ער צו די שמוציקע טבילה־וואַסער נישט געגאַנגען...

אויף אַנשלס שמד האָבן אפשר אויך משפיע געווען די השכלה טענ־דענצן, וואָס האָבן דעם מענטש אַוועקגעשטעלט איבערן ייד. שלמה אַנשל זעט מיר עפּעס אויס צו זיין איינער פון יענע יונגע יידן, וואָס האָבן געטראַכט בשעתו — און מען טרעפט נאָך היינט אַזעלכע — אַז בלויז מיטן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אויסערלעכע סימנים פון געטאָ־יידישקייט ווערן זיי גלייך מענטשן, און פטור אַן עסק!

דערצו נאָך, דערציילט מען, איז שלמה אַנשל געווען אַ פייערדיקער

בחור, אַן עילוי, מיט אַ שאַרפן ראַציאָנאַליסטישן קאָפּ. און אַ טעמפּע־ראַמענט האָט ער געהאַט — בערג האָט ער געקענט איבערטראָגן!

ווען שלמה אַנשל האָט אָנגענומען דעם דריי־גאָרנדיקן קריסטלעכן נאָמען, האָט אים דער קורפירשט באַלוינט מיט אַ סטיפּענדיע אויפן אוני־ווערסיטעט אין באָן. דאָרט האָט ער גענומען לערנען מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטן. דער עיקר איז ער געוואָרן אַ תלמיד פון דעם באַרימטן פּראָפעסאָר עלאָגיוס שניידער, דעם פלאַמיקן חסיד פון די רעוואָלוציאָ־נערע אידעען. ווי מיר געדענקען, האָט דער דאָזיקער פּראָפעסאָר געהאַט אַ כוח צו צעגליען יונגע הערצער ביז צום פלאַם. ווי מיר דערמאָנען זיך, האָט ער אַ ריס געטאָן דעם יונגן בעטהאָווען און געמאַכט פון אים אַ חסיד פון די באַסטיליע־שטורמער.

ס׳איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז ביים אויסהערן די תורות פון זייער בשותפותדיקן פּראָפעסאָר, עלאָגיוס שניידער, זאָל אַנשל, וואָס איז געווען אין בעטהאָווענס עלטער — ייִנגער פון אים בלויז מיט אַ פּאָר חדשים — האָבן געשלאָסן קאָנטשאַפט מיטן יונגן מוזיקער און, אפשר פאַרבונדן אין פריינטשאַפט, האָבן זיי געהאַפט צוזאַמען אויפן טאָג, ווען „אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער!״.

אַזוי ווי די תורות פון עלאָגיוס שניידער זענען דעם יונגוואַרג גע־גאַנגען אין קאָפּ אַריין, איז אַנשל געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. ברענגען די רעוואָלוציאָנערע ישועה, האָט ער גענומען העלפן — בלב ובנפש. ווי נאָר די פראַנצויזן זענען אַריין אינעם רהיין־געביט, האָט ער גלייך ביי זיי אויסגעפּועלט אָפּצושאַפן דעם שענדלעכן „לייב־צאָל״, אַ שטייער, וואָס איז געווען גילטיק בלויז פאַר יידן און... בהמות ביים אַריינפאָרן אין שטאָט. ווען מען האָט פּראָקלאַמירט די טראַנס־רהיינישע רעפּובליק, איז אַנשל געוואָרן דער סעקרעטאַר פונעם באָנער דיסטריקט. און ער איז טאַקע געווען דער, וואָס האָט אָרגאַניזירט די מאַניפעסטאַציע צו שטורעמען די טויערן פון דער „יודן־גאַסע״.

און דאָך, איז אַנשל נישט געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער, אַ ביוראָקראַט. ער האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין באָן און געוואָרן אַ מעדיצין דאָקטער. אַזוי ווי ער איז געווען דאָך אַן עלוי, איז ער אין יאָר 1798 געוואָרן פּראָפעסאָר פון כעמיע און פון עקספּערימענ־

טאָלער פּיזיק אויף אַ הויך־שול אין מיינץ. אַכט יאָר שפּעטער, איז ער אין דער זעלבער הויך־שול געוואָרן פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די משפּחה פון די אַנשלס האָט געהאַט עפּעס אַ חזקה אויף רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אויך אַנשלס ברו־דער — אורי — איז געווען אַריינגעטאָן אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין באָן. און זיין ברודערס זון, איז שפּעטער געווען איינער פון די פירנדע פּערזענלעכקייטן בעת דער רעוואָלוציע אין יאָר 1848. נאָך דער מפּלה האָט ער זיך געמוזט ראַטעווען קיין אַמעריקע.

***

הכלל ביים סוף פון אונזער שפּאַציר איבער דער „יודן־גאַסע", קען מען זאָגן, אַז דער ענגער ווינקל, אָן אַ פּערספּעקטיוו און אָן אויסוועג, איז געווען אַ זעלטענער קוואַל פון טאַלאַנט, חכמה, אונטערנעמונגס־גייסט און לעבעדיקער מענטשלעכער ענערגיע. האָט אָבער דער קריסטלעכער פאַנאַטיזם, געפּאָרט מיט פּשוטער רשעות און אומטאָלעראַנץ זיך כסדר געקליגט ווי אַזוי צו פאַרשטאָפּן אירע שטראָמען. האָבן זיך די גע־בענטשטע יידישע כוחות אַקומולירט אין די וואָרצלען, און, ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן אַ שפּעלטל אין דער אומפּריינטלעכער ערד, אַזוי האָט פון יידישן קוואַל אַ שפּראָץ געטאָן מיט ברכה און הצלחה!



די „יודן־גאַסע" אין באָן. פאָטאָ פון Stadtarchiv und Wissenschaftliche Stadtbibliothek, Bonn

# בעת די יארן פון באגינען

די גאָטהייט, וואָס קען מיין נשמה, ווייסט,
אַז אין איר נעסטעט מענטשן־ליבע!

**(פון בעטהאָווענס הייליגענשטאָטער צוואה — 1802).**

„מענטשלעכקייט איז אונזער הייליקסטער אידעאַל...
דעריבער האָבן מיר האַרץ, געפיל און מיטלייד מיט אַלע
פאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע".

**י. ל. פרץ.**



אין דעם הויז איז געבוירן געוואָרן בעטהאָווען.

באָן איז צו יענער צייט די רעזידענץ־שטאָט פון דעם א. ג. קורקעלנישן פירשטנטום; אַ מדינה, גרויס ווי אַ געגעץ! זי איז געווען איינע פון די עטלעכע הונדערט זעלבסטשטענדיקע מדינות אין אשכנז.

די שטאָט אַליין איז אויך נישט געווען אַ כרך; זי פאַרמאָגט אין יענע יאָרן, עפּעס אַ צען טויזנט איינוווינער. מכוח פּרנסה איז דער רוב תושבים אָנגעוויזן געווען אויפן פירשטלעכן הויף. צוליב דער נאָענטקייט פון דער גרויסער שטאָט, קעלן, האָט זיך אין באָן אַפילו דער מסחר נישט געקענט אַנטוויקלען. דערצו נאָך, איז דער היגער קרעמער און באַלמעלאָכע געווען אַ געפערלעכער לא יצלח. ער איז געווען פּראָפעסיאָנעל נישט באַוועגלעך און פשוט צוריקגשטאַנען. נאָך אַ מערכה די פּאָר יידישע סוחרים און הענדלער פון געטאָ. ווייל, ווען נישט זיי, וואָלט מען נאָך דער מינדעסטער זאַך געלאָפן קיין קעלן. דער קורפירשט האָט אַפּנים אַליין זיך דערקענט אויף דער געשיקטקייט פונעם יידישן סוחר, ווייל שוין אין סוף פון 17־טן יאָרהונדערט האָט מען דאָ יידן דערלויבט צו האַנדלען מיט זיידענע און וואָלענע סחורות, מחמת „אַזעלכע זאַכן זענען דאָ (אין באָן) נישט בנמצא, סיידן מען זאָל פאָרן קיין קעלן און דאָרט באַצאָלן דערפאַר אַ טאָפּלטן פרייז" (1).

אין אַלגעמיין דאַרף מען זאָגן, האָט זיך דער קורפירשט ווייניק וואָס געזאָרגט פאַרן וווּל פון זיינע אונטערטאַנער. אַזוי אָרעם האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז אויסער ביי אַ דינעם שיכט פון דער באַפעלקערונג, איז אין באָן קיין איבעריק רייכטום נישט געווען. דער גרעסטער טייל איינוווינער

---

1. Klaus, H.S. Schulte, Bonner Juden und ihre Nachkommen.

האָט דאָ געלעבט צוזאַמענגעדרענגט אין די צוויי־דריי שטאָקיקע הייזלעך, געטוליעט זיך צוזאַמען אין דער ביידע און געכאַפּט שיריים פון דעם קורפירשטס קיך.

אין איינעם אַזאַ הייזל, נישט ווייט פון דער „יודן־גאַסע“, איז אין אַ דעצעמבער־טאָג פון 1770, געבוירן געוואָרן לודוויק וואַן בעטהאָווען.

עס ווערט דערציילט, אַז אַלס קינד, האָט ער ליב געהאַט אַרומצו־בלאָנקען איבער דער ענגשאַפט פון דער שטאָט און אַריינזאַפּן אין זיך די ריחות פון לעבן. בעת אַזעלכע פריע קאָנטאַקטן מיט דער שטאָט־רעאַ־ליטעט, איז געקומען צו זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אַ ייד. דאָס איז געווען, העכסט וואַרשיינלעך, דער יידישער אַלטוואַרג־הענדלער, וואָס האָט מלבוש ערומים געווען די דייטשע אָרעמקייט פון באָן און איר אומגעבונג.

מילא, דעם ייד׳ס מעמד קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן. דער אָפּגע־טראָגענער יידיש־טראַדיציאָנעלער מלבוש, מיטן זעקל איבער די פּלייצעס, האָט דעם ייד נישט דערלאַנגט קיין געהויבענע מראה. אָן אייביקע אומ־רואיקייט איז אים אַרומגעלאָפן אין די אויגן. עפּעס איז דער קאַמף פאַרן ביסל חיונה דעם יידן אַזוי אַריין אין די פּנים־שטריכן, אַז אפילו די צע־שויבערטע באָרד זיינע האָט דעם אומעט נישט געקענט פאַרשטעלן.

דער דערשלאָגענער ייד האָט זיך מיט זיין הולך, שפּראַך און העוויות אויסגעטיילט פאַרשטענדלעך פון דער אַרומיקער מענטשן־סביבה און ער האָט דעם קליינעם לודוויק, אַ קינד מיט אַ שאַרפער פילבאַרקייט, מסתמא שטאַרק געחידושט.

נו, דאַרפן מיר דעם קינדס חידוש אינטערפּרעטירן, ווי אַנטיפּאַטיע צום ייד? ווייל אין תוך, זעט דער ייד אויס אַזוי מאָדנע פרעמד; עפּעס גאָרנישט ווי פון דער אייגענער סביבה. פאַראַן, אין יענע צייטן, ביים פאָלק אַן אַלטע אַנטיפּאַטיע צו יעדן פרעמדן מענטשן; דאָס איז אַ מיטל־אַלטערלעכע איבערבלייבעניש אין די קליינע מקומות.

און אפשר גאָר, האָט דאָס קינד געפילט צער און מיטלייד צו דעם אָרעמען פאַרשטויסענעם ייד. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער נעבעכ־דיקער אויסזען פון דעם יידישן הענדלער האָט אַ ריר געטאָן דאָס פילבאַרע

האַרץ פון קינד. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, וועלן מיר אויף דערויף קיין תשובה שוין נישט האָבן.

פאַראַן אָבער אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס פירט אונז אַרויף אויף אינטערעסאַנטע השערות.

אין זיינע שפּעטע יאָרן איז בעטהאָווען אַמאָל געזעסן אין אַ ווינער קאַפע־הויז מיט פריינט און באַקאַנטע און נישט אַלע האָבן זיי „גענינ־דיקט" מיט אהבת ישראל. דאָס איז געווען אין 1819 (לויט ראָמען ראָלאָן), גלייך נאָך דער שרעקלעכער אַנטיסעמיטישער כוואַליע, ווען אַ גרויסער טייל דייטשע מדינות איז פאַרפלייצט געוואָרן פון בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן.

בעטהאָווען איז שוין דעמאָלט טויב געווען, ווי די וואַנט. יעדעס וואָרט האָט מען אים געמוזט אויפשרייבן. דאָס געשפּרעך איז אַוועק מכוח אַחינו בני ישראל. דערציילט מען: ווען בעטהאָווען האָט איבער־געלייענט אַן אַנטיסעמיטישע אָנצוהערעניש פון אַ געשפּרעך־באַטייליקטן, האָט ער גאָרנישט לאַנג געטראַכט, נאָר ווי דער שטייגער ביי אַלע טויבע, האָט ער אַ דונער געטאָן — „יעזוס איז גאָרנישט עפּעס אַנדערש געווען, ווי נאָר אַ געקרייציקטער ייד!!!".

ווען מען גיט זיך אַ דערמאָן — ווען און וווּ די פּאָר ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן, ווען מען גיט אַ טראַכט בלויז, ווי טריף און סובווערסיוו דעם מוזיקערס געדאַנק איז בשעתו געווען. אין יענע פינצ־טערע צייטן פון רעאַקציע האָט פּאָר דער קירכע און פּאָר מלכות געגילט די השקפה פונעם דייטשן שרייבער און דענקער, פיכטע, דעם שונא ישראל; ער האָט געהאַלטן, אַז די קריסטלעכע רעוואָלוציע איז עלטער פונעם יידנטום. הייסט עס דעריבער, אַז דער געקרייציקטער איז נישט געווען קיין ייד. ווען מען גיט נאָך אַ טראַכט, אַז בעטהאָווען האָט דעם געדאַנק זיינעם אַרויסגעבראַכט הויך — בקול רם! — און דווקא אין אַ קאַפע־הויז אָנגעפּיקעוועט מיט שפּיצלעס, וואָס פלעגן טראָגן יעדן נישט קאָנווענציאָנעלן אויסדרוק צו דער פּאָליציי — ווען מען נעמט דאָס אַלץ אין באַטראַכט, באַגרייפט מען יעצט די גרויסע דרייסטקייט פון בעט־האָווענען, דעם קאָנטעסטאַטאָר, דעם בונטאָר, דעם מענטש מיט האַרץ.

אַט, דער דאָזיקער ענטפער פונעם מוזיקער דערלויבט אַן השערה. דהיינו ?

ווען בעטהאָוון האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן פסק, וואָס קומט צו דערלאַנגען דעם אַנטיסעמיט, קען זיין, אַז אים איז פּלוצים געקומען אויפן זכרון דאָס בילד פון דעם פאַרשטויסענעם רעכטלאָזן ייד פון זיינע קינדער־יאָרן אין באָן. אין אַט, דער מינוט, קען זיין, איז אים געקומען אויפן שכל, אַז אין תוך, טוען דאָך די גויים דווקא, מיט זייערע אייגענע הענט — צוליב זייער רשעות! — קרייציקן דעם ייד יעדע רגע פון טאָג!

דאָס אויפגעטויכטע בילד פון זיין קינדהייט האָט, אפשר, אים אונ־טערגערוקט די אַסאָציאַציע מיטן געקרייציקטן.

צוריקגייענדיק צו די קינדער־יאָרן פון בעטהאָוון אין באָן, דאַרף מען זאָגן, אַז כאָטש דער ייד האָט, מיט זיין באַזונדערן מעמד געקענט דעם קליינעם איבערראַשן, זענען דאַכט זיך, יידן־פיינטלעכע רייד צו זיינע אויערן נישט דערגאַנגען. פאַראַן אַפילו סברות, אַז ס'איז געווען דווקא פאַרקערט.

אין יענע יאָרן איז דער אַנטיסעמיטיזם נישט קיין גאַנגבאַר אַרטיקל אין באָן. להפך. פאַראַן אין שטאָט נישט וויניק דייטשן, וואָס האַלטן אַן פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט דער עליטע פון געטאָ. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס קימערן זיך וועגן אַ לעזונג צו די יידישע צרות.

ביי לייטן, געוויינלעך, האַלט מען, אַז אין אַן עת צרה יעצט דער־קענט מען אַן אמתן פריינט. ווען בעטהאָוון איז אַלט געווען 14 יאָר, האָט דער געטאָ געהאַט אַן אומגליקלעכע געלעגנהייט איינצוזען, אַז די יידן־פריינטשאַפט מצד דעם בעסערן טייל קריסטן אין שטאָט, איז אַ ממשות־דיקער פאַקט טאַקע.

געשען איז אַט, וואָס:

פרילינג־צייט 1784, האָט זיך דער צאָרנדיקער טייך, דער רהייק, צעבייזערט און געמאַכט אַ וויסטן חורבן אין דער גאַנצער געגנט. אַמ־שווערסטן האָט דאָס אומגליק געטראָפן דעם געטאָ אין באָן, וואָס האָט זיך געפונען צופוסנס פון דער שטאָט, האַרט ביים טייך. דאָס וואַסער איז אַריין אין די הייזער און פאַרגאָסן יידיש האָב און גוטס. אַפילו דאָס אויסבאַהאַלטן זיך אויף די שטאָקן האָט נישט געהאָלפן.

די שול איז געוואָרן פאַרפלייצט. די סידורים, דער ספר הזכרון, געשריבן אויף טייערן פאַרמעט, די תשמישי קדושה — אַלץ איז געוואָרן אונטערגעטונקען. פון אַלעם איז געוואָרן אַ וויסטער תל!

נאָכן אַרויסראַטעווען די ספרי תורות פון דער שול, האָבן זיך יידן, אויף שיפלעך, אַרויסבאַקומען פון דער פאַרפלייצטער „יודן גאַסע". ווער ס'האָט נישט באַצייטנס באַוויזן צו פאַרלאָזן דעם געטאָ, איז נעבעך דערטרונקען געוואָרן.

לויט, ווי היסטאָריקער דערציילן, האָבן די קריסטלעכע איינוווינער פון דער העכערער טייל שטאָט, אויפגערודערט פון דעם יידישן אומגליק, גענומען ראַטעווען וועמען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. זיי האָבן די יידן אַריינגענומען צו זיך אין די היימען טאַקע אַזוי, ווי ס'פּאַסט פאַר גוטע מענטשלעכע שכנים.

די איידעלע האַנדלונג פון די בעסערע קריסטן אין באָן, אַ פאַקט, דערציילט דורך אַ גאַנצער ריי היסטאָריקער — יידן ווי גויים — שטיצט זיך אויף אַ גביעת עדות פון ר' אברהם יעקב קאַפּענהאַגן, אַן אָפּגעראַ־טעוועטער פון דער פאַרפלייצונג; די געשיכטע פון אומגליק האָט ר' אברהם יעקב באַשריבן אין זיין ספר כראָניק אונטערן נאָמען „סיפור בכי נהרות".

וועגן דער יידן־פריינטלעכקייט פון יענער צייט אין באָן, זאָגט נאָך עדות אַ צווייטער פאַקט.

ווען מען האָט אין די זיבעציקער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט געעפנט דעם אוניווערסיטעט, האָט מען דאָרט גלייך דערלויבט יידישע בחורים צו לערנען מעדיצין.

מען דאַרף באַטאָנען, אַז די לופט פון דער רעזידענץ־שטאָט באָן שמעקט בשעתו מיט פרילינג. די לינדע ליבעראַלע ווינטן ברענגען הבטחות, אַפילו צו דעם רעכטלאָזן ייד. דער הויפּט־מיניסטער, קאַספּאַר פאָן בעלדערבוש, דער פאַקטישער הערשער פון לאַנד, דער זעלבער, וואָס האָט זיך אַרויסגעהאָלפן ביים סאַנירן די מלוכה־פינאַנסן מיט ר' ברוך בן שמעון פונעם געטאָ — אויך ער איז אַוועק אויף וועגן פון רעפאָרמען אינעם גייסט פון דעם א. ג. „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם".

דער אידעאַל פון מיניסטער בעלדערבוש איז געווען דער קעניג פון פרייסן, דער וואָלטעריאַנער, דער שייגעיסט, דער „פרייהייטס־ליבנדער דעספּאָט" — פרידריך דער צווייטער, אָדער ווי ער הייסט אויך — דער גרויסער.

פרידריך דער גרויסער איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש; ער פלעגט שרייבן לידער, ער האָט געקענט גלענצנד שפּילן אויף אַ פליים און געווען אַ גוטער מוזיקער; ער פלעגט ליב האָבן צו שמועסן מיט וואָלטערן (1) מכוח גייסט און שכל. היינט, ווי אַ „פרייהייטס־ליבנדער דעס־פּאָט" פלעגט ער צוואָרפן רעכטן „באַבלעסיק און ווילקירלעך, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט אין נדבות" (2).

הקיצור, ער האָט געטאָן „גוטס" דעם פאָלק.

בטבע אַ סקעפּטיקער און אַ מיזאַנטראָפּ, האָט ער נישט געהאַט קיין צוטרוי צום באַגער צו פרייהייט און גליק ביים פּשוטן מענטשן. יעצט, באַגליקן דעם מענטש אויפס כוח, אויף דעם איז ער נישט געווען קיין בעלן. אים האָט אינטערעסירט איין זאַך אין לעבן — די גרויסקייט פון זיין מלכות פרייסן. דער וואוויל פון די לעבעדיקע תושבים פון פרייסן, דאָס איז אים ווייניק וואָס אַנגעגאַנגען.

בכלל האָט ער זיך מיט גרינגשעצונג באַצויגן צו יעדן דייטשן מענטש און ווי אַ פיינשמעקער פון דער פראַנצויזישער שפּראַך און קולטור, האָט ער אַרויסגעוויזן ביטול צום דייטשן לשון און איר ליטעראַטור. דער דאָזיקער „אויפגעקלערטער" דייטשער קעניג האָט זיך אַפילו געהאַט אַ כוח צו באַרימען — פאַרשטענדלעך אויף פראַנצויזיש — אַז נוגע דער דייטשער שפּראַך איז ער אַ קאָמפּלעטער עם הארץ; און דייטש רעדט, „ווי אַ פערדס אַנטרייבער"!

אין דער צוואה זיינער האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז די דייטשן זענען „אַ גראָב פאָלק פון פוילענצער, אומפעאיק צו בילדונג".

---

1. געב. 1694 — געשט. 1778, פראַנצויזישער שרייבער און דענקער. געלעבט אַ צייט אין פּרייסישן קעניגלעכן הויף.
2. Hilde Spiel, Fanny v. Arnstein.

מילא, יידן האָט ער פיינט געהאַט סם המות! און כאָטש ער האָט געהאַט פון זיי גרויסע נוצן, האָט ער זיי נישט געלאָזט אויף די אויגן. ווען די צוויי ראשי הקהל פון בערלין, דניאל און אפראים, יידן וואָס צוליב זייערע געשעפטן האָבן זיי געלעבט קרוב ביים קעניגלעכן טראָן, ווען געקומען זענען זיי זיך משתדל זיין פאַר די יידן פון ברעסלאַו, האָט זיי פרידריך דער גרויסער דערלאַנגט אַזאַ פסק:

„וואָס שייך צו אייערע מסחרים, בין איך אויף אַלעם מסכים. אָבער, אַז איר זאָלט אונז אָנברענגען גאַנצע מחנות יידן קיין ברעסלאַו און מאַכן דאָרט אַן אמת ירושלים — וועגן דעם קען קיין רייד נישט זיין (1).

דער „פרייהייטס-ליבנדער קעניג" האָט אויך נישט באַוויליקט צו דערלויבן דעם נאַרמאַלן אויפנהאַלט אין בערלין דעם וועלט-באַרימטן שרייבער און דענקער משה מענדעלסזאָן, באשר בכן, ער איז געווען אַ ייד. מיראַבאָ, דער גרויסער פראַנצויזישער מלוכה-מאַן פון יענער צייט, האָט די אַנטי-יידישע געזעצן פון פרייסישן קעניג דעפינירט מיטן אויסדרוק: „געזעץ פון אַ קאַניבאַל".

דער דאָזיקער מלך פון פרייסן איז, פאַרן הויפט-מיניסטער פון באָן, געווען אַ מוסטער פון אַן „אויפגעקלערטן" הערשער.

בעלדערבוש איז, ווי אַלע אויפגעקלערטע דעספאָטן, געווען אַ חסיד פון „טאָן גוטס" דעם פאָלק. זיין גוטס טאָן דעם פאָלק איז באַשטאַנען אין איינשרומפּן די צעיורענע פריווילעגיעס פון דער אַריסטאָקראַטיע, לויזער מאַכן דעם דרוק פון דער קירכע און צוואַרפן אַ ביינדל דעם אָרעמען מענטשן. פון דעם אַלעם איז דעם פאָלקס-מענטש לייכטער נישט געוואָרן. אַ סימן — די שנאה צו מלכות איז ביי די אָרעמע כסדר געשטיגן.

און דאָך האָט בעלדערבוש עפּעס אויפגעטאָן. קודם כל, האָט ער געצוימט דעם צעבאַלעוועטן לוקסוס אינעם פירשטלעכן הויף.

דער לוקסוס אינעם באָנער פירשטלעכן הויף איז געווען אַן אמתע

---

1. הילדע שפּיל, דאָרט.

קללה פאַרן לאַנד. קעגן דער דאָזיקער מחלה איז עפּעס גאָרנישט געווען קיין רפואה. אייביק איז די מלוכה־קאַסע געווען ליידיק...

ווי באַוווּסט, איז דאָס קור־קעלנישע פירשטנטום געווען אַ קירכע־מדינה; דאָס וויל זאָגן, אַז די קורפירשטן, די הערשער, פלעגן זיין פרינצן פון דער קירכע און געזעצלעך נישט האָבן קיין קינדער, וואָס זאָלן זיין יורשים אויפן טראָן. דער מלא מקום פלעגט ווערן אויסגעוויילט דורך געציילטע בעלי השפעה אין לאַנד — אַלץ מענטשן, איינגעטונקען אין קאָרופּציע פון קאָפּ ביז צו די פיס. יעדעס מאָל, ערב דעם אויסוואַל פון אַ פרישן קורפירשט, פלעגט אָנגיין אַ שטילער קאַמף צווישן די הערשנדיקע דינאַסטיעס אין אייראָפּע. יעדער מלך האָט געוואָלט האָבן זיינעם אַ מענטשן אויף דער כסא מלוכה אין באָן. ווי דער שטייגער פלעגט דאָס זיין פאַרן לענדעלע אַ געבענטשטער סעזאָן פון „מתנות". דער קינפּ־טיקער קורפירשט האָט באַצייטנס גוט באַצאָלט פאַר זיין טראָן. אָבער נישקשה, ער האָט זיך אָפּגענומען גאַנץ שיין — שפּעטער.

די קורפירשטן, כאָטש געווען זענען זיי פרינצן פון דער קירכע און גאָטפאָרכטיקע לייט, פלעגן זיי אָבער נישט אָפּקומען מיט בלויזע תפילות און תעניתים. זיי האָבן דווקא ליב געהאַט צו פירן אַן אויסגעלאַסן לוקסוס־לעבן. און דאָס, האָט אַ תל געמאַכט פון די פינאַנסן פון לאַנד.

„אומגעהויערע סומעס געלט האָט אויסגעגעבן דער פאַר־שטאָרבענער קורפירשט, קלעמענס אויגוסט, אויף פּראַכטפולע אויסשטאַטונגען, הערלעכע עקיפּאַזשן, זעלטענע לוקסוס־מעבלען און קונסט־ווערק; אויף איינאָרדענען גלאַנצפולע יום־טובים, גליטש פּאַרטיעס, מאַסקאַראַדן, אָפּערעס, שוישפּילן און באַלעטן. ער האָט פאַרטאַכליעוועט געלט אויף שאַרלאַטאַנען, זינגערס, טענצערינס און טעאַטער־קינסטלער. די אָפּערע און טעאַטער — דאָס פלעגט אים יערלעך אָפּקאָסטן פאַרמעגנס. דער פּראַכט פון די אָרגאַני־זירטע מאַסקן־בעלער — ווינטער צוויי מאָל אַ וואָך — איז אַן עדות, אַז געלט איז ביי אים געווען בלאָטע". (1).

---

1. דר. ענען, „פראַנקרייך און דער נידעררהיין", באַנד 2, ז' 364, ציטירט דורך טייער אין באַנד 1.

הכלל, דער מושל פון באָן האָט זיך אָפּנים נישט געלאַנגווייליקט.

קלעמענס אויגוסט, דער קורפירשט פון באָן האָט שוין יונגערהייט געוווּסט, ווו זיך אַראָפּצונעמען אַ ביישפּיל אין לעבן. אין רוים, ווען ער האָט זיך געלערנט דאָס פאַך פון אַ קאַטוילישן גייסטלעכן, פלעגט ער זיין דאָרט אַ סטאַבילער איינגייער אין די לוסטיקע שלעסער פון דער א. ג. אַרקאַדיער־געזעלשאַפט, ווו מען האָט אויך עוסק געווען אין האָמאָסעק־סואַליזם. דאָרט האָט מען, צווישן אַנדערע פאַרווײַלונגען, געטונקען אין פּאָעזיע און מוזיק.

פון רוים טאַקע, האָט ער מיטגעבראַכט דעם חשק צו תאוהדיקע פאַרגעניגנס, דעם ליבן ווילן צו פאַרמאָגן שלעסער, ווילאַס; בויען שיינע קירכעס, אויפשטעלן פאַראַדנע גערטנער. פון דאָרט איז צו אים געקומען די ליבע צו מוזיק און צו שיינע זינגערינס; דער געשמאַק צו קאָסטבאַרע איטאַליענישע מאַלערייען, צו מאָזאַיִקעס און — צו וואָס נישט?

נו, אַזאַ פּיין, גוט לעבן האָט פאַרשטענדלעך אָפּגעקאָסט אַן אוצר מיט געלט. דווקא איז דאָס קליינע קור־קעלנישע פירשטנטום געווען אַ לענדל רייך מיט גרויסע הכנסות. דער צאָל־שטייער ביים אַדורכגיין דעם רהיין, די אַקציזן, די דירעקטע שטייערן און פאַרשידענע איינקונפטן פון לאָטעריעס — דאָס האָט דער מלוכה אַריינגעבראַכט שיינע סומעס געלט. חוץ מזה, האָבן נאָך די פינאַנסיעלע קירכע־איינקונפטן איבערגעשטיגן די מלוכה־הכנסות.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען, ווי אַ שפּיי אין ים! דאָס האָט אַלץ נישט געדעקט די ריזיקע אויסגאָבן פון דער מדינה. דער לוסטיקער הויף פון דעם קורפירשט האָט, ווי אַ לעכערדיקער זאַק, אַלץ פאַרשלונ־גען... אייביק איז די מלוכה־קאַסע געווען אויסגעטריקנט, ווי נאָך אַ שרפה. אייביק איז מען אָנגעקומען נאָך „הילף” צום פראָנצויזישן קעניג, וואָס האָט „באַצאָלט” אַזוי אָרום פאַר דער גינסטיקער פראָ־פראַנצויזישער פּאָליטיק פון קורפירשט. אייביק האָט מען געמוזט אָנ־קומען צום הויף־ייד, ער זאָל לויפן איינשאַפן הלוואות.

איז, ווי נאָר קלעמענס אויגוסט האָט צוגעמאַכט אַן אויג און אַוועק אין גן־עדן אַריין, האָט זיך קאַספּאַר אַנטאָן פאָן בעלדערבוש, דער פאַק־

טישער באַלעבאָס פון לאַנד, גלייך פּאָסטאַרעט און אַרויפגעזעצט אויפן כסא הכבוד פון באַן אַ מער באַשיידענעם קירכע־פּרינץ.

גלייך, נאָכן אויסוואַל פון דעם נייעם קורפירשט, איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער מדינה אַן ענדערונג. דער הויפּט־מיניסטער האָט גענומען איינציען די לייצעס און שפּאָרן געלט. קודם כל האָט ער אָפּגעשאַפט דאָס בויען נייע שלעסער.

עפּעס האָט דער פריערדיקער מושל המדינה געליטן פון אַ פינצטערער מחלה, לא עלינו! שטענדיק איז אים נאָר ענג געווען צו לעבן! אייביק האָט ער געהאַלטן אין איין צובויען...

בעלדערבוש האָט משלך געווען אויך אַ גרויסע צאָל שוישפּילער און באַשרענקט די צאָל שמחות און הויף־בעלער. ער האָט אָפּגעשאַפט די פייערלעכע און קאָסטבאַרע יאַגדן; ער האָט רעדוצירט די געהאַלטן פון די הויף־באַאַמטע, אָפיצירן און משרתים. ער איז שוין אַזוי ווייט אַוועק, אַז ער האָט אַפילו באַגרענעצט די אויסגאַבן פון טיש, קיך און וויין־קעלער פונעם פירשט אַליין!

היינט, וואָס שייך די ירושה־גיטער פונעם פאַרשטאָרבענעם קלעמענס אויגוסט, האָט בעלדערבוש אַלץ געמאַכט צו געלט און די בעלי חובות האָט ער געהייסן וואַרטן אויף בעסערע צייטן...

אין לאַנד גופא, האָט בעלדערבוש, בעת אַ הונגער־יאָר, צו ביסלעך געלינדערט די נויט. ער האָט געקעמפט מיט די פאָלגן פון דער שוין דער־מאָנטער פאַרפלייצונג. ער האָט געעפנט אַפילו אַ פילאַנטראָפּישע אינסטי־טוציע פאַר אַלטע אָרעמע לייט.

יאָ, לאָמיר נישט פאַרגעסן — די יוסטיץ איז אויך אַ ביסל יושר־דיקער געוואָרן. בעלדערבוש האָט אָפּגעשאַפט אַ ביסל אַלטע און איבער־געטריבענע עוולות, וואָס זענען געווען שוין צופיל איינגעבירגערט אין דער געזעלשאַפט.

די אַלע מעשים טובים האָבן אוודאי דעם פּריווילעגירטן עולם נישט געשמעקט. בעלדערבוש האָט אָבער געהערשט ביד חזקה; ער האָט ביי זיינע קעגנער קיין דעה נישט געפרעגט. בלית ברירה, זענען די אומ־צופרידענע אין לאַנד אָפּגעקומען מיט ציין־קריצעניש און מיט בייזע

רכילות. אָבער איינוועגס, האָבן זיי שוין אויסגערעדט אסור לדבר אויך אויף דעם הויף־ייד — ר׳ ברוך...

איז וואָס אַזעלכעס האָט מען גערעדט? גערעדט האָט מען פאַרשידנס. מען האָט געזאָגט, למשל, אַז בעלדערבוש האָט זיך רייך געמאַכט על חשבון־המדינה און אַז ר׳ ברוך זאָל אים האָבן אונטערגעשטעלט אַ פלייצע, און דערביי נישט דערלייגט דער באָבעס ירושה.

נו, זיכער טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז ווען דער הויפט־מיניסטער איז אַוועק אין דער אייביקייט אַריין, זענען נאָך אים פאַרבליבן קורח׳ס אוצרות! פרעגט זיך אַ שאלה, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ פאַרמעגן?

מסתמא וועט אַמאָל די געשיכטע דערויף געבן אַ תשובה.

איין זאַך איז אָבער שוין יעצט קלאָר. ווען מען נעמט אין אַכט די זעלטענע פאַרדאָרבנקייט און קאָרופּציע, וואָס האָט געפּאַנעוועט אין די פּעאָדאַלע מדינות און, נאָך מער, אין די קליינע מדינהלעך, איז דאָס פאַר־מעגן פון מיניסטער בעלדערבוש נישט קיין חידוש. אַז „מתנות" — דאַרף מען וויסן — האָט זיך דאָס קלענסטע מלוכה־רעדל נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט; אַ פּשיטה שוין די גרויסע „רעדער"!

צו דעם אַלעם, זאָגט מען, איז דער הויפט־מיניסטער פאַן בעלדערבוש באַשאַנקען געווען מיט אַ זעלטענעם טאַלאַנט צו נעמען...

אמת, אויך ר׳ ברוך איז קיין אָרעמאַן נישט געשטאָרבן. אָבער לפי דעם דייטשן פאָרשער, היינריק שנע, איז דער הויף־ייד פון באָן ווייט נישט געווען דער נגיד, ווי די שונאים זיינע, די אַנטיסעמיטן, האָבן אים געשאַצט. ר׳ ברוך, זאָגט ה. שנע — אַ דייטש, וואָס זעט מיר אויס צו זיין נישט קיין גרויסער אוהב ישראל — האָט געפירט אַ מוסטערהאַפטע און קאָרעקטע בוך־פירונג (1).

דערפון איז געדרונגען, אַז דער ייד איז שוין דווקא יאָ געווען אַן אָרנטלעכער מענטש. יעצט, פון דאָקומענטן וועלן מיר געוווּיר, אַז הלוואי וואָלטן די אַלע שררות געווען כאָטש אַזוי אָרנטלעך ביים אָפּצאָלן זייערע

1. Heinrich Schnee, Die Hoffinanz und der moderne Staat.

חובות, ווי דער „יוד סימאָן באַרוך — האָף פאַקטאָר" איז אָרנטלעך געווען אין זיינע געשעפטן מיט דעם פרינץ און מיט די אַנדערע נאָבעלע לייט, וואָלט ר׳ ברוך געווען פילפאַכיק רייכער און ר׳ הערש שלמה אָפּענהיים פון דער „יודן־גאַסע" וואָלט נישט דערגאַנגען צו קיין באַנקראָט און וואָלט נישט געשטאָרבן אַ פאַרשעמטער אָרעמאַן.

היינריך שנע דערציילט, אַז נישט אַלע געבאָרגטע געלטער האָט ר׳ ברוך צוריקגעקריגן. אייביק איז ער געשטאַנען אין פּראָצעסן מיט די הויך־געשטעלטע לייט און בסוף געליטן גרויסע היזקות.

וואָס שייך בעלדערבושס מעשים אין באָן, דאַרף מען אויף זיין חשבון פאַררעכענען נאָך אַ וויכטיקן אויפטו. ווי אַ חסיד פון דער „אויפקלערונג" (דייטשע השכלה), האָט ער צוגענומען די גיטער ביים יעזואיטישן אָרדן און דאָרט אויפגעשטעלט אַ וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז פון איר אויסגעוואַקסן דער אוניווערסיטעט פון באָן.

און דאָך: ביי די אַלע זיבן זאַכן, האָבן די חסידים פון דעם „אויפ־געקלערטן אַבסאָלוטיזם", פאַר דער מערכה פונעם מענטש, נישט אויפ־געטאָן קיין גרויסעס. זיי האָבן נישט פאַראויסגערוקט — אויף אַ האָר — דעם מאַטעריעלן מצב פון די אָרעמע שיכטן; און אויך אויף אַ האָר נישט דערהויבן דעם כבוד און תשיבות פון פשוטן בן־אדם.

אָבער דערפאַר האָבן די נייע שטראָמען, וואָס האָבן זיך געלאָזט פילן ווי נאָר אַ קולטור־ווינקל אין דייטשלאַנד, אויפגערודערט דאָס גע־זעלשאַפטלעכע לעבן און געפירט אַ קאַמף פאַר רעכטן פון יעדן מענטש — אָן אונטערשיד פון זיין סאָציאַלן, אָדער רעליגיעזן אָפּשטאַם.

די עוואָלוציע פון פּאָליטישן געדאַנק בעת דעם 18־טן י. ה. דער־פירט צום טריאומף פון ראַציאָנאַליזם. דער שכל איז דורך די פרייע גייסטער באַטראַכט געוואָרן, ווי דער שלימותדיקער אויסדרוק פון מענטש און וועלט. לויט זיי, האָט דער מענטש — דאָס שכלדיקע וועזן, וואָס איז ביכולת צו באַהערשן די וועלט, פאַרדינט זיין פולע פרייהייט. דעריבער האָבן זיי געהאַלטן, איז נויטיק אַ סדר אויף דער וועלט געבויט אויף ראַ־ציאָנעלע געזעצן, וואָס זאָלן זיכערן רעכטן פאַר אַלע.

„ס'וואָלט גוט געווען מיר זאָלן נישט באַגיין דעם פעלער פון די מזרח־פעלקער און נישט וואַרטן אויף אונזער גורל, וואָס זאָל אונז ווערן אַראָפּגעשיקט פון אויבן... — האָט געפּרעדיקט הערדער (געב. 1744 — געשט. 1803), דער פאַרגעשריטענער פּאַסטאָר פון ווייִמאַר — דער כבוד, די נאַטור און דער כאַראַקטער פון דער מענטשהייט פאַרלאַנגען פון אונז, מיר זאָלן, מיט דער הילף פון שכל, און געפיל פון גלייכהייט, אַליין סדרענען און אַנצייכענען דעם פּלאַן פון אונזער לעבן" (1).

**די דייטשע הומאַניסטן זענען געווען מענטשן — גרויסע בעלי בטחון. זיי האָבן פאַרן בן־אדם פאַראויסגעזען אַ זוניקן מאָרגן.**

„ס'איז גאָרנישט קיין פוסטער חלום צו האָפן — האָט דער זעלבער הערדער געטענהט — אַז אומעטום דאָרט, ווו ס'ווינען מענטשן, וועלן אַ טאָג ווינען מענטשן פאַרנונפטיקע, גלייכבאַרעכטיקטע; גליקלעך וועלן זיי זיין, נישט בלויז אַ דאַנק זייער אייגענעם שכל, אלא אויך צוליב דער שכלדיקייט פון גאַנצן מענטשן־מין"(2).

**לשם העגעמאָניע פון מענטשן־רעכט, האָבן די דייטשע פאַרגעשריטענע כוחות פאַרלאַנגט אַ באַנייאונג פון גרונט אויס! אַלע טראַדיציאָנעלע ווערטן האָבן זיי געשטרעבט צו רעווידירן.**

„טראַדיציע — האָט געזאָגט דער זעלבער הערדער — איז פאַר זיך גופא, אַ וווּנדערבאַרע נאַטור־דיספּאָזיציע פונעם מענטש. מיטן מאָמענט אָבער, ווען זי פּאַראַליזירט, אין דער מלוכה און אין בילדונגס־אַפּאַראַט, די פעאיקייט צו טראַכטן; ווען זי ווערט אַ שטערונג צום פאַרשריט פון מענטשלעכן שכל, אַ שטערונג צום

---

1. הערדער „צעוואָרפענע בלעטער פון 1797", קאַפּ. 16, ז' 21 ציטירט דורך מאַקס רישע, הקדמה צו „אידעען", פראַנצ. איבערזעצונג.
2. הערדער, דאָרט, קאַפּ. 15.

פאַרבעסערן די נויטן בהסכם מיט די נייע צייטן, דאַן ווערט די טראַדיציע אַן אָפּיום פאַר מדינות און פאַר דעם אינדיווידועלן מענטשן" (1).

**די דאָזיקע געדאַנקען, היינט נאָך צאַפּלדיק־פריש, האָבן דאַן אָפּגע־הילכט אין גאַנץ דייטשלאַנד.**

„ווי אַזוי קען דער נעכטן דינען פאַר אַ מוסטער דעם היינט? — האָט געפּרעדיקט דער ווײַמאַרער פּאַסטאָר — קען דען דאָס אַמאָליקע געזעץ ווערן אַ געזעץ אויף אייביק?" (2).

**די נייע שטראָמען האָבן געוואָלט אָפּשווענקען די, אויף „אייביק" געזאָלבטע פון גאָט. זיי האָבן געוואָלט באַזייטיקן די יעניקע, וואָס האָבן אין נאָמען פון אָפּגעלעבטע, אַלטע געזעצן פאַרכאַפּט אַלע רייכטימער פון דער וועלט און זיך אויסגעלאַכט פונעם מענטש; כאַטש פאַרן מענטש — פאַר יעדן מענטש — האָט די נאַטור באַשאַפן אַן ערד, וואָס גיט בשפע חלב ודבש. זיי זענען אַרויס קעגן אַלע כוח־גייערס, וואָס האָבן דעם בן־אדם אויסגעשטעלט הפקר און נע־ונד.**

**קעגן די אַלע האָבן יעצט די כוחות פון פאַרשריט געפירט אַ העפּ־טיקן קאַמף!**

**אינעם זכות פון זייערע הומאַניטאַרע פּרינציפּן, האָבן זיך די בליקן פון דעם פאַרגעשריטענעם דייטשנטום אויך אָפּגעשטעלט אויפן פאַר־שטויסענעם געטאָ, דאָרט ווו, אין אַ שטיקנדער ענגשאַפט און גרויסער נויט, האָט אונטער די אויגן פון דער גאַנצער וועלט קוים געזשיפּעט דער אייביק גערודפטער יידישער מענטש. די אויסנאַם־לאַגע פונעם ייד איז דורך די פּראָגרעסיווע מענטשן אין דייטשלאַנד באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ סתירה צו די באַגריפן פון מענטשלעכער פרייהייט, ווירדע און קלאָרן שכל.**

---

1. הערדער, דאָרט, קאַפּ. 12.
2. „אידעען", קאַפּ. 13.

**אַ נײַ ליכט ווערט איצט געוואָרפן אויף דער פיגור פון ייד, זײַן אַלטער קולטור און דעם גרויסן יידישן בײַשטייער אין פאַרלויף פון דורות.**

„מען קען נישט לייקענען, אַז אַ דאַנק זיי (די יידן) האָט זיך אויפגעהאַלטן די העברעאישע ליטעראַטור, אַז אין פאַרלויף פון די פינצטערע דורות האָבן זיי פאַרשפרייט וויסנשאַפט, מעדיצין און די פילאָזאָפיע, וואָס די אַראַבער האָבן דערגרייכט — און נאָך פיל אַנדערע גוטע זאַכן זענען געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק זיי. נאָר דער ייד האָט דערצו געקענט זײַן דער אינסטרומענט".

**אַזוי שרײַבט הערדער אינעם בוך „אידעען פאַר אַ פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע און מענטשהייט" (קאַפּ. 16).**
**אין זכות פון זײַנע הומאַניטאַרע השקפות, האָט דער זעלבער הערדער אויסגעדריקט זײַן האָפנונג, אַז:**

„ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען אין אייראָפּע וועט מען נישט פרעגן מער — ווער ס'איז אַ ייד און ווער אַ קריסט. אויך דער ייד וועט דאָן לעבן לויט אייראָפּעאישע געזעצן און בײַשטייערן צום וווּל פון דער מלוכה. ווײַל, נאָר דער באַרבאַרישער דין האָט אים (דעם ייד) דערפון דערווייטערט" (1).

**אויך אינעם אַלטן יידישן געטאָ, וווּ זעלטן ווען מען האָט ווידער־געשפּעניגט קעגן די אייגענע בעלי־דעה זאָגערס, סיידן אַמאָל אין דער פאָרעם פון אַ פורים־שפּיל — אויך דאָרט האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן.**
**בשעת בעטהאָוונס יאָרן פון באַגינען געפינט זיך די יידישע סביבה אין די דײַטשע לענדער אין אַ צושטאַנד פון פולן אויפברויז. לאַנגע הונ־דערטער יאָרן זענען די וואַנט פונעם געטאָ געווען די גרענעץ פון אַ יידיש־אָריגינעלער באַזונדערקייט. יעצט, נעמען זיך די ווענט קרישלען און האַלטן אַפילו ביים אײַנפאַלן.**

---

1. הערדער, „אידעען", קאַפּ. 16.

אמת, דער קריסטלעכער באַלעבאָס, דער באַשטימער פון דעם יידנס גורל, ער האָט גאַרנישט בדעה געהאַט אַ סוף צו מאַכן צו דער געטאָ־מחיצה. און דאָך, נעמען זיך וואַקלען די ווענט פון געטאָ.

די יוגנט פון דער פאַרגליווערטער יידישער סביבה איז מיד געוואָרן צו וואַרטן אויף דער צוגעזאָגטער ישועה פונעם רבונו של עולם; זי האָט באַגערט יעצט צו דערנענטערן דעם ביאת המשיח, מיט אירע אייגענע הענט. אין תוך איז דער באַגער געווען, נישט אויסצוואָרצלען זיך פון היימישן קרייז; מיט זייערע שורשים האָבן זיי נאָך טיף געשטעקט אין דער יידישער סביבה, געווען פאַרבונדן מיט דער ירושה פון זייערע אבות, מיט דער אַלטער קולטור פון זייער שטאַם. לחתכילה איז זייער באַגער געווען בלויז ברייטער צו מאַכן דעם האָריזאָנט, אויפפּראַלן די פעסט פאַרמאַכטע לאָדנס, אַז מער ליכט זאָל אַריינדרונגען, אַז די טונקעלע שאָטנס זאָלן בלויז פאַרטריבן ווערן פונעם יידישן לעבן.

און דאָ האָט זיך טאַקע דערהערט אויך אַן אייגענער, אַ יידישער רוף צו באַנייאונג. דירעקט פון בערלין, איז ער דערגאַנגען צו אַלע יידישע געטאָס. דער רוף האָט זיך געטראָגן מיט אַן אימפּעט פון שטורעם!

דער גאון ר׳ משה מענדעלסזאָן, דער רעכטלאָזער ייד, האָט פון בערלין אויס גענומען זייען די ערשטע זוימען פון אַ נייעם יידנטום. געחלומט האָט ר׳ משה וועגן אַ ייד מיט אַן אויסגעגלייכטער פּלייצע, אַז טרעטן איבער גאָטס ערד זאָל ער מיט אַ פעסטן טריט און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

דער יונגער דור אין די חושכדיקע געטאָס האָט דעם באַנייאונגס־רוף אויפגעכאַפּט מיטביידע הענט. מיט ברען האָבן זיך די יונגע יידן אַ נעם געטאָן קעגן דער אַלט־איינגעשטעלטן סדר אין דער אייגענער ענגשאַפט. זיי האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן דעם אויטאָריטעט פון די מורא־דאתרות, וואָס הונדערטער יאָרן, זענען זיי געווען די שומרים פון דער יידישער באַזונדערקייט.

פון בערלין אויס, האָט מען די יידישע יוגנט גערופן צו באַזייטיקן די רעליגיעזע סקלעראָזע, צו פירן אַ קאַמף קעגן אָבסקוראַנטיזם און פאַנאַטישן גלויבן, צו שטעלן זיך מיטן פנים צו בילדונג און וויסנשאַפט.

מען האָט די יוגנט גערופן צו פאַרלאָזן די גייסטיקע געטאָס!

די שאַרפע יונגע קעפּ, די אויסגעשליפענע ביים גמרא פלפול, האָבן

זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פרעמדע ביכער און זיי פאַרשלונגען מיט אַ התמדה, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָלט צוריקכאַפּן די לאַנג פאַרלוירענע צייטן. זייער דורשט נאָך וויסן איז געווען אין לשער. גרויס איז געווען זייער אומגעדולד אויסצוגלייכן דעם רוקן און אָנהויבן שוין לעבן אַמאָל ווי מענטשן. מיט זייערע שאַרפע מוחות, — דאָס איינציקע האָב און גוטס זייערס — זענען זיי פלינק בייגעקומען אַלע נייע תורות, און בליץ־שנעל האָבן זיי זיך באַוויזן אויף די אוניווערסיטעטן.

און מאָדנע: נעכטן נאָך באַנק־זיצערס איבער אַ סכאָלאַסטישן הלכה־פּלפּול, וואָס האָט שוין קנאַפּ וואָס צו טאָן געהאַט מיטן רעאַלן לעבן; און היינט — אויף די ערשטע סטודענטן־בענק, גרייט צו ווערן דאָקטאָ־ראַנטן און מסדר צו זיין פרישע דרכים פאַרן מענטשלעכן גליק!

דער נייער דור, דער נאַיִווער, איז געווען טיף איבערצייגט, אַז בלויז די בילדונג אַליין וועט ברענגען משיח׳ן פאַרן יידישן פאָלק. זיי האָבן געגלויבט, אַז אַלע צרות נעמען זיך פון אומוויסן! ווי נאָר די שטראַלן פון וויסן וועלן אַ לויכט טאָן איבער דער מענטשלעכער סביבה, וועלן שוין במילא געוועלטיקן אמת און יושר איבער דער גאַנצער ערד. האָבן זיי דערפאַר פון דער השכלה געמאַכט אַ פאָן פון זייערע באַשטרעבונגען און לאָזונגען.

מיט זייער שטרעבונג צו בילדונג האָבן די יונגע יידן אַרויסגערופן דרך ארץ ביי דעם אויפגעקלערטן קריסטלעכן שכן. דער פאָרגעשריטענער דייטש איז געווען מלא התפעלות פאַר דער שאַרפער גייסטיקייט פון פריש געבאַקענעם יידישן אינטעלעקטואַל, פון זיין בליציקן סטיל אין דער דייטשער שפּראַך, וואָס נעכטן נאָך, איז זי אים געווען, דעם יידישן יונגנ־מאַן, אין גאַנצן פרעמד. דעם דייטש האָט געחידושט דעם יידנס בקיאות אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן און אייראָפּעאישער קולטור.

דעם אויפגעקלערטן דייטש, דעם פּראָגרעסירן, וואָס האָט געזוכט דרכים, ווי אַזוי אַרויסצושלעפּן דאָס פאַרגליווערטע דייטשע לעבן אויפן ברייטן שליאַך פון שכל — אים איז שטאַרק געפעלן דער דראַנג פונעם יונגן אויפגעקלערטן ייד צו מאָדערניזירן דאָס יידישע לעבן, ווי אויך זיין געאייל צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט פון לאַנד.

הקיצור, דער פאַרגעשריטענער דייטשער עולם האָט דעם נייעם שניט ייד אַדאַפּטירט. ער האָט אים מקרב געווען, פאַרטיידיקט און במילא אויך געוואָרן דער העראָלד פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע בתוך דער דייטשער געזעלשאַפט — אויף צו להכעיס אַלע קאָנסערוואַטיווע קריסטלעכע עלע־מענטן, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער דערנענטערונג פון יידן מיט קריסטן, ווי אויך דער באַשטרעבונג פון יידן צו עמאַנציפּאַציע.

די צוויי ריכטונגען פון באַנייאונג — אין דער יידישער און דייטשער סביבות — האָבן זיך, בשעת בעטהאָווענס יאָרן פון באַגינען, פאַרקניפּט און פאַרפלאָכטן; זיי האָבן זיך קעגנזייטיק באַאיינפלוסט. איינס, זענען זיי געוואָרן אין זייער אויסבליק אויף צייטן, ווען דער מענטש, דער באַ־פרייטער פון אַלע צוימען און פאַראורטיילן, וועט אַמאָל דערלעבן צו זיין דער שני לבורא עולם. ווען ער וועט באַשאַפן אַ וועלט פון פרייהייט און טאָלעראַנץ, אַז זיין זאָל — הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!!!

— 2 —

דאָס מזל פון בעטהאָווענען האָט געוואָלט, ער זאָל זיינע יאָרן פון באַגינען אויסוואָרעמען אינעם שויס פון די דייטשע פּראָגרעסיווע כוחות; אַז דאָ, אין באָן, זאָל זיך אויספורעמען זיין הומאַניסטישער בליק אויף דער וועלט, דאָ זאָל ער ווערן אַ מענטש און אַ קינסטלער.

אויב אַזוי, דאַרפן מיר קודם כל אַ שפּאַציר טאָן איבער דעם גייסטיקן באָן און באַקענען זיך מיט אירע כוחות פון באַנייאונג.

לאָמיר זיך דעריבער דערנענטערן צו די קוואַלן, וואָס האָבן באַ־וואָסערט און באַקרעפטיקט די גייסטיקע וואָרצלען פון בעטהאָווענס באַגינען, ווייל „פון דער יוגנט־צייט — זאָגט אַ פראַנצויזישער פילאָזאָף — היילט מען זיך קיינמאָל נישט אויס!". און זלמן שז"ר, דער פּאָעט, דער גייסט־מענטש, דער געוועזענער נשיא פון מדינת ישראל, זינגט אין איינעם פון זיינע שירים בעברית:

„מה שאהוב בימי נוער, חיה יחיה לעולמים".

אויף ריין מאַמע־לשון וויל דאָס זאָגן: וואָס באַליבט איז געוואָרן קינדווייז, וועט שוין לעבן אייביק.

ווי שוין געזאָגט, איז די שטאָט באָן נישט קיין גרויסער כרך. דאָ קאָכט אָבער און זידט אויפן קולטורעלן געביט. דער דייטשער שטראָם פאַר גייסטיקער באַפרייאונג האָט, אין דער רעזידענץ־שטאָט באָן הייסע חסידים. אין פראַפּאָרץ — קען מען זאָגן — זענען זיי דאָ אַ פּיל גרעסערע מחנה, ווי אין יעדן אַנדערן אָרט אין דייטשלאַנד. דער ציל פון דעם פאַר־געשריטענעם עולם איז דאָ, גענוי ווי אויף דער צווייטער זייט רהיין — אין פראַנקרייך — די גייסטיקע באַפרייאונג פון מענטש, אַלס אַ פאַרשפּיל צום קאַמף פאַר פרייהייט פון בירגער.

פאַראַן אין באָן שאַרפע אָנהענגער פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ. זיי זענען חסידים פון יעדן פרייען געדאַנק. פאַרבונדן זענען זיי צווישן זיך אין אַ מין חברה, וואָס מען רופט מיטן נאָמען — „לעזעגעזעלשאַפט״. צו איר געהערן אָנגעזעענע מענטשן פון שטאָט. דאָס זענען מענטשן פון דער אַריסטאָקראַטיע, פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט, פּראָפעסיאָנאַלע אינטע־ליגענץ, שרייבער, קינסטלער, ווי אויך סוחרים. יעדער איינער, וואָס סימפּאַטיזירט מיט די נייע שטרעמונגען, אָן אונטערשיד פון זיין סאָ־ציאַלער אָנגעהעריקייט, ווערט אויפגענומען אין דער חברה — בכבוד גדול.

אגב, זענען אויך אַחינו בני ישראל געווען צווישן די מיטגלידער פון דער „לעזעגעזעלשאַפט״ אין באָן.

אין דער דאָזיקער חברה האָבן געהערשט טענדענצן פון דעם א. ג. „דריטן שטאַנד״, דאָס הייסט, פון יענעם סאָציאַלן שיכט, וואָס אין פראַנקרייך האָט ער דערפירט צום פאַלן פון דער באַסטיליע. מען האַלט, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם דאָזיקן קרייז דייטשן אין באָן האָבן געשטאַמט פון דער ראַדיקאַלער מאַסאָנען־לאָזשע א. ג. „אילומינאַטן״, אַ לאָזשע, וואָס צוליב אירע סובווערסיווע איינשטעלונגען האָט מען זי אין אשכנז — אומעטום גערודפט. אין באָן זענען זיי געווען דער מאָטאָר פונעם גאַנצן קולטורעלן לעבן.

דאָס קולטור־לעבן אין דער שטאָט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שאַרפן אַקצענט פון סאָציאַלער קאָנטעסטאַציע.

אין באָן דערשיינען פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס ברענגען צום

אויסדרוק די מאָדערנע אידעען. באַזונדערס אַנגאַזשירט אין דער „בעניִשער אינטעליגענץ־בלאַט״. אויף זיינע שפּאַלטן ווערט אָפן געפּרעדיקט דער געדאַנק פון פאָרשריט. די אויסגאַבע באַמיט זיך צו פאַרבינדן דאָס ביר־גערטום מיטן אינטעלעקטועלן עולם. זייט 1772, ברענגט די צייטשריפט „נוצלעכע פאָרשלאָגן פאַר בירגער און פויערים״.

זייט די אַכציקער יאָרן, איז רעדאַקטאָר פון דעם „בעניִשן אינטע־ליגענץ־בלאַט״ דער יונגער און טאַלאַנטפולער — יאָהאַן פּעטער אייכהאָף, אַ מיטגליד פון די „אילומינאַטן״. ער איז פון די פּלאַמיקסטע פּובליציסטן, קעמפער פון דער רהייניִשער „אויפקלערונג״ (השכלה). ער האָט שוין, מיט אַ פּאָר יאָר פריער, אַרויסגעגעבן אַ שריפט א. נ. „בעניִשע ליטעראַטור און קונסט צייטונג״, וואָס האָט זיך אַ שם געמאַכט מיט איר עקשנות ביים פּראָפּאַגירן רעליגיעזע טאָלעראַנץ. נאָכן דערשיינען בלויז זעקס מאָנאַטן האָט די מאַכט געשלאָסן די אויסגאַבע; איר האָט נישט געשמעקט די פּובליציסטישע פאַרביסנקייט פון איר רעדאַקטאָר.

לאָמיר דאָ באַמערקן — יאָהאַן פּעטער אייכהאָף האָט צוזאַמען מיט זיין יינגערן ברודער, יאָהאַן יאָזעף, אויך אַ מאַסאָנער און אַ פריינט פון יונגן בעטהאָוון געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע בעתן רעפּובליקאַנישן פּעריאָד אין באָן. זיי האָבן ביידע צוזאַמענגעאַרבעט אין דער זעלבער רעפּובליקאַ־ניש־דעמאָקראַטישער אַדמיניסטראַציע ביינאַנד מיט אַנשלען, דעם משומד פון דער „יודן־גאַסע״ אין באָן.

אַ פעסטונג פונעם פאָרגעשריטענעם געדאַנק אין באָן איז דער נייער אוניווערסיטעט. ער איז אַ טיכטיקער רינג פון דער רהייניִשער מאַסאָ־נעריע. ווען ס׳וועט אויסברעכן דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם אויף דער צווייטער זייט רהיין, וועט דער באָנער אוניווערסיטעט זיך שטעלן מיטן פּנים צום נייעם פראַנקרייך.

כאָטש דער הערשער פון לאַנד איז אַ הויכער גייסטלעכער פון דער קאַטוילישער קירכע שרעקט זיך דער אוניווערסיטעט נישט אָפּ פון די אַנטי־קאָנפאָרמיסטישע תורות — אפילו אויפן טעאָלאָגישן געביט. להפך צום אוניווערסיטעט אינעם שכנותדיקן קעלן, ווו ס׳הערשט שימל און אָבסקוראַנטיזם, ליכטיקט אינעם באָנער אוניווערסיטעט דער שכלדיקער געדאַנק. די היגע פּראָפעסאָרן זענען גייסט־מענטשן, וואָס האָבן זיך געמאַכט

אַ שם מיט זייער פֿאַרגעשריטענעם אַרט דענקען. אמת, דאָס איז ווייט נישט געווען צום געשמאַק פֿון דער קירכע. אַט, למשל, זענען די שריפֿטן פֿון אַ גאַנצער ריי פּראָפֿעסאָרן, דערונטער פֿונעם אוניווערסיטעט־דעקאַן אַליין, געלייגט געוואָרן אין חרם אַריין דורכן פּויפּסט!

אַ גרויסן אָנזען האָט דאָ די פֿילאָזאָפֿיע פֿון דעם דייטשן פֿילאָזאָף עמאַנועל קאַנט (געב. 1724 — געשט. 1804). זי ווערט געשמאַק שטודירט אויפֿן אוניווערסיטעט. אין באָן, אינטערעסירט מען זיך מיט די רעיונות פֿון קאַנט אויך מחוץ דעם אוניווערסיטעט. דערויף איז אַן עדות דער מאמר „איבער די קאַנטישע קריטיק דער ריינען פֿאַרנונפֿט", דערשינען אין דער „נידעררהייניִשער מאָנאַטשריפֿט" פֿון באָן (1786).

אַז מיט די השקפֿות פֿון קאַנט האָבן זיך פֿאַרנומען נישט בלויז די אינטעלעקטועלע קרייזן איז צו זען פֿון אַ קאָמערציעלער מודעה וועגן אַ „ווערטערבוך צום געבראַוך דער קאַנטישן שריפֿטן" (אינעם נאָוועמבער־נומער, 1789, „באָנער וואָכן־בלאַט").

גריכיש און אַלטערטימלעכע ליטעראַטור לערנט אויפֿן אוניווער־סיטעט אין באָן דער פֿאַרברענטער חסיד פֿון פּראָגרעסיוון געדאַנק — עלאָגיוס שניידער. ווי מיר געדענקען, האָט ער, ביים אויסברוך פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, אונטערגעצונדן ממש די הערצער און מוחות פֿון זיינע סטודענטן, דערונטער אויך דעם יונגן בעטהאָוון און דעם געשמדטן בחור שלמה אַנשל פֿון דער „יודן־גאַסע" אין באָן. עלאָגיוס שניידער, דער געוועזענער גלח, איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָעט און געהערט צו אַ מאַסאָנען־לאָזשע אין דער שטאָט קרעפֿעלד, וואָס שוין בלויז דער נאָמען אירער אַליין איז אַ גאַנצער פּאָליטישער פּראָגראַם געווען. די לאָזשע האָט געטראָגן דעם נאָמען — „צו דער פֿולשטענדיקער פֿרייהייט". דער פּויפּסט האָט אויף דעם דאָזיקן עלאָגיוס שניידער געהאָט אַ שווער ביטער האַרץ. ער האָט אים פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז ער טוט פֿאַרשפּרייטן צווישן זיינע תּלמידים געפֿערלעכע, פֿאַלשע און פֿאַרדאָרבענע תּורות. דהיינו? שניידער פֿלעגט אויף זיינע לעקציעס לייקענען דאָס התגלות פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע. ער פֿלעגט אויך דעם בילד פֿון קריסט דער־לאַנגען אַ ראַציאָנאַליסטישן פּירוש.

נו, מאָ! האָט אים טאַקע דערפאַר דער פויפסט געלייגט אין חרם אַריין!

פאַראַן אויפן אוניווערסיטעט אין באַן אַ פּראָפעסאָר פון יוריס־פּרודענץ, באַרטאָלאָמעוס לודוויק פישעניך, אַ פערזענלעכער פריינט פון דעם דייטשן פּאָעט — שילער, אַן ענטוזיאַסט פון זיין דיכטערישער קונסט. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר פלעגט זיך מיט זיינע סטודענטן נוהג זיין בזה האופן. ווען ער האָט באַמערקט, אַז זיינע צוהערער זענען מיד געוואָרן פון די אַלע פּאַראַגראַפן פון פעלקער־רעכט, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען מיט זיי איינצוקנעלן, האָט ער איבערגעריסן די לעקציע און גענומען רעציטירן פּאָעמעס פון זיין פריינט שילער — „צום גרעסטן פאַרגעניגן פון זיינע סטודענטן״ — דערציילט אַ כראָניקער פון יענער צייט אין באָן.

אין די פאַרגעשריטענע קרייזן פון דער שטאָט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג דער טרוקן־ראַציאָנאַליסטישער וואָלטער און דער באַהאַרצטער רוססאָ. מען האָט זיך פּאַסמאַקעוועט מיט די אָדעס פון דעם דייטשן דיכטער קלאָפּשטאָק (געב. 1724 — געשט. 1803), און מיט די ווערק פון הערדער, דעם הומאַניסט, דעם זוכער פון פאָלקס־וואָרצלען, דעם פיקאַנטן אַנטפּלעקער פון די עסטעטישע פּראַכטן פון תנ״ך. אין איינעם אַן עסיי וועגן דער העבראישער שירה, ברענגט הערדער אַזאַ געדאַנק: די סינטעטישע קונסט, וואָס וואָרצלט אין דעם פּערפעקטן צונויפגוס פון פּאָעזיע, מוזיק און טאַנץ, און וואָס איז אַ ווונדערלעכע קונסט־דערגרייכונג פונעם אַלטערטום, דריקט זיך אויס — לויט אים — נישט אין דער גריכישער טראַגעדיע, ווי ס׳איז געווינלעך אָנגענומען צו טראַכטן, נאָר דווקא אינעם יידישן תהילים. הערדער האָט אין זיין ווערק א. נ. „אַדראַסטעאַ״, געשריבן אין די עלטערע יאָרן, געברענגט „יידישע פּאַראַבאָלן״ פון מדרש און אגדה (1).

אין די פאַרגעשריטענע קרייזן פון באַן ווערט יעדער פּראָגרעסיווער שרייבער אויפגענומען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. לויט די משפחה־כראָניקעס, איז דער קולטיווירטער עולם אין שטאָט גוט באַהאַוונט מיט אַלעם, וואָס קומט פאָר אין דער ליטעראַרישער וועלט. דאָס פאַרשפּרייטן

1. Jüdischer Lexikon, S. 1548.

די דערשינענע אויסגאַבעס איז אין דער רעזידענץ־שטאָט מוסטערהאַפט איינגעשטעלט. אין דעם קליינעם באַן זענען פאַראַן, צו יענער צייט, פינף בוכהאַנדלונגען!

אַ בן־דור גיט איבער, אַז אין דעם „לעזע־קאַבינעט אויף דעם מאַרק" (אין באַן) פלעגט מען שטענדיק געפונען „די בעסטע פעריאָדישע שריפטן, וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע ביכער, ווי אויך צייטונגען".

דער דייטשער בעטהאָווען־פאָרשער, ל. שידערמאַיר, דערציילט, אַז די שטאָט־בוכהאַנדלונגען האָבן אין די 70־קער און 80־קער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט פאַרקויפט די נייעסטע אויפלאַגעס פון פּלאַטאָן (1), פּלוטאַרך (2), רוסאָ און מאָנטעסקיע (3), די ווערק פון די דייטשע שרייבער: קלאָפּשטאָק, הערדער, שילער און געטע. די דראַמע „געץ פאָן בערליכינגען" פון געטע ווערט שטאַרק געליבט פון דעם באָנער „אינטעליגענץ בלאַט" שוין גלייך ביים דערשיינען, אין יאָר 1773 און נאָך אַ מאָל, מיט צוויי יאָר שפּעטער.

אין פאַרקויף געפינט מען אויך ביכער פון די פּאָפּולערע — אין יענע יאָרן — פאַרגעשריטענע דייטשע שרייבער, ווי שובאַרט, ראַמלער, גליים (געב. 1719 — געשט. 1803). ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע שריפטשטעלער זענען שוין גאַרנישט גלייכגילטיק געווען צו יידן. זיי זענען נישט נאָר פּערזענלעך געווען באַפריינדעט מיט משה מענדעלסזאָן און פאַרבראַכט אין די יידישע סאַלאָנען אין בערלין, נאָר זיי האָבן אויך — עפנטלעך — געלאָזט הערן זייער איבערצייגנדיק וואָרט לטובת דעם יידישן מענטש.

גליים האָט געשריבן ראָמאַנען מיט פּראָ־יידישע אַקצענטן; ער האָט אָפן פאַרלאַנגט טאָלעראַנץ פאַר יידן. ס'איז וויכטיק צו דערמאָנען — גליים איז געווען פון די יעניקע פרייע גייסטער אין דייטשלאַנד, וואָס האָט צוזאַמען מיט מענדעלסזאָן, הערדער און אַנדערע, פאַרטיידיקט לעסינגס

1. פילאָזאָף פון אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד.

2. היסטאָריקער פון אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד.

3. 1755 — 1689, פראַנצויזישער שרייבער און פילאָזאָף.

פיעסע „נאַטאַן דער ווייזע", ווען נאָכן דערשיינען האָט זי אַרויסגערופן אַ שטורעם ביי אַלע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן, בתוכם — די אָפיציעלע קירכע. גליים האָט זיך אָפן סאָלידאַריזירט מיט לעסינגס געדאַנקען מכוח דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער טאָלעראַנץ — געפּרעדיקט אין „נאַטאַן דער ווייזע".

ל. שידערמאַיר איז מודיע, אַז אין באָן איז מען געווען אויך באַקאַנט מיט די שריפטן פון דעם שווייצער גלח און טעאָלאָג — לאַפאַטער (געב. 1741 — געשט. 1801), וואָס האָט פאַרפירט אַ באַרימטן ויכוח מיט ר' משה מענדעלסזאָן אויף רעליגיעזע טעמעס.

לויט כראָניקעס פון בשעתו, איז די ביבליאָטעק פונעם פירשטלעכן הויף אין באָן אָפן געווען פאַר אַלע ווויסנשאַפטלעכע שטודיעס און פאַר יעדער אינטעלעקטועלער נייגעריקייט.

„אין די מיט גאָלד — רייך באַדעקטע שענק (געמיינט די פירשטלעכע ביבליאָטעק) — שרייבט דער עדות פון יענער צייט — זענען פאַרזאַמלט די בעסטע שריפטשטעלער פון אונזער פאָלק, טעטיק אויף יעדן געביט פון ליטעראַטור — אָן שום דיסקרי־מינאַציע" (1).

פון דעם „אָן שום דיסקרימינאַציע" איז צו לערנען, אַז ביים אָוועק־שטעלן די ביכער „אין די מיט גאָלד רייך באַדעקטע שענק" איז די עפנטלעכע ביבליאָטעק פונעם פירשטלעכן הויף געווען גענוג ליבעראַל. אַ סברה, אַז זי האָט אָוועקגעקוקט פון דעם קאַטוילישן און אַנטי־סובוועד־סיוון כשרות. לאָמיר דערמאָנען, אַז בעת דער ממשלה פון בעלדערבוש אין באָן, האָבן יעזואיטישע און קאָנסערוואַטיווע קירכע־לייט אַ קנאַפּע דעה.

ביי אַזאַ ליבעראַלקייט קענען מיר זיך פאָרשטעלן, אַז פון די פרינציש־באַגילדעטע ספרים־שענק האָבן אַרויסגעלויכטן, צוזאַמען מיט די ביכער פון אַנדערע דייטשע שרייבער, אויך די כתבים פון דעם „בער־לינער סאָקראַטעס", ווי מען פלעגט רופן ר' משה מענדעלסזאָן בשעתו אין

1. Ludwig Schiedermair, Der junge Beethoven.

גאַנץ אייראָפּע. אגב, איז דאָס גאָרנישט אַזאַ חידוש, ווייל זיינע ספרים האָבן זיך אויך געפונען אין דער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין ווין, אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק פון דענעמאַרק, ווי אויך אין די ביבליאָטעקן פון אַ גאַנצער ריי דייטשע פּרינצן.

ביים אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש פון משה מענדעלסזאָנס פעדער איז אָנצונעמען, אַז אין דעם „לעזע־קאַבינעט אויף דעם מאַרק" אין באָן, זענען פאַראַן געווען זיינע ביכער, ווי דער „פעדאָן", „ירושלים" און מסתמא אויך זיין דייטשע איבערזעצונג פון תנ״ך. מען קען גלויבן, אַז זיינע כתבים האָבן זיך אויך פאַרקויפט אין די אַנדערע בוכהאַנדלונגען אין שטאָט, גענוי ווי די ביכער פון אַלע אַנדערע שרייבער.

פאַראַן דערויף אַ גאַנץ פּשוטער באַווייז. היות, מען איז אין די פּראָגרעסיווע קרייזן אין באָן באַקאַנט געווען מיט די שריפטן פון דעם שווייצער גלח, לאַפאַטער, דעם בעל הויכוח מיט מענדעלסזאָנען, איז ווי שייך האָבן די דאָזיקע דייטשן נישט געלייענט דעם „פעדאָן"? ווייל, דאָס האָט דאָך דער „פעדאָן" אַרויסגעברענגט דעם שווייצער גלח און טעאָלאָג פון די כלים; אַזוי ווייט, אַז ער האָט גערופן ר׳משה מענדעלסזאָן צום שמד!

לאָמיר נישט פאַרגעסן, לאַפאַטערס פּאָלעמיק מיטן „בערלינער סאָ־קראַטעס" האָט בשעתו געמאַכט אַ רעש אין דער גאַנצער אינטעלעקטועלער וועלט. געהאַנדלט האָט זיך בעצם אינעם ויכוח אין אַ גאַנץ פּרינציפּיעלן עניין, דהיינו? ווי אַזוי דערלאַנגט מען יידן רעכטן? אויפן סמך פון רע־ליגיעזער טאָלעראַנץ, אָדער פאַרן פּרייז פון שמד?

אַ שפּרודלדיק געביט פונעם קולטורעלן לעבן אין באָן איז דאָס טעאַ־טער. ווען בעטהאָוון איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט, האָט דער קור־פירשט — אַלץ אונטערן איינפלוס פון זיין הויפּט־מיניסטער בעלדערבוש — פאַרוואַנדלט זיין פּריוואַטן הויף־טעאַטער אין אַ נאַציאָנאַלער בינע. דער דאָזיקער פירשטלעכער באַשלוס, וואָס איז געווען אינעם גייסט פון „אויפ־געקלערטן אַבסאָלוטיזם" האָט אַריינגעברענגט אַ ווענדונג אינעם טעאַטער־לעבן פון דער רעזידענץ־שטאָט.

דאָס פירשטלעכע טעאַטער איז געווען אַ מין פּראַכטפולע ראָקאָקאָ־צאַצקע אויסגעפּוצט אין קאָלירן — בלוי און גאָלד. פאַרשלייערט איז דאָס טעאַטער געווען מיט רייכע מאָלערייען פון מעשיות וועגן אַפּאָללאָ

און זיינע מוזעס. סקולפּטור־פיגורן און פאַרשידענע מינים סאַטיר־גע־שטאַלטן האָבן געגעבן אַלעגאָרישע באַגריפן וועגן דער קונסט פון דראַמע.

ביז צום נייעם פירשטלעכן באַשלוס, איז דאָס טעאַטער געווען אַ גאַנץ פּריוואַטע פאַרוויילונגס־בינע, פאַרגליווערט אין אַ רוטין פון שפּילן אויס־שליסלעך אָפּערעס פון פראַנצויזישע און איטאַליענישע מוזיקער. די אַקטי־וויטעט פון טעאַטער איז געווען אַ ווייניק רעגלמעסיקע און אַ קנאַפּ לע־בעדיקע. זי איז געווען אויסגעשטעלט אויפן גוטן ווילן פון פירשט.

יעצט איז דאָס טעאַטער געוואָרן אַן עפנטלעכע קולטור־אינסטיטוציע מיט אַ גאָר נייעם אויסקלאַנג.

די פּראָגרעסיווע באַוועגונג האָט, אין איר באַגער צו באַנייען דאָס דייטשע לעבן, געלייגט גרויסע האָפנונגען אויפן טעאַטער. לויט זייער שיטה, האָט דער שטראָם פון די נייע געדאַנקען געזאָלט דערגרייכן דעם עולם דווקא פון דער בינע אַראָפּ. אויף דער בינע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן יעצט אַן עול אויפצורודערן דעם שכל פון צושויער און מאַכן אויפבליצן ביי אים די הומאַניסטישע העלקייט.

אויף דעם דאָזיקן וועג האָט זיך יעצט פאַרנומען דאָס נייע מלוכה־טעאַטער אין באָן.

מיט דער לייטונג פון טעאַטער איז באַפולמעכטיקט געוואָרן דער בשעתו גוט באַקאַנטער בינע־קינסטלער און שרייבער — פרידריך גראָס־מאַן, אַ תלמיד פון דעם דייטשן הומאַניסט — לעסינג.

גראָסמאַן האָט געשמט מיט זיין אייגענעם טעאַטער איבער גאַנץ דייטשלאַנד. ער איז געווען אַ וואונדערבאַרער אַקטיאָר און אַ טעאַטראַל מיט אַ ברייטן פאַרנעם. ווען ער האָט געשטעלט אַ פּיעסע, אָדער אַן אָפּערע, איז דאָס געווען מיט שווונג; ער פלעגט מיטרייסן דעם עולם מיט זיין שפּיל און רעזשי. צו דעם אַלעם איז ער געווען אַ מענטש מיט אַ גרוי־סער קולטור און אַ פאַרברענטער חסיד פון די נייע פּראָגרעשריטענע אידעען.

אַזוי ווי גראָסמאַן האָט געלייגט אַ חותם אויפן קולטרעלן לעבן פון באָן — ער האָט די גאַנצע געבילדעטע שטאָט־באַפעלקערונג אַריינגעפּירט אינעם טעאַטער — דאַרף מען וועגן אים זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

פרידריך גראָסמאַן געהערט צו יענע פאַרביקע און טעמפּעראַמענטפולע געשטאַלטן, וואָס דערשיינען בשפע בעת די גרויסע היסטאָרישע תקופות

פון באַנייאונג. געבוירן אין בערלין אין 1746, האָט ער אויסגעפּיבערט זיין יוגנט אין דעם סאַמע ברען פון די נייע פאָרגעשריטענע אידעען, בעת זיי האָבן אויפגערודערט די געזעלשאַפט פון אַלע דייטשע לענדער. גאַנץ יונג איז ער אַריין אין דער מחיצה פון דעם גרויסן לעסינג, און דאָרט, אין בערלין, אַ בליץ געטאָן ווי אַ טאַלאַנטפולער טעאַטער־שרייבער. זיינע פּיעסן האָבן גלייך עפּעס גענומען רעדן מיט אַ נייע שפּראַך און מיט נייע געדאַנקען. דאָס אַליין שוין איז גענוג געווען, כדי אַריינצוקומען אין די קרייזן פון דער גייסטיקער עליטע אין בערלין. דער יונגער טעמפּעראַ־מענט פונעם אינטעליגענטן גראַסמאַן האָט צווישן די פאָרגעשריטענע גייסט־מענטשן אין דער שטאָט, געבליצט און געדונערט!

באַרימט, איבער אַלע דייטשע לענדער, איז גראַסמאַן געוואָרן דווקא ווי אַ בינע־קינסטלער, דער דיאַפּאַזאָן פון זיין שוישפּילערישער גאַמע האָט באַצויבערט דעם עולם מיטן רייכטום פון טיפן און כאַראַקטערן. זיין עקספּרעסיווע טעאַטער־שפּראַך האָט אויסגעהאַמערט אַן אַ שיער פּערסאָ־נאַזשן פון פעלקער און סאָציאַלע גרופּן. ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין שפּילן ראָלעס פון יידן.

ווו האָט דאָס גראַסמאַן אַזוי דערגרונטעוועט דעם ייד? דאָס איז נישט שווער צו פאַרשטיין.

אין יענע יאָרן, זענען לעסינג — דער רבי פון גראַסמאַנען — און משה מענדעלסזאָן גאָר נאָענטע גוטע פריינט; זיי אַרבעטן צוזאַמען אויפן ליטעראַרישן געביט. העכסט־וואַרשיינלעך האָט גראַסמאַן, אַ דאַנק לע־סינגן, פאַרברענגט אין דער נאָענטקייט פון ר׳ משה מענדעלסזאָן און זיין יידישער סביבה, ווי ס׳איז דער שטייגער געווען ביי דער גאַנצער פּראָ־גרעסיווער עליטע, צו יענער צייט, אין בערלין.

הענריעטע הערץ, דער יידישער עדות פון יענע יאָרן, דערמאָנט אין אירע זכרונות, אַז ביים יידישן כיבוד פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, פלעגט דער רוב דייטשע אינטעלעקטואַלן, ווי אויך דורכפאָרנדיקע וויכ־טיקע מענטשן, פאַרברענגען ביי ר׳ משה׳ס טיש און שמועסן וועגן עניני דיומא(1).

1. Henriete Herz, Ihr Leben und Erinnerungen.

גראָסמאַן איז געווען אַ מענטש מיט אַן אייגענעם בליק אויף שפּילן טעאַטער. פאַר אים איז טעאַטער־שפּיל נישט געווען אַן ענין בלויז פון פּרנסה און אוודאי ואוודאי נישט סתם די הנאה צו דעמאָנסטרירן זיין שוי־שפּילערישן טאַלאַנט. דאָס שפּילן טעאַטער האָט ער באַטראַכט פאַר אַן עבודת הקדוש! די בינע איז פאַר אים געווען דער שופר פון זיינע סאָציאַל־ראַדיקאַלע השקפות.

דער דאָזיקער דייטש איז געווען אַ קאָמפּראָמיסלאָזער פּרעדיקער פון פאָרשריט. ער האָט שאַרף באַקעמפט די פאַרעלטערטע אינסטיטוציעס פונעם הערשנדיקן פעאָדאַלן סיסטעם. צוליב זיין עקשנות, וואָס האָט נישט געוווסט פון קיין גרענעצן, האָט ער געהאַט אויסצושטיין צרות. גראָסמאַן איז אָבער געווען פון די יעניקע קעמפער, וואָס ווען ליבערשט איינשטעלן די אייגענע פרייהייט, איידער איינגיין אויף קאָמפּראָמיסן מיטן פאַרהאַסטן שונא.ביים סוף פון זיין לעבן האָט ער פאַר דעם דאָזיקן כאַראַקטער־שטריך באַצאָלט אַ טייערן פּרייז.

אין 1795, אַ יאָר בלויז פאַר זיין טויט, האָט ער געשפּילט ערגעץ אין דייטשלאַנד אַ פּיעסע, וואָס האָט צו שאַנד און צו שפּאָט געמאַכט דעם איינגעשטעלטן געזעלשאַפטלעכן סדר. פאָרגעקומען איז דאָס אין דער אָנוועזנהייט פון דער בראַונשווייגער פּרינצעסין, אַ גרויסער אָנהענגערין פון זיין טאַלאַנט. גראָסמאַן האָט אין דער פּיעסע אויסגעלאַכט די פּרינצן, זייערע מיניסטאָרן, די רעליגיע און אירע משורתים. ער האָט אַפילו חוזק געמאַכט פון די אַלע שרייבער און געלערנטע, וואָס לויפן נאָך די שיריים פון פירשטלעכן טיש...

אַזוי ווי די מעשה האָט געמאַכט אַ רעש, האָט די רעגירונג פאַרלאַנגט פון גראָסמאַנען אַן אויפקלערונג. ער איז אָבער ווייט נישט פון די יעניקע געווען, וואָס דערשרעקן זיך און האָבן שפּעטער חרטה. ער האָט נאָך צוגעגאָסן אייל צום פייער!

אין אַן עפנטלעכן מאמר האָט גראָסמאַן אָפן פּראָקלאַמירט זיין אני מאמין, און זאָל עם ועדה וויסן, ווי מען האַלט אין דער וועלט!

וואָלט דאָך שוין דאָס אַליין געווען דיינו, האָט ער נאָך דעם מאמר זיינעם באַווירצט מיט גאַל, מיט איראָניע און חוזק; מען האָט אין דער וועלט געלאַכט אין די פויסטן!

דאָס איז שוין פאַר די מאַכט־האָבערס געווען אַ ביסל צו פיל. מען האָט גראָסמאַנען פאַר אַזאַ חוצפה אַריינגעזעצט אין דער תפיסה און נאָכן אָפּזיצן דעם פסק, איז פאַרווערט צו פאַרנעמען זיך מיט טעאַטער.

נישט אַלע אָבער האָבן גראָסמאַנען באַטראַכט פאַר אַ געפערלעכן מענטש. פאַראַן געווען אַזעלכע, וואָס זענען נתפעל געוואָרן פון זיין קאַמף פאַר באַנייאונג. איינער פון די דאָזיקע איז געווען שילער — דער גרויסער דייטשער פּאָעט. ער האָט צו גראָסמאַנען געשריבן פלאַמיקע בריוו. אין איינעם אַזאַ בריוו רופט ער אים אָן, מיט גרויס דרך ארץ „אויסערגע־וועגלעכער מאַן״. ער לייגט אים פאַר זיך צו פאַרבינדן אין „צוטרוי און ברודערלעכער ליבע״. אין אַ צווייטן בריוו (אין 1784), שרייבט שילער צו גראָסמאַנען:

„איך האָב ביי מיר אָפּגעמאַכט, איר מוזט ווערן מיין פריינט!״.

נאָך אין דעם זעלבן יאָר האָבן זיךביידע פאַרבונדן אין אַ דויערנדע פריינטשאַפט.

דעם דאָזיקן גראָסמאַן האָט דער קורפירשט גערופן, ער זאָל איבער־נעמען דעם גורל פון דעם נייעם נאַציאָנאַלן טעאַטער אין באָן, בכדי „די שוישפּיל־קונסט אין מיין לאַנד זאָל דערהויבן ווערן צו אַ זיטן־שולע פאַר מיין פאָלק״ — אַזוי ווערט געזאָגט אין דער פירשטלעכער פאַראָרדנונג.

ווי אַ פאָרגעשריטענער צייט־מענטש, האָט דער נייער דירעקטאָר גענומען איינפירן אין דעם באָנער טעאַטער די רעיונות פון לעסינגס דראַמאַטורגישער שיטה. ביינאַנד מיט די פּיעסן פון שעקספּיר, מאָליער, באָמאַרשע און וואָלטער; צוגלייך מיט די קאָמעדיעס פון די איטאַל־יענער — גאָלדאָני און גאָצי, האָט גראָסמאַן אויך געלאָזט הערן דעם אויסקלאַנג פון דעם נייעם דייטשן טעאַטער, און דער עיקר, דעם בירגערלעך־פרייהייטלעכן רעזאָנאַנס זיינעם.

בכדי צו פּאָפּולאַריזירן די נייע טעאַטראַלע דרכים, האָט דער דינאַ־מישער גראָסמאַן אַרויסגעגעבן אין באָן אַ צייטשריפט געווידמעט טעאַטער־קונסט א. נ. „דראַמאַטישע נאַכריכטן״. טאַקע פון דער דאָזיקער טריבונע ווערן מיר געוווויר וועגן דער פרוכטבאַרער צוזאַמענאַרבעט צווישן בעט־האָווענס פאָטער און דעם „יוד באַרוך נ. סאַלאָמאָן — האָף מוזיקוס״.

ווי מיר געדענקען, פלעגן זייביידע, בעת דעם קאַרנאַוואַל, שטעלן לייכטע אָפּערעס וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג.

דער אומדערמידלעכער גראָסמאַן האָט נאָך אַנטוויקלט אין באַן אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער ראַדיקאַלער און קאָנספּיראַטיווער מאַסאָנען־לאָזשע, די „אילומינאַטן״. און, דער עיקר, האָט ער דאָ פאַרזייעט פונקען פון זיין ענטוזיאַזם פאַרן גרויסן הומאַניסט — לעסינג. אַ דאַנק גראָסמאַנען, האָט זיך אין באַן געשאַפן אַ קולט פאַר דעם דאָזיקן גרויסן מענטשן־פריינט. אויף דעם דאָזיקן קולט האָט זיך, דאָ אין שטאָט, געכאַוועט אַ דור יונגע מענטשן, דערונטער בעטהאָווען.

אַ טיפער טרויער האָט אַרומגענומען דאָס גייסטיקע באָן, ווען מ׳איז געוויר געוואָרן, אַז לעסינג איז געשטאָרבן. דער נאַציאָנאַלער טעאַטער האָט איינגעאָרדנט אַן איינדרוקספולע אזכרה; ס׳איז צווישן אַנדערע אויסגעפירט געוואָרן אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, געשאַפן דורך קריסט־יאַן גאָטלאָב נעפע — בעטהאָונס מוזיק־לערער און מורה דרך. אגב איז נעפע געווען גראָסמאַנס אַ טעאַטער־מיטאַרבעטער, אַ פּערזענלעכער פריינט און אידעאישער מיטשפאַנער.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט זיך גראָסמאַן באַמיט אויפ־צושטעלן אַ דענקמאָל זיין גרויסן וועג־ווייזער, לעסינג. ער האָט זיך, אַ צייט לאַנג, באַמיט ביי די דירעקטאָרן פון אַלע דייטשע טעאַטערן, געוואָלט, זיי זאָלן ווידמען די הכנסה פון אייניקע פאָרשטעלונגען פאַר אַ דענקמאָל. מיט פאַרביטערונג דערציילט גראָסמאַן, אַז קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט אַ וואָרט...

די דירעקטאָרן פון די דייטשע טעאַטערן, וואָס זענען, צו יענער צייט, אונטער דער השגחה פון די פירשטן, האָבן אפשר מורא געהאַט צו שטיצן גראָסמאַנס איניציאַטיוו, כדי מען זאָל זיי חלילה, נישט חושד זיין אין וועלן דערלאַנגען אַ האַנט אַן עפנטלעכער מאַניפעסטאַציע לטובת דעם פאָרגעשריטענעם געדאַנק.

אויפשטעלן לעסינגן אַ דענקמאָל?

אַזוי ווייט „אויפגעקלערט״ זענען נאָך דאַן די פירשטן נישט געווען...

— 3 —

דער רבונו של עולם, ווייזט אויס, שטראָפט קיינמאָל נישט דעם מענטש מיט אַלע מכות ופּרעניות. אַלע מאָל לאָזט ער אים איבער אַ פונק פון מזל, כּדי אים צו פאַרגיטיקן די צרות.

כּדי צו פאַרגיטיקן דעם קליינעם לודוויק די קלאָגעדיקע קינדהייט אין דער שטוב פון זיין טאַטן, דעם שיכּור, האָט אים דאָס מזל צונויפגעפירט מיט מענטשן, וואָס האָבן אים צוגעטוליעט, ווי אַן אייגענעם; זיי האָבן אים דערלאַנגט אַ וואַרעם וואָרט און, דער עיקר, די צערטלעכקייט פון טאַטע־מאַמע אים געגעבן.

די דאָזיקע פרעמדע מענטשן, וואָס זענען פאַר אים שנעל געוואָרן אייגענע, האָבן געהאָלפן אויך אויספורעמען זיין אינטעלעקטועלן ניוואָ. זיי האָבן דעם קליינעם לודוויק געשליפן און פאָלירט און, בסוף, אים אַרויסגעפירט אויפן דרך הישר פון וויסן. זיין צאָרן פון רעוואָלט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אַן אָרעמען רעכטלאָזן מעמד, האָבן זיי דערלאַנגט דעם כּיוון פון הומאַניזם.

דער ערשטער פון די אַלע פרעמדע מענטשן, וואָס האָט דעם קליינעם לודוויק אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט, איז געווען זיינער אַ רבי — דער רעוואָלטירטער טרוימער און הומאַניסט — קריסטיאַן גאָטלאָב נעפע (געב. 1748 — געשט. 1798).

פאַר אַלעם האָט דער דאָזיקער מענטש געעפנט פאַרן קינד אַ וואַרעם פאָטערלעך האַרץ. נישט בלויז אַ לערער פון מוזיק איז נעפע פאַרן קליינעם לודוויק געווען, נייערט אַ דערציער; אַ מורה דרך איז ער פאַר אים געוואָרן. דערביי איז ער אים אויך געווען אַן עלטערער גוטער פריינט פאַר וועמען ס׳איז זיך גוט אַראָפּצורעדן פון האַרץ, און וועמענס רייד גייען אַריין דירעקט אינעם האַרץ. דער דאָזיקער עלטערער פריינט זיינער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געלערנט בעטהאָווענען דרך ארץ פאַרן באַגריף — מענטש!

נעפע האָט מיטן תלמיד זיינעם געלערנט תּורות מענטשלעכקייט ביינאַנד מיט הלכות נגינה.

ווען דער קליינער בעטהאָוון האָט געטומען ביי זיין הומאַניסטישן רבין לערנען מבכּד צו זיין דאָס חשיבות פון מענטש, האָט ער זיך איינוועגס ביי אים וואַרשיינלעך דערוווּסט וועגן דער דראַמע פון דעם יידישן מענטשן. ביי נעפע, מסתּמא, איז דער קליינער בעטהאָוון געוווּיר געוואָרן, אַז די קריסטלעכע וועלט האָט דעם יידישן מענטשן פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַריאַס, און, ווי אַ וואָרעם, טרעט זי זיין כּבוד מיט די פיס!

ס'איז צו גלויבן, אַז ק. ג. נעפע האָט דעם קליינעם לודוויק קלאָר געמאַכט דעם טעם פון אומעט ביים יידישן אַלטוואַרג הענדלער, וועלכן בעטהאָוון פלעגט זען אַרומשפּאַנען איבער די גאַסן פון באָן מיט אַ צעבראָכן געמיט — ווו נעמט מען אויף פּרנסה? ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז בעת אַ שמועס מיטן תּלמיד וועגן פינצטערן גורל פון ייד, זאָל נעפע האָבן מסביר געווען, אַז סוף כּל סוף, איז דאָך אויך יעזוס געווען אַ ייד! אַ געקרייציקטער אָרעמער ייד, געקרייציקט דורך גוייִשע רשעים!

דערפון נעמט זיך אפשר, וואָס בעטהאָוון האָט זיין גאַנץ לעבן געטראַכט וועגן דער פיגור פון יעזוס, וואָס אין זיין באַגריף איז ער געווען דער געקרייציקטער יידישער מענטש. מיר ווייסן, אַז בסוף פון זיינע יאָרן האָט אַמאָל בעטהאָוון געזאָגט, אַז יעזוס און סאָקראַטעס (1) זענען פאַר אים געווען אַ מוסטער אין לעבן.

אַוודאי קען מען פרעגן, פון וואַנען איז געדרונגען, אַז נעפע דווקא האָט דעם תּלמיד זיינעם דערלאַנגט אַזעלכע קנאַפּ־קאָנוועציאָנעלע תּורות? דערויף האָבן מיר אַ תּשובה.

ק. ג. נעפע, דער הויך־מאָראַלישער מענטש, דער וואָס האָט, דער ערשטער געלייגט אַ חותם אויף בעטהאָוונס דערציאונג, איז געווען פון די סאַמע פאַרגעשריטנסטע מענטשן אין באָן; איינער פון די שאַרפסטע קעגנער פון פעאָדאַליזם — אַ שונא פון דער קאָנסערוואַטיווער קירכע מיט איר קלער; אַ שונא פון אַלע פעאָדאַלע עוולות.

ס'איז כּדאי זיך נענטער צו באַקענען מיט דעם ווונדערבאַרן מענטש,

---

1. פילאָזאָף פון אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד.

וואָס האָט ביי בעטהאָווענען פאַרזייט די ערשטע זוימען פון זיין מאָראַלישן, אידעאישן און קינסטלערישן בליק אויף דער וועלט.

געוועזן איז ק. ג. נעפע אַ קינד פון אַן אָרעמען שניידער אין זאַקסן־לאַנד. דעם טעם פון נידעריקן סאָציאַלן מעמד האָט ער פאַרזוכט גאַנץ פרי — אויף דער אייגענער הויט. אַ דאַנק זיינע זעלטענע פעאיקייטן איז אים געלונגען זיך שנעל אַוועקצושטעלן אויף די אייגענע פיס. שוין אַלס יונג־דערוואַקסענער מענטש האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס גלייכשטעלן די מערכה פון דעם דיסקרימינירטן בן אדם, איז אַן אַבסאָלוטער באַדאַרף. אַ כיוון דעם בליק זיינעם אויפן לעבן האָבן אים דערלאַנגט די שטודיר־יאָרן אין לייפּציק.

נעפע, דאַרפן מיר וויסן, איז נישט געווען סתּם אַ פּראָפעסאָר פון מוזיק. ער איז געווען אַ מערקווירדיק־געבילדעטער מענטש און אַ פּעדאַ־גאָג פון אַ גאָר נייעם שניט. ער האָט פאַרבונדן טיפע מוזיקאַלישע קענ־טענישן מיט הויכער יורידישער בילדונג. ער האָט פאַרמאָגט די ברייטע פילאָזאָפישע וויסנשאַפט און גרויס בקיאות אין ליטעראַטור. ער איז געווען אַ דיכטער און אַרויסגעגעבן אַ פיינעם באַנד פּאָעמען. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פּובליציסטיק.

נעפע האָט פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אויפן לייפּציקער אוניווערסיטעט מיט אַ טעזע־אַרבעט — „צי האָט אַ פאָטער דאָס רעכט אויסצושליסן פון דער ירושה אַ זון, נאָר דערפאַר, ווייל ער ווידמעט זיך דער טעאַטער־בינע ?”. נעפע האָט די פראַגע פאַרענטפערט מיט אַ פעסטן — ניין! ער האָט, אין זיין אַרבעט, הייס פאַרטיידיקט דעם כּבוד פון שוישפּילער — דעם מענטש, דעם סוווערענעם בעל הבית פון זיין גורל און דעם איינציקן באַשטימער פון זיין וועג אין לעבן.

בעת די סטודענטישע יאָרן אין לייפּציק, איז נעפע נאָענט געוואָרן מיט שרייבער אין פילאָזאָפן פון דער דייטשער פּראָגרעסיווער „אויפ־קלערונג” (השכלה). זיינע פריינט זענען געווען, די דאַן פּאָפּולערע דייטשע שרייבער — גאַרווע (געב. 1742 — געשט. 1798) און ענגעל, די שפּע־טערדיקע איינגייער אינעם באַרימטן יידישן סאַלאָן פון הענריעטע הערץ אין בערלין. ער האָט זיך נאָענט באַפריינדעט מיטן דעמאָלטדיקן פּראָפעסאָר אויפן לייפּציקער אוניווערסיטעט — קריסטיאַן געלער (געב. 1715 —

געשט. 1769), אַ רעליגיעזער שרייבער און פּאָעט; אַ הומאַניסט, וואָס האָט מיט אַ ניכטער אויג באַטראַכט די פּראָבלעמען פון זיין צייט. געלערט האָט אַפילו די לאַגע פון ייד נישט פאַרזען. ווי די פּאַרצייטיקע נביאים, קלאָגט ער אין זיינע פרומע פּאָעמען, אויף די פינצטערע מערכה פונעם מענטש פון זיין צייט. אין דער פאָרעם פון אַ טעאַטער־פּיעסע, און אין אַ ראָמאַן, טוט ער אויך שאַרף אַרויסטרעטן קעגן דער קריוודע פונעם געפּלאָגטן ייד.

געלערט, דאַרף מען וויסן, האָט געהאַט אַ השפּעה אויף זיין צייט. ער האָט משפּיע געווען דעם יונגן לעסינג, דעם יונגן געטע און אַנדערע שרייבער. זיינע שריפטן פלעגט מען אַ סך לייענען און קאָמענטירן. קאָמ־פּאָזיטאָרן האָבן געשאַפן מוזיק צו זיינע פּאָעמען און זיי פלעגן געזונגען ווערן, ווי פּאָלקס־געזאַנגען. אויך בעטהאָווען האָט, אין זיינע ערשטע ווינער יאָרן, געזוכט אינספּיראַציע ביי דער מאָראַליש־רעליגיעזער שירה פון געלערט!

אין יענע לייפּציקער יאָרן, איז דער יונגער נעפּע געוואָרן אַן „אויפ־קלערער״; אַ פייערדיקער חסיד פון די נייע אידעען איז ער געוואָרן. צו יענער צייט פלעגט ער שאַפן מוזיק צו די אָדעס פון דעם דייטשן פּאָעט, קלאָפּשטאָק, וואָס האָט געצאָרנט אין איינער פון זיינע פּאָעמען:

„ווער ווערט נישט פון אַ צאָרנדיק געפיל פון מיטלייד פאַרכאַפּט,
ווען מען זעט, ווי אונזער פעבל
דאָס פאָלק פון כנען פאַר אויס מענטשן מאַכט!
דערפאַר, ווייל אונזערע פירשטן
האָבן זיי אין קייטן געשמידט,
דערפאַר האָסטו פאַר זיי קיין מיטלייד נישט?!״.

(פרייע איבערזעצונג — פ.)

אגב, האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערע קאָנסטיטואַנטע אין פּאַריז באַערט דעם דייטשן פּאָעט — קלאָפּשטאָק, מיטן ערן־טיטל פון אַ פראַנ־צויזישן בירגער, מחמת ער האָט פייערלעך באַגריסט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

ווי די צאָלרייכע געלערנטע און קינסטלער פון זיין צייט, איז אויך נעפע געווען אַ מאַסאָנער. ער פלעגט נאָך אין לייפּציק קאָמפּאָנירן לידער פאַר די מאַסאָנען־לאָזשעס. ווען ער איז אָנגעקומען, אַלס מוזיקער, אויפן פירשטלעכן הויף אין באָן, האָט ער דאָ גלייך געהאָלפן שאַפן די א. ג. „אילומינאַטן״ — אַ מאַסאָנען־לאָזשע פון די ראַדיקאַלסטע אין גאַנץ דייטשלאַנד.

אין דער אָפּגעשלאָסענער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, אַן איינגעטיילטע אין פאַרמאַכטע סאָציאַלע שטאַנדן, איז די מאַסאָנען־לאָזשע דער איינ־ציקער צונויפבונד פון מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן. בשעתו, איז דאָס אָנגעהערן צו דער מאַסאָנעריע באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ מרידה קעגן דער הערשנדיקער פעאָדאַלער אָרדנונג און איר פירונג.

אַוודאי, אויך דער עסטרייכישער קרוין־פּרינץ, דער קונפּטיקער יאָזעף דער צווייטער, אויך ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ מאַסאָנען־לאָזשע. ער האָט אַפילו געחלומט וועגן רעפאָרמען, וואָס זאָלן לויזער מאַכן דעם דרוק פון פעאָדאַליזם אין זיין אימפּעריע.

פאַראַן אָבער אַ וועזנטלעכער אונטערשיד אין דער מאָטיוואַציע ביים מאַסאָנישן קרוין־פּרינץ און דעם מאַסאָנישן שניידער־זון — ק. ג. נעפע.

נעפע איז טאַקע אַ מענטש מיט טאַלאַנט און בילדונג. אָבער, וואָס פאַראַ ווערט האָט ער, דער שניידער־זון, אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, אויב זיינע מעלות געבן אים נישט די רעכטן צו ווערן באַטראַכט פאַר אַ מענטש, ווי ס׳געהערט צו זיין?

זיין אָנגעהערן צו אַ מאַסאָנען־לאָזשע, דערצו נאָך אַ ראַדיקאַלער, באַטראַכט דער טאַלאַנטפולער שניידער־זון פאַר אַ מין מיטל צו אַ ישועה. פאַר אים איז דאָס דער וועג צו דער פולשטענדיקער סאָציאַלער באַנייאונג. ווייל נאָר די באַנייאונג — טראַכט ק. ג. נעפע — וועט אָפּשאַפן ביים מענטשלעכן מין אַלע גרענעצן און דערמעגלעכן אים דעם מעמד פון אַ פרייען, גלייכבאַרעכטיקטן מענטש אויף דער וועלט.

די „אילומינאַטן״ אין באָן זענען געווען אַן ענג־צונויפגעפּלאָכטענע גרופּע. געהערט האָבן צו איר עטלעכע העכערע באַאַמטע, אייניקע אינ־טעלעקטואַלן, אַפילו אַ גייסטלעכער, און אייניקע מוזיקער — מיטגלידער פון דער פירשטלעכער קאַפּעלע.

דער קאָנסערוואַטיווער עולם אין שטאָט האָט די לאָזשע־מיטגלידער באַטראַכט פאַר אַטעאיסטן, גאָט־לעסטערער און מורדי במלכות — רחמנא לצלן! אין תוך, זענען זיי גאַרנישט געווען אַזעלכע שטאַרקע גאָט־לעסטערער. פאַרקערט. זיי זענען שוין דווקא געווען רעליגיעזע פרומע מענטשן, נאָר נישט לויטן סקאַרבאָווע נוסח.

די סטאַטוטן פון דער לאָזשע האָבן פון אירע מיטגלידער פאַרלאַנגט: „ליבע און מיטלייד צו אַלע מענטשן! טוגנט און ערלעכקייט".

„...ווער ס׳פאַרלאַנגט דרך ארץ פאַר זיך, מוז קענען דעם צווייטן קודם כל, באַגעגענען מיט דרך ארץ און אכטונג" — ווערט געפּרעדיקט אין די סטאַטוטן פון דער לאָזשע. און ווייטער ווערט געזאָגט — „מענטשלעכקייט פאָדערט צו זען דאָס גוטע, אַפילו ביי שונאים; דאָס גוטע טאָר, אין נאָמען פון ערלעכקייט, נישט פאַרהוילט ווערן. דעם מענטש דאַרף מען אורטיילן, נישט לויט זיין איינמאָליקער האַנדלונג, וואָס איז אין תוך אַ רעזולטאַט פון באַדינגונגען, נייערט לויט זיין פולער פּערסאָנאַליטעט" (1).

די לאָזשע האָט פון אירע מיטגלידער פאַרלאַנגט צו „פאַרשפּרייטן וויסן; אָפּוואַרפן פאַראורטיילן און, דער עיקר, דערהויבן דעם אייגענעם מאָראַלישן ניוואָ".

איז דערפון געדרונגען, אַז בכדי צו ווערן אַ מיטגליד ביי די „אילומינאַטן" האָט מען געמוזט זיין אַ מענטש מיט מעלות. נעפע, דער מורה דרך פון בעטהאָווען, איז טאַקע געווען אַזאַ מענטש! ער איז געווען אַ מענטש מיט זעלטענע מעלות.

אָט, אַ שטייגער; ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר דער געהיימער זיצונג פון דער לאָזשע, און איר פאַרגעלייגט די קאַנדידאַטור זיינע פאַר

1. Alfred Becker, Christian Gottlob Neffe und die Bonner Illuminaten.

אַ מיטגליד: ווען דער לאָזשע־עלטסטער האָט געוואָרפן די טראַדיציאָנעלע פראַגע:

„ווער איז דער פרעמדער?".

האָט נעפע שטאָלץ אַ דערלאַנג געגעבן די תשובה:

„איך בין אַ פרייער מענטש!".

„אַ פרייער מענטש" צו זיין אין יענע באַדינגונגען, איז דער פירוש געווען — פריי זיין פון דער פינצטערער ירושה פון דורות.

און ווען מען האָט אים אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי זעט ער דעם צוועק פון דער לאָזשע? האָט נעפע געענטפערט:

„דערציען דעם מענטש צו פאַרבינדונג מיט גאָט און נאַטור, און דער עיקר — אַ קאַמף פירן פאַר דער פולער אָנווענדונג פון מענטשן־רעכט, אַנטקעגנשטעלן זיך יעדן געזעלשאַפטלעכן דרוק, דערלאַנגען הילף דעם אומגליקלעכן בן אדם און פלעגן מידות טובות".

נעפע ווערט דורך זיינע פריינט מאַסאָנען געשילדערט ווי אַ מענטש פון זעלטענער ערלעכקייט און לאָיאַליטעט.

„ביים ווייטסטן שיין פון דעספּאָטיזם, פלעגט ער זיך אויפקאָכן אין העלע פלאַמען" — דערציילט זיינער אַ חבר פון דער לאָזשע.

ווען ס'איז געווען נויטיק, האָט ער נישט מורא געהאַט צו שווימען קעגן שטראָם, און אַפילו איינשטעלן זיין אייגענע פערזאָן. אַט, למשל, האָט ער אין אַ בייסיקער סאַטירע, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט אין באָן, אויסגעלאַכט דעם מעכטיקן מיניסטער פאָן בעלדערבוש. ער האָט אַ רגע אַפילו נישט געטראַכט, אַז די מעשה קען אים אַמאָל קאָסטן טייער...

נעפע איז געווען אַ פּשוטער און באַשיידענער מענטש. ער האָט פיינט געהאַט צו שטופּן זיך אין די הויכע פענצטער, כאָטש זיין פּרנסה האָט דאָס בפירוש פאַרלאַנגט. ער איז געווען אַ שונא לחניפה ולרכילה. אין זיינע צייטן דווקא איז חניפה געווען אָן אויסגעפּרוּווטער כלי זין ביי די הויף־קינסטלער. זיי פלעגן דערמיט פאַרטיידיקן זייער שטיקל ברויט. זיין ברויט האָט נעפע פאַרטיידיקט מיט זיין טאַלאַנט און מיט זיין ברייטן וויסן; זיין מענטשלעכקייט האָט אַרויסגערופן צו אים דרך ארץ. כאָטש אין באָן איז ער געווען נישט לאַנג אַ תושב און דאָך, איז ער גלייך חשוב געוואָרן אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ און ביי אַלע פאַרגעשריטענע דייטשן.

צו נעפע אויף דער לער, איז בעטהאָון אָנגעקומען ווי אַ קינד פון צען־עלף יאָר. דער רבי האָט זיך דאָ גלייך אַרויסגעוויזן פאַר אַ באַזונ־דערס אָריגינעלן פעדאַגאָג; שוין גאָרנישט לויטן שטייגער פון יענע צייטן.

נעפע איז נישט געווען יוצא מיט איבערגעבן דעם תלמיד די גרויסע מוזיקאַלישע פּראַקטיק זיינע, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן. ער האָט אויך געשטרעבט צו פורעמען דעם מענטשלעכן פּראָפיל פון קינד; משפיע זיין דעם מאָראַלישן כאַראַקטער זיינעם — האָט ער גע־וואָלט. זיין איינפלוס אויף בעטהאָוונס מאָראַלישע אַנטוויקלונג איז בעצם באַשטאַנען אין אָנוויזן אים אַ וועג אין די מענטשלעכע נויטן. אוודאי האָט ער אים אויסגעטרעטן אַ וועג „פאַר זיין בילדונג און מוזיקאַלישער אויסשולונג". ער איז אָבער פאַר בעטהאָוונען נישט געווען בלויז נאָר דער טיכטיקער און דערפאַרענער מוזיק־לערער — זאָגט ל. שידערמאַיר — ער איז פאַר אים געווען, קודם כל, די פולקאָמע און קוואַליפיצירטע פערזענלעכקייט, וואָס „האָט באַוויזן אויפצוקניפּן דעם קנויל, אַז דאָס אינערלעכע לעבן פון יינגל זאָל חלילה נישט פאַרלוירן גיין"(1).

מאַכן פון אים אַ הויך מאָראַלישן מענטש האָט נעפע געוואָלט. און ער האָט דאָס דערגרייכט. אין בעטהאָוונס מוזיק „הילכט אָפּ דער קאַמף פון דעם מאָראַלישן מענטש קעגן די כוחות פון שלעכטס" — זאָגט אַ פראַנצויזישע מוזיק־קריטיקערין.

איז, ווי אַזוי האָט זיך דער רבי נוהג געווען מיט זיין תלמיד?

ראשית כל, האָט ער געזאָרגט, אַז צווישן זיי ביידן, זאָל הערשן אַ קלימאַט פון פריינטשאַפט און ברודערשאַפט; דאָס איז דער סטיל פון מאַסאָנען, אַפילו לגבי קינדער.

גאַנץ שנעל האָט זיך בין רבי ותלמיד איינגעשטעלט אַ זעלטענע נאָענטקייט. ביי אַן אַטמאָספערע פון פאַמיליאַלער וואַרעמקייט און ליב־שאַפט, האָט נעפע גענומען אַריינברענגען אין דעם יונגן בעטהאָון אַ פּרינ־ציפּ, וואָס איז פאַקטיש געווען דער יסוד פון זיין אייגענעם לעבן. בשעת ער האָט אים אַנטפּלעקט די סודות פון דער סטרוקטורעלער מוזיק פון

1. Ludwig Schiedermair, Der junge Beethoven.

באַך, האָט ער אים, איינוועגס, געלערנט, אַז קינסטלער און מענטש — דאָס מוז זיין אַן אַבסאָלוטער און אוצערייסבאַרער אחד!

און ווען דער תלמיד האָט שוין געהאַט באַנומען די דאָזיקע פונדאַ־מענטאַלע תורה, האָט אים יעצט נעפע מסביר געווען די מענטשלעכע סביבה מיט אירע מאָדנע געזעצן. זיין הומאַניסטישער מורה דרך האָט דעם קליינעם געלערנט, אַז די מענטשלעכע אָרעמקייט און אומגליק־לעכקייט איז גאָרנישט קיין חוק מהר סיני, נייערט אַן אַקט קעגן דער נאַטור, איינגעפירט אין דער געזעלשאַפט דורך די „שלעכטע פּרינצן", וואָס „מען דאַרף האַסן נאָך מער ווי גזלנים!".

דער זאָג וועגן די „שלעכטע פּרינצן", וואָס געפינט זיך ווערטלעך אין דער „אויטאָביאָגראַפיע" פון בעטהאָווענס מורה דרך, קלערט שוין אויף נעפעס באַציאונג צום געזעלשאַפטלעכן סדר פון זיין צייט. בתכלית השינאה, האָט ער זיי פיינט געהאַט, די אומיושרדיקע ברוטאַלע הערשער.

בעטהאָווען וועט די דאָזיקע ווערטער פון זיין לערער קיינמאָל נישט פאַרגעסן; ער וועט דאָס דער עיקר געדענקען, ווען אים וועט אויסקומען צו שטיין פנים לפנים מיט די פּני פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט אין ווין. בעת זיינע באַציאונגען מיט די פאַרריסענע פּרינצן און באַראָנען, ווען ער וועט זיך אָנשלאָגן אין דער קאַטעגאָרישער קעגנערשאַפט פון דעם קייזערלעכן הויף, וועט ער נישט איין מאָל טראַכטן — אַז גערעכט איז געווען זיין גרויסער רבי, בעת ער האָט געזאָגט, אַז שלעכטע פּרינצן זענען פיל ערגער ווי גזלנים, אַז זיי דאַרף מען האַסן!

ווען מען גיט זיך אַ דערמאָן, ווי בעטהאָווען איז שאַרף געווען מיט פאַרשידענע חוצפהדיקע אַריסטאָקראַטן און בעלי הפּותיקא, פאַרשטייט מען יעצט, אַז נעפעס תורה איז דעם תלמיד גוט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין.

נעפע וועט אין דעם שילער זיינעם אַריינברענגען נאָך אַ וויכטיקן פּרינציפּ: דער אָ פּרינציפּ וועט ווערן בעטהאָווענס אני מאמין אויפן גאַנצן לעבן.

מענטשן, האָט נעפע געלערנט, דאַרף מען צווישן זיך, ווי ווייט מעג־לעך, דערנענטערן, זיי פירן צו אחדות; ווייל די געזעלשאַפטלעכע טיילונגען

טוען מענטשן אָפּפּרעמדן, צעשיידן און פירן — בסוף — צו שנאה בין אדם לחבריו.

ווען בעטהאָוון וועט אויספּיבערן ביים סוף פון זיין לעבן דעם כּאָראַלן טייל פון זיין „ניינטער", ווען ער וועט דערגיין צו דעם — „זייט געאָרעמט מיליאָנען!", וועט ער אוודאי טראַכטן ביי זיך, אַז דאָס וואָס שילער האָט אַזוי שטורמיש געזונגען, האָט דאָך זיין טייערער, גוטער רבי מיט אים געלאָסן איינגעטענהט, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען.

דאָרט, אין דעם באַשיידענעם ווינקל, ביי זיין מורה דרך ק. ג. נעפע, דאָרט איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער פונק פון בעטהאָווענס הומאַניסטישן בליק אויפן לעבן.

נעפע זעט מיר אויס צו זיין אַ חסיד פון לעסינגס געדאַנק, אַז „יעדע מלוכה־פאָרם, וואָס גיט הבטחות אויף גליק, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּשוטע טיראַניע, אויב זי באַנוצט זיך דערצו מיט מענטשלעכע ליידן — זאָל דאָס זיין אַפילו אין דער מינימאַלסטער מאָס" (1).

ווי געזאָגט, האָט נעפע פיינט געהאַט פּרינצן, וואָס טיילן און הערשן. אין דער זעלבער מאָס, האָט ער אויך פיינט געהאַט די קירכע־באַלעבאַטים, די פאַרשפּרייטער פון חשכות. דערפאַר האָט ער אַריינגעבערענגט אין דעם קליינעם לודוויק אַ שנאה צו די פרומע קעץ, וואָס טוען אין נאָמען פון גאָט זייען האָס צום אַנדערש־גלויביקן בן אדם. לאָמיר נישט פאַרגעסן — נעפע איז אַ מענטש פון דעם 18־טן יאָרהונדערט. די „ליכט"־פילאָזאָפן פון זיין צייט האָבן אים געלערנט, אַז דער מענטש איז, פון דער נאַטור אויס, אַ גוטער און ערלעכער; אַ פרידלעך וועזן. די דאָזיקע איבערצייגונג האָט נעפע אַריינגעבערענגט אין זיין תלמיד.

נעפע האָט איינגעקנעלט מיטן יינגל, אַז דער מענטש איז נישט קיין באַשעפעניש, וואָס ווער ס'האָט נאָר אַ פאָר שטאַרקע פיס זאָל מעגן אויף אים טרעטן. פאַרקערט. אין זכות פון זיין געטלעכן פונק, איז דעם מענטש דערלויבט וועלטן צו באַשאַפן! די ערד — האָט ער געלערנט — האָט גאָט באַשאַפן פאַר אַלע; זי איז געגעבן געוואָרן דעם גאַנצן מענטשלעכן מין — אָן אונטערשידן. און דאָ, אויף אַלעמענס ערד טאַקע, איז

1. לעסינג, „מאַסאָנישע דיאַלאָגן".

מחויב דער מענטש, אין אַ פּריינטשאַפטלעכער אחדות פון פרייע און גלייכע וועזנס, פאַרמעסטן זיך, אין דער יצירה, מיטן בורא עולם אַליין.

ס'וואָלט געווען, חס ושלום, אַ טעות צו טראַכטן, אַז נעפע איז געווען אַן אַנטי־רעליגיעזער מענטש ; אַז ער האָט דעם קליינעם תלמיד זיינעם געלערנט נישט גלויבן אין גאָט. ניין! נעפע איז נישט געווען אַנטי־רעליגיעז. זיין גלויבן האָט ער נאָר געבויט אויפן שכל הישר, און דערפאַר בלויז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון קלער.

„נעפע איז ביי דער מיינונג, אַז אויפן גרונט פון ערשטן קריסטנטום האָבן די אויסנוצערס אויפגעשטעלט אַ געביידע פון אומזין, שטות, אייגננוץ און פאַראורטייל. באַלד איז געקומען אַ גלחים־טיראַניע, וואָס האָט גענומען גיין, האַנט ביי האַנט, מיטן דעספּאָטיזם פון די פירשטן. און דאָס אַלץ אויפן חשבון פון דעם אָרעמען מענטשן און זיין ווירדע. דער ריינער אמת איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען. אין געהיים האָבן אים די וויניקע אויסגעהיטן און דאָס אַלע מאָל אונטער אַנדערע נעמען" (1).

ק. ג. נעפע באַטראַכט זיך פאַר איינעם פון די אַ וויניקע ; פאַר איינעם פון די, וואָס האָבן די זכיה אָפּצוהיטן דאָס פלעמל פון אמת. און ער האַלט פאַר זיין חוב, דעם דאָזיקן אמת איבערצוגעבן צו זיין תלמיד, כדי אויך ער זאָל ווערן אַ ריטער פון אמת און ליכט!

ווי אַ ראַציאָנאַליסט, האָט נעפע, אין דעם קליינעם שילער איינגע־פלאַנצט „די פרייד און האָפנונג פון אַ שכלדיקן קריסט", וואָס באַציט זיך טאָלעראַנט און מיט דרך ארץ צו יעדן אַנדערש־גלויביקן מענטשן. ער האָט דעם קליינעם לודוויק דערצויגן צו פירן אַן ערלעך לעבן פון „מעשים טובים". ער האָט אים אַנגעזאָגט מכבד צו זיין דעם ואהבת לרעך

נעפע איז געווען אַ דם שונא דעם צביעות ; ער האָט נישט פאַר־טראָגן די תפילהדיקע הענט, וואָס פלעגן זיך הויבן מיט כוונה צו די

1. אַלפרעד בעקער, דאָרט.

הימלען, בעת זייער טבע איז געווען ביילן פויסטן אויפן בעוולטן און דערנידעריקטן מענטשן. ער האָט פיינט געהאַט דעם דיסאָנאַנס צווישן וואָרט און טאַט, וואָס האָט אַזוי העסלעך געגרילצט אין דער קירכע. אים האָט געעקלט דער יראת שמים פון די יעניקע, וואָס האָבן קיין דרך ארץ נישט פאַרן בן־אדם בצלם אלוהים. די דאָזיקע שנאה צו דער אָפיציעלער קירכע, דער צביעותדיקער, איז פון נעפּע אַריבער צו בעטהאָווענען, און זי האָט אים אַזוי באַגלייט בשעת זיין גאַנצן לעבן.

דעם תלמיד זיינעם, האָט דער רבי געהאָדעוועט מיט אַ לעבנס־עליקסיר, וואָס גיט אַרויס ריינע און ערלעכע מענטשן — מענטשן דרייסטע און שטאָלצע, וואָס זענען שטענדיק פּעאיק אויסצובייל̈ן אַ פויסט קעגן יעטוועדער אומגערעכטיקייט, מענטשן גרייטע אַ פעסטן געשריי צו טאָן — ניין! — ווען דער כבוד פון מענטש איז אין געפאַר!

נעפּע איז אויך אַ קעגנער געווען פון דעם ענגן נאַציאָנאַליזם. אין דעם זינען, איז ער געגאַנגען אין פוסטריט פון זיין גרויסן און באַליבטן באַך. דערפאַר, האָט ער דעם קליינעם לודוויק געלערנט פאַרשטיין די גרויסע מייסטער פון פראַנקרייך און איטאַליע. דעם רבינס תורה האָט בעטהאָווען גוט פאַרגעדענקט. ער האָט אַפילו געמאַכט אַ טריט ווייטער און דאָס שוין — אונטער אַ שפּעטערדיקן איינפלוס פון דייטשן שרייבער און דענקער — הערדער; בעטהאָווען האָט זיך פאַרנומען מיטן פאָלקלאָר פון פאַרשידענע פעלקער. ער האָט אַפילו יידישע ליטורגישע מוזיק שטודירט.

דאָס זענען די תורות, וואָס דער שניידער־זון נעפּע, דער מאַסאָנער, האָט דערלאַנגט צו זיין תלמיד, דעם קינד פון דורות הכנעהדיקע הויף־מוזיקער. דער שאַרפער טעם פון נעפּעס רייד האָט זיך איינגעגעסן אינעם פילבאַרן קינד. אין זיין באַוווסטזיין האָבן נעפּעס רייד איבערגעלאָזט סימנים נישט צו פאַרווישן. דער אויסקלאַנג פון רבינס ווערטער לאָזט זיך הערן אין בעטהאָווענס בריוו, נאָטיצן, אין די בעל־פה־רייד זיינע, איבערגעגעבן פון פריינט און באַקאַנטע — און דער עיקר — אין די אַקאָרדן פון זיין הערלעכער מוזיק.

ווען בעטהאָווען וועט אינעם בין־השמשות פון זיין פיינלעכן לעבן זיצן

**און שרייבן זיין צוואה־ווערק — די „9־טע", וועט אים מסתמא קאַפּויער קומען זיין קינדהייט. ער וועט זיך דערמאָנען אין די רייד פון זיין גוטן רבין, וואָס האָט געלערנט:**

„בן אדם! זוכן זאָלסטו גיין גליק אין פאַרבינדונג מיט מענטש און גאָט!".

**מעגלעך, אַז אין דעם מאָמענט האָט ביי בעטהאָווענען אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק, אַז יעצט איז געקומען די צייט מקיים צו זיין דעם יאָרן־לאַנגן טרוים זיינעם — זיך מתיחד זיין מיט שילערן. און ער וועט אַרויפנעמען אויף זיין שעפערישן וואַרשטאַט שילערס אָדע „צו דער פרייד".**

**נעפע, דער מורה־דרך פון בעטהאָווען, וואָס האָט מיט דער זעלבער ליידנשאַפט אַרומגענומען לעבן און קונסט, ער האָט פאַר זיין שילער, מחוץ אַלע תורות, געעפנט אַ ברייטן האָריזאָנט פון וויסן. ער האָט אים דערלאַנגט אַפּעטיט צו פאַרטיפן זיך אין אַ בוך און שטודירן. מיר דאַרפן וויסן, אַז אַ מעטאָדישע גרויסע בילדונג האָט בעטהאָווען ביי זיין טאַטן, נישט באַקומען. נעפע האָט, דער ערשטער,ביים ייִנגל דערוועקט חשק צו וועלן פאַרשטיין דעם מענטש, די סביבה און די וועלט.**

„פון קינדהייט אָן, האָב איך געשטרעבט צו באַקענען דאָס בעסערע און דאָס שענער פון יעדן צייט־עלטער" — האָט בעטהאָווען געשריבן אין אַ בריוו צו זיין פאַרלעגער ברייטקאָפּף, דעם 2־טן נאָוועמבער 1809.

**אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי גיריק ער פלעגט שלינגען ביכער, האָט ער זיך אַפילו באַרימט פאַר אַ פריינט, אַז**

„ס'איז גאָרנישט געווען אַזאַ בוך — אין זיינע יונגע יאָרן — וואָס זאָל האָבן געווען פאַר מיר שווער צו פאַרשטיין".

**דאָס אַלץ — קענען מיר זאָגן — האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין וווּנדערבאַרן רבין און מורה־דרך — ק. ג. נעפע.**

נעפע, זאָגט לודוויק שידערמאַיר, דער מחבר פון בוך „דער יונגער בעטהאָווען״, האָט אין דעם תלמיד זיינעם אָנגעצונדן פונקען, האָבן זיי זיך מער קיינמאָל נישט פאַרלאָשן. נעפע, איז פאַר זיין שילער געווען דער אָנווייזער און אָנרעגער צו בילדונג; דער בעל־יועץ און מענטאָר אין ענינים פון קונסט, ווי אויך אין אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען; דער וועגווייזער אין זיינע קולטורעלע הצטרכותן און ליטעראַרישע געשמאַקן. יונגערהייט האָט ער אים אַריינגעפירט אין דער ספערע פון דער דעמאָלט־דיקער מאָראַל און אויפקלערונגס־פילאָזאָפיע, און געשטעלט אים אויף די פיס, בכדי ער זאָל ווערן אַ מענטש!

גלייך נאָך זיינע ערשטע דערפאָלגן אין ווין — אין יאָר 1793 — שרייבט בעטהאָווען צו נעפע די פאָלגנדע רייד:

„...איך זאָג אייך אַ דאַנק פאַר אייערע עצות, זייער אָפט האָבן זיי מיך אונטערגעהאַלטן בשעת מיין פאַראויסגאַנג אין דער געטלעכער קונסט מיינער. אויב וועל איך אַמאָל אַ גרויסער מענטש, האָט איר אין דערין אַ חלק. דאָס וועט אייך זיכער פרייען. איר מעגט זיין זיכער אין מיין צוקונפט״.

ביים לייענען דעם תלמידס בריוול, איז דער האַרציקער און גוטער נעפע געווען אַזוי גערירט, אַז פון גרויס גליק, האָט ער גענומען און אָפּגעדריקט דעם בריוו אין אַ צייטונג.

אַז זיין יונגער שילער וועט אַמאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש, דאָס האָט שוין נעפע געוווּסט, ווען ער האָט גענומען דאָס ייִנגל אין די הענט אַריין. שוין אין 1783 האָט ער, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ צו דעם „מאַגאַזין דער מוזיק״, געשריבן וועגן זיין תלמיד אותיות ומופתים:

„דער דאָזיקער יונגער גאון פאַרדינט אונטערשטיצונג. — האָט נעפע פאַרענדיקט זיין באַריכט — ער דאַרף אָנהויבן רייזן. אויב זעצט ער פאָר, ווי ער האָט אָנגעהויבן, וועט ער געוויס אויס־וואַקסן אַ צווייטער וואָלפגאַנג אַמאַדעוס מאָצאַרט״ (1).

1. F. Kerst, Die Erinnerungen an Beethoven, B. 1. S. 13.

אַ וויכטיקער קוואַל צו שעפּן „דאָס בעסערע און שענערע" אין באַן, איז פֿאַרן יונגן לודוויק געווען דאָס הויז פֿון די ברוינינגס.

געקומען איז ער דאָ אין דעם עלטער פֿון 12 יאָר, געוואָרן אַ לערער פֿון קלאַוויר־שפּיל, און אַזוי איז ער שוין דאָ פֿאַרבליבן, אַן אייגענער, קאָרגע 10 יאָר, ביז צו זיין דעפֿיניטיוון אָפּפֿאָר קיין ווין.

אינעם הויז פֿון דער נאָבעלער מאַדאַם ברוינינג האָט זיך אָנגעוואָרעמט בעטהאָווענס קינדערשע איינזאַמקייט. מיט איר קלוגן בליק, האָט די אידעלע פֿרוי ברוינינג אַדורכגעדרונגען דאָס געמיט פֿונעם יינגל און אַנטפּלעקט ביי אים טונקעלע שאַטנס פֿון טרויער. עפּעס פּלעגט זי מערקן ביים קליינעם לודוויק פּלוצימדיקע צושטאַנדן פֿון שוויגן; זיי האָבן פֿאַרמאָגט אַלע סימנים פֿון מעלאַנכאָליע. איר האָט נישט געפֿאַלן זיין כעסיקער כאַראַקטער. אַ טבע האָט דאָס בחורל געהאַט, פֿאַר אַ יאָ און פֿאַר אַ ניין, פּלעגט ער זיך אָנצינדן מיט אַ העליש פֿייער. אמת, דער פֿלאַם איז אייביק געווען אַ שטרויענער; לאַנג האָט ער נישט אָנגעטריבן. באַלד איז דאָס יינגל ווייך געוואָרן ווי פּוטער, געחלשט מען זאָל אים מוחל זיין. די קינדער האָבן דאָס אָבער נישט פֿאַרטראָגן, און דער קליינער בעטהאָווען פּלעגט האָבן צרות ביי פֿריינטשאַפֿטלעכע באַציאונגען מיט זיינס גלייכן.

האָט אים די פֿרוי ברוינינג געהאָלפֿן צוזאַמענלעבן מיטן יונגוואַרג. זי איז געווען די אייביקע אויסגלייכערין, די פֿאַרגלעטערין; די גוטע פֿעיע, וואָס קען, ווי מיט אַ מאַגיש שטעקעלע, מיט איין וואָרט, מיט איין מוטערלעכן זשעסט, באַרואיקן די צעהיצטע געמיטער און איינשטעלן אַ שלום. ווי מען גלייבט, האָט די האַרציקע פֿרוי געזוכט צו פֿאַרלאַטען דעם נשמה־ריס ביים יונגן בעטהאָווען. זי האָט שוין געוווּסט, ווי אַזוי אים צו האַמעווען, ווי אַזוי צו שלייפֿן זיין כאַראַקטער, פֿאַלירן זיין באַנעמונג, אַרויסהויבן זיין נאַטירלעכע ווייכקייט. זי האָט אים געלערנט די חכמה פֿון זיך באַהערשן, פֿון אָנשלאָגן אין אַ טאַקטישן טאָן.

זי האָט אויך געוווּסט, ווי אַזוי מיט אים אָנצופֿירן ביים אָנקניפּן נייע באַקאַנטשאַפֿטן; און געמאַכט האָט זי דאָס מיט אַזוי פֿיל טאַקט, אַז דאָס יינגל האָט צומאָל נישט באַמערקט איר איינפֿלוס. זי האָט אים צוריקגעהאַלטן פֿון די אַלע פּוסטע אויסלויבערס פֿון זיין טאַלאַנט, וואָס וואָלטן אים לייכט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ און אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג.

נאָר נישט איבערנעמען זיך מיט די זעלטענע פעאיקייטן זיינע — האָט זי אים געלערנט. נישט צו פרי זיך באַטראַכטן פאַר אַ גרויסן קינסטלער. דווקא אָן אויער צולייגן צו די יעניקע, וואָס לערנען, אַז דורך אַרבעט בלויז ווערט פון אַ יונגן טאַלאַנט — אַ מייסטער.

די טייערע, גוטע מאַדאַם ברויינינג איז געווען בעטהאָווענס „שוץ מלאך" — אַזוי פלעגט ער זי רופן, דער גאון פון באָן, בשעת זיינע דערמאָנונגען אין ווין. אינעם הויז פון די ברויינינגס האָט דער קליינער לודוויק אָפּגעפונען די וואַרעמקייט פון אַ משפחה־נעסט, און דאָס גליק פון צו זיין אַ קינד. ער פלעגט דאָ פאַרברענגען גאַנצע טעג; אָפּטמאָל אַפילו בלייבן שלאָפן.

די ברויינינג־היים איז געווען אָנגעפילט מיט אַזוי פיל פרייד און הייטערקייט. געהערשט האָט דאָ אַ נישט געצוווּנגענער טאָן, אַ געביל־דעטער.ביידע זין, אין בעטהאָווענס עלטער, ייִנגלעך מיט דיכטערישע פעאיקייטן, האָבן געשריבן קליינע פּאָעמען. בעטהאָווענס ערשטע אויס־ברוכן פון פרייד און הייטערקייט זענען געבוירן געוואָרן דאָ יעצט, אין דער משפחה פון די ברויינינגס.

פון אָנפאַנגס איז דער קליינער לודוויק, אין דעם קרייז פון די ברויינינגס, געווען מער דער אויפגענומענער, ווי דער וואָס דערלאַנגט עפּעס פון זיך אַליין. באַלד אָבער, האָט ער זיך גענומען צום קלאַוויר און גענומען אימפּראָוויזירן גאַנצע נעכט. דאָ, אין דעם דאָזיקן קרייז, האָט ער פאַרגעשטעלט זיינע קאָמפּאָזיציע־פּרווון, אויסגעהערט מבינות, און נאָך קריטישע באַמערקונגען, זיי פאַרבעסערט.

מען האָט זיך דאָ שנעל דערקענט אויף זיין טאַלאַנט!

דאָ איז ער, דער „קינסטלער", אויך געוואָרן אַ מענטש. ער האָט זיך דאָ אויסגעלערנט די תורה פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, געלערנט, ווי אַזוי זיך אויפצופירן צווישן לייטישע מענטשן; ער האָט געלערנט העפ־לעכקייט און בכלל אַלע אומגאַנגס־פאָרמען פון אַ בעסערן מענטשלעכן קרייז. אַ באַגריף האָט ער אויך דאָ באַקומען וועגן דעם א. ג. פריינטשאַפט־אידעאַל, וואָס האָט, אין יענע צייטן, געמאַכט וויברירן די הערצער פון מענער און פרויען פון בעסערן גייסט.

דאָס ביסל מזל פון בעטהאָווענען האָט געוואָלט, ער זאָל ביי די

ברויינינגס, מחוץ דער האַרציקער אַטמאָספערע פון אַ פאַמיליע, געפינען אויך אַ גייסטיקן קלימאַט, וואָס זאָל באַגינסטיקן זיין אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. דאָ, אין זיין נייער היים, האָבן אַ המשך געפונען אַלע ליכטיקע תורות, וואָס נעפע האָט מיט אים איינגעקנעלט.

וואָס אַזעלכעס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס הויז פון די ברויינינגס?

נאָכן טויט פון דעם נאָבעלן און פאַרגעשריטענעם דר. ברויינינג, אַ העכערער באַאַמטער פון דער פירשטלעכער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז אומגעקומען בעת אַ שריפה אינעם פירשטלעכן שלאָס — האָט די אלמנה, אַליין אַ הויך־קולטיווירטע פרוי, באַשלאָסן ממשיך צו זיין די מידה פון הכנסת אורחים פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. אַ דאַנק איר קולטור, הכמה, און שאַרם פון אַ טאַקטפולער באַלעבאָסטע, איז איר שטוב געוואָרן דער צענטער פון דער עליטע אין באָן — אַ מין סאַלאָן לויטן דעמאָלטדיקן פאַריזער שטייגער.

דאָ האָבן זיך צונויפגעטראָפן שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער; אַלץ מענטשן מיט בילדונג און מיט פאַרגעשריטענע אידעען. מען פלעגט דאָ פאַרברענגען ביי אַ שמועס וועגן עניני דיומא, ווי אויך באַהאַנדלען פראָבלעמען פון ליטעראַטור און קונסט. און ווי דער שטייגער צו יענע צייטן, פלעגט מען, ביי די ברויינינגס, הערן אַ סך מוזיק.

דער יונגער לודוויק האָט אין דעם דאָזיקן קרייז באַגעגנט מענטשן, וואָס האָבן אים געעפנט די אויגן אויף דער וועלט. אַ דאַנק זיי, האָבן די נייע אידעען, וואָס האָבן געפאַנעוועט אין סאַלאָן, גענומען דערלאַנגען צו דעם אינטעלעקטועל וואַכן בחור. אמת, נעפע, אַ היימישער אינעם קרייז פון די ברויינינגס, האָט דעם שילער זיינעם שוין געהאַט דערנענטערט באַצייטנס צו דער נייער דייטשער ליטעראַטור. אין דער נייער היים אָבער, ביים קאָנטאַקט מיט צאָלרייכע שרייבער און קינסטלער, האָבן זיך די קענטענישן פון ייִנגל אויסגעברייטערט און פאַרטיפט.

דער בעל־מחבר פון דער גרונטיקער פאָרשונג וועגן בעטהאָוון, דער אַמעריקאַנער טייער, איז ביי דער מיינונג, אַז לגבי צו זיינע גרויסע פאָרגייער אין דער מוזיק, ווי אַ שטייגער, גלוק, היידן און מאָצאַרט, האָט דווקא דער גאון פון באָן די סאַמע לעבהאַפטע באַציאונגען מיט דער צייט־ליטעראַטור. דעם דאָזיקן בולטן שטריך פון אַ נייעם טיפּ מוזיקער,

האָט געהאַט בעטהאָוון צו פאַרדאַנקען, מחוץ זיין מורה־דרך נעפע — דעם סאַלאָן פון דער מאַדאַם ברויבינג.

פון די ערשטע, וואָס האָבן דאָ, דעם קליינעם לודוויק מקרב געווען, איז מדריך געווען אין די ענינים פון דער יונגער דייטשער ליטעראַטור, איז געווען דער פּראָפעסאָר אויפן אוניווערסיטעט אין באָן, פישעניך; דער זעלבער, וואָס פלעגט פאַרלייענען פאַר זיינע סטודענטן פּאָעמען פון שילערן.

פישעניכן איז דער קליינער לודוויק גלייך געפעלן געוואָרן. ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון אַ בריוו זיינעם צו שילערס פרוי, האָט דער פּראָפעסאָר, ביים ערשטן קאָנטאַקט מיטן בחורל, דערפילט אין אים אַ דרעמלענדיקן פונק פון גאונות. האָט ער טאַקע פאַר אים געעפנט אַנטפּלעקן דעם אידעאישן טעם פון שילערס דיכטונג. ער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף שילערס בונטאַרישן טאָן, אויף דעם רע־וואָלט זיינעם קעגן אַלטן סדר, זיין כעס קעגן דער טיראַניע און רעליגיעזע פאַראורטיילן. פישעניך האָט דעם ייִנגל קלאָר געמאַכט דעם שכל פון שילערס טעאַטער — אַ מין צעיאַכמערטע פּאָליטישע אַרענע, וואָס שטור־רעמט מיט דראַנג צו פרייהייט און מענטשלעכקייט. אַ דאַנק פישעניכס השפּעה, האָט דער קונטיקער שעפער פון דער „9־טער" געעמען טראַכטן, נאָך אין יענע צייטן אין באָן, וועגן אַ מוזיק־שאַפונג צו שילערס „פרייד"־אָדע. דער דאַזיקער געדאַנק וועט אים נישט אָפּלאָזן, ביז ער וועט ביים סוף פון זיין לעבן ענדלעך שאַפן די גרויסע יצירה — די 9־טע סימפאָניע.

ביי די ברוינינגס האָט ער זיך באַקענט מיט די שאַפונגען פון די פאַרגעשריטענע פּאָעטן פון זיין צייט; דאָ האָט ער פאַרטיפט דאָס ווערק פון דעם אוהב ישראל קלאָפּשטאָק, דעם גוטן פריינט פון ר' משה מענ־דעלסזאָן. אַלץ וואָס ער האָט וועגן דעם דאַזיקן פּאָעט געהערט ביי נעפע, האָט ער דאָ יעצט פאַרשטאַנען בעסער. זיין אויפנעם איז דערגאַנגען צו אַ נשמה עמאַציע; קלאָפּשטאָקס דיכטונג האָט אויף אים געמאַכט אַ שאַרפן איינדרוק. דער פּאָעט וועט יאָרן לאַנג זיין בעטהאָווענס אָפּגאָט.

„ער דערהויבט די נשמה" — האָט אַמאָל וועגן קלאָפּשטאָקן, אַ זאָג געטאָן דער מוזיקער.

אין אַ בריוו צו דער ווינער „געזעלשאַפט פון מוזיק־פריינט" (יאַנואַר

1824) האָט דער קאָמפּאָזיטאָר געשטעלט קלאַפּשטאָקן צוזאַמען מיט האָמערן און שילערן; ער באַצייכנט זיי, ווי די „אומשטערבלעכע דיכטער".

דאָ, אין דער היים פון די ברויניגגס, האָט זיך דער יונגער לודוויק באַקענט מיט די שאַפונגען פון דעם יידן־פריינט גליים, וואָס איז געווען, ווי דערמאָנט נעפעס אַ נאָענטער פריינט פון די לייפּציקער יאָרן; מיט די שאַפונגען פון געלערטן, דעם פּראָפעסאָר און פריינט פון זיין רבין — נעפע; מיט די שאַפונגען פון ווילאַנד (1), וואָס האָט געקעמפט פאַר יידישע רעכטן; מיט געטעס „ווערטער" און „געץ פאָן בערליכינגען", און טאָקע מיט די ווערק פון דעם גייסטיקן שייטער — לעסינג — וואָס האָט אויפגערודערט אַ וועלט. זיי אַלע האָבן אויף אים געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, זיי האָבן אים באַווירקט צו מוזיקאַלישער יצירה. ער האָט צו זייערע פּאָעמען, בעת יענעם פּעריאָד אין באָן, און אויך שפּעטער אין ווין, געשאַפן צאָלרייכע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס.

אַז לעסינג איז דעם יונגן מוזיקער אַריין אין דער נשמה איז אַ סימן, קודם־כל, דער העפט לידער, וואָס ער האָט געשאַפן אין באָן. פאַראַן דאָרט מוזיק צו די פּאָעמעס פון לעסינג, געטע, און בירגער (2); — דאָס זענען דיכטער, נאָענטע צו בעטהאָווענס האַרץ(3). (זע ג. קינסקיס ביבליאָגראַפיש ווערק: „דאָס ווערק בעטהאָווענס").

פאַראַן אויך אַ געשפּרעך פון בעטהאָווענען מיט אַ באַזוכער פון דער פרעמד — געווען איז דאָס אין זיינע שפּעטע יאָרן אין ווין — ווייזט אָן דער מוזיקער אויף אַ ריי לעסינגס פּאָעמען, צו וועלכע ער גרייט זיך צו שאַפן מוזיק.

אין די בעטהאָוון־דאָקומענטן, וואָס זענען פאַראַן אין די אַרכיוון פון דער „געזעלשאַפט פון מוזיק־פריינד" אין ווין, געפינט מען אַ פּאַפּיר־בויגן מיט דער אייגן־האַנטיקער פאַרצייכענונג פון קאָמפּאָזיטאָר:

„אייניקע פון לעסינג, דאָס געשפּענסט און אַ דועט".

---

1. 1813 — 1733, דייטשער שרייבער, פּאָעט און זשורנאַליסט. ער האָט איבערגעזעצט שעקספּיר אויף דייטש.

2. 1794 — 1747 — דייטשער פּאָעט.

3. G. Kinsky, Das Werk Beethovens, S. 122.

דאָס איז אַ מין מעמענטאָ, נישט צו פאַרגעסן, מכוח מוזיק צו לעַ־סינגס פּאָעמען.

אַז בעטהאָוון האָט נאָך געלייענט די ביכער פון לעסינג 7 — 6 יאָר פאַר זיין טויט, איז צו זען פון אַ געשפרעך, וואָס מיר געפינען אין די קאָנווערסאַציע־העפטן פון 1820. (ג. פראָד׳האָם, „די קאָנווערסאַציע העפטן פון בעט.״) (1). אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז דאָס געשפרעך בנוגע לעסינגס ביכער קומט פאַר נישט לאַנג נאָך דער בלוטיקער אַנטיסעמי־טישער כוואַליע, וואָס האָט פאַרגאָסן די לענדער פון דייטשלאַנד.

דאָרט אויך, ביי די ברויננגס, האָט דער יונגער בעטהאָוון באַקענט די שאָפּונגען פון הערדער. דער בעטהאָון־פאָרשער, אַדאָלף סאַנדבערג, ווייזט אָן, אַז בעטהאָוון האָט נישט נאָר קאָמפּאָנירט מוזיק צו הערדערס לידער; ער האָט אויך אויפגענומען און אין זיך איינגעזאַפּט דעם דיכטערס אידעען און השקפות.

ל. שידערמאַיר איז ביי דער מיינונג, אַז אויב האָט דער יונגער בעטהאָוון שאַרף רעאַגירט אויף די אַלע אויסגערעכנטע דייטשן דיכטער, איז די סיבה געווען נישט בלויז דער רייץ פון דער דיכטערישער קונסט, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט; פאַר אַלעם האָבן אים באַפליגלט די געפּרע־דיקטע, אין דער דיכטונג, פּאַטעטישע אידעען פון הומאַניזם, פרייהייט און מענטשן־רעכט.

אין סאַלאָן פון דער מאַדאַם ברויננג, האָבן די מאָראַלישע תורות פון זיין רבין נעפע באַקומען פרישע זאַפטן. זיי האָבן זיך דאָ באַקרעפטיקט מיט געדאַנקען פון דעם דייטשן פילאָזאָף עמאַנועל קאַנט. דער יונגער בעטהאָוון האָט זיך דאָ צוגעהערט מכוח דעם מהות פון „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו״, וואָס קאַנט האָט געפּרעדיקט אין יענע יאָרן. מיט דער תורה פון קאַנט וועט זיך דער מוזיקער מתייחד זיין במשך פון זיין גאַנץ לעבן. הגם דאַרף מען אונטערשטרייכן: בעטהאָוון, דער רעוואָלטירטער מענטש, האָט בשום אופן נישט געקענט מסכים זיין מיט דער הנחה פונעם פילאָזאָף מכוח דעם מענטשנס געהאָרכזאַמקייט כלפּי דעם פירנדיקן אויטאָריטעט.

1. J.G. Prod'homme, Cahiers de conversation de Beethoven.

די הויפּט אַטראַקציע אינעם סאַלאָן זענען געווען דער פּאָעט שילער און דער פילאָזאָף קאַנט. און דאָך, איז נישט פאַראַן געווען די מינדעסטע קולטור־דערשיינונג אין אשכנז און אייראָפּע, זי זאָל נישט באַהאַנדלט ווערן אין דעם וויכטיקן קולטור־ווינקל פון באָן. אַלץ איז דאָ באַטראַכט געוואָרן, יעדע געשעעניש איז דאָ דיסקוטירט געוואָרן; אַלץ האָט מען דאָ גענומען צו אַן אַנאַליטישער באַהאַנדלונג. דער שילער־קולט, קען מען זיך משער זיין, איז נישט אַריינגעדרונגען אין דעם ברויניגג סאַלאָן, ווי יעצט נאָך העפטיקע דיסקוסיעס און דעבאַטעס אַרום די אידעען, וואָס דער פּאָעט האָט געפּרעדיקט אין זיינע דראַמען.

מען קען זיך פאָרשטעלן די דעבאַטעס אַרום לעסינגס פרישן טעאַ־טער־סטיל, וואָס גראָסמאַן האָט איינגעפירט אין דעם נייעם מלוכה־טעאַטער אין באָן, און וואָס האָט געשלאָגן מיט הייסן אָטעם פון מענטשלעכקייט.

בשעת מען האָט באַהאַנדלט לעסינגס פּיעסן, כמו „די יידן" און „נאַטאַן דער ווייזע", איז ווי שייך האָט מען דערביי נישט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן דער פאַרוויסטקייט פון דער יידישער עדה, וואָס לעבט אַזוי ביטער מחוץ למחנה?

פאַראַן סברות, אַז מען האָט וועגן דעם יאָ גערעדט; און דווקא מיט סימפּאַטיע צו יידן.

יאָ, מען קען זיך משער זיין, אַז איידער בעטהאָווען האָט נאָך באַקענט די ערשטע הויך־קולטיווירטע יידן אין ווין, האָט ער שוין, אינעם קרייז פון די ברויניגגס געהערט וועגן ר' משה מענדעלסזאָן, דעם „סאָקראַטעס פון בערלין", און וועגן זיינע השקפות; ער האָט מסתמא געהערט דאָרט וועגן מאַרקוס הערץ, דעם בערלינער יידישן מפורש פון קאַנטס פילאָ־זאָפיע, און אויך אַוודאי וועגן אַנדערע יידישע שאַרפע קעפּ, ביי וועלכע מען האָט תמיד געקענט לערנען דאָס „בעסערע און שענערע".

אַן איינפלוס האָט אויף דעם יונגן לודוויק געהאַט מאַדאַם ברויניגגס אַ שוואָגער, אַ גלח, אַ גרויסער הומאַניסט, אַ יודע אין דער אַנטיקער ליטעראַטור. דער דאָזיקער דייטש איז געווען אַן אויפגעקלערטער גייסט־לעכער, דער קאַפּויער פון די קאָנסערוואַטיווע גלחים און מניכן פון שכנותדיקן קעלן, די שונאי ישראל, וואָס האָבן נישט פאַרטראָגן דעם

קלענסטן טריט פֿאַראויס. ברויגינג, דער אויפֿגעקלערטער גלח, האָט דעם יונגן בעטהאָוון דערנענטערט צו דער אַלטער גריכישער ליטעראַטור און דער עיקר — צו האָמער און פּלוטאַרך. ס׳קען זיין, אַז ער גראָד, האָט אים אַנטפּלעקט די פיגור פון ברוטוס, דעם רוימישן העלד, וואָס האָט אויפֿגעהויבן דאָס מעסער אויף זיין אייגענעם פריינט — צעזאַר, נאָר דערפֿאַר, ווייל צעזאַר האָט ווידערשפעניגט קעגן דעם פֿאָלק פון רוים און אַליין זיך געקרוינט פֿאַר אַ קיסר. דאָ לוינט צו דערמאָנען — דער ביוסט פון ברוטוס איז נישט אַראָפּ פון בעטהאָוונס שרייב־טיש ביז צו זיין לעצטער לעבנס־רגע.

דער יונגער מוזיקער האָט זיך, אינעם סאַלאָן פון זיין נייער היים, אויפמערקזאַם צו אַלעם צוגעהערט. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. ער האָט אַזוי אַרום פאַרטיפט און פאַרפיינערט זיין וויסן. ער האָט זיך דורכגעגנומען מיטן „שענערן און בעסערן״, וואָס האָט געוועקט און אַנטוויקלט זיין מאַראַליש מענטשלעכן האָריזאָנט.

אינעם אינטעלעקטועלן קרייז פון דער מאַדאַם ברויגינג, האָט דער יונגער בעטהאָוון איינגעזאַפּט אין זיך צוויי באַגריפן וועגן מענטש.

דהיינו?

דעם יידיש־הומאַניסטישן באַגריף, אַז דער מענטש איז דער צלם אלוהים, און דעם אַלט־גריכישן באַגריף, אַז דער מענטש איז כולו שיינקייט. די צוויי באַגריפן — פון ירושלים און אַטען — האָבן זיך פאַראַנקערט אין זיין באַוווסטזיין און האָבן פאַרפלאָכטן אַ סינטעז, וואָס איז דער פונדאַמענט פון זיין הומאַניסטישן האָריזאָנט.

דער סאַלאָן פון דער מאַדאַם ברויגינג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט נאָך אַ וויכטיקן אָריגינעלן שטריך, וואָס האָט משפיע געווען אויף די יאָרן פון בעטהאָוונס באַגינען.

ביינאַנד מיט דער דערוואַקסענער עליטע, האָבן זיך צונויפגעטראָפן ביי די ברויגינגס, די פריינט און חברים פון די קינדער; אַלץ יונגע מענטשן, וועמענס אַרט טראַכטן איז נישט געריכטעט געווען צום מאַטעריעלן געבוס, נייערט דווקא צום גייסטיקן און קינסטלערישן. די דאָזיקע יוגנט פון דער שולע און אוניווערסיטעט, איז געווען פאַרקאָכט אין די

פאָרגעשריטענע אידעען. הייס געבאָדן, האָט די חברה יונגוואַרג געברענט אַ וועלט, און ווי דער שטייגער, געהאַט טענות צום עלטערן דור. די יונגע, געניי ווי די אַלטע, האָבן שוין געהאַט איבערן קאָפּ דעם פאַר־עלטערטן פעאָדאַלן סיסטעם, וואָס האָט געהאַלטן דעם מענטש אין צוים. אַלע האָבן זיי געוואָלט פטור ווערן פון דער פּאָליטישער צעדריבלונג פון אשכנז, וואָס האָט פון דעם קלענסטן פּרינצל געמאַכט אַ גרויסן טיראַן. זיי האָבן געוואָלט פטור ווערן פון דער שווערער קירכע־לאַפּע, וואָס האָט זיך געלייגט מיט אַזאַ משה אויף דעם געוויסן פון מענטש. די יונגע אָבער, האָבן נישט געהאַט קיין געדולד; זיי האָבן געפיבערט, זיי וואָלטן אַלץ פאַרברענט — כהרף עין!

האָט די קלוגע מאַדאַם ברויכינג, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם יוגנט־לעכן טעמפּעראַמענט, מיט טאַקט און חכמה פאַרצויגן אַ בריק צווישן די דורות. ווייל, בעצם האָבן דאָך אַלע אירע פריינט געוואָלט דאָס זעלבע — די באַנייאונג! אַלע האָבן זיי געוואָלט באַנייען די געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור, שאַפן אַ נייעם יושרדיקן סדר, דערנענטערן צווישן זיך די מענטשלעכע משפחה. הקיצור, זיי האָבן געוואָלט מאַכן די וועלט פאַר אַ לייט!

צווישן דער דאָזיקער רעוואָלטירטער יוגנט — אמת, נישט שטענדיק האָט איר רעוואָלט געשמעקט מיט אַ סאָציאַלער מאָטיוואַציע — האָט זיך דער יונגער בעטהאָוון אָפּגעפונען, ווי אַ פיש אין וואַסער. זיין אייגענער רעוואָלט, וואָס איז שוין דווקא יאָ געווען סאָציאַל מאָטיווירט, האָט דאָ, אינעם טומל פון דער יונגער חברה, באַקומען קאָמפּערישע טענער. פון איר זייט, האָט די יונגע חברותא פאַר בעטהאָוונען גלייך געעפנט האַרץ און אָרעם.

בעטהאָוון האָט אינעם יונגן קרייז פון סאַלאָן געפונען טייערע פריינט אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. ער האָט זיך דאָ באַקענט און ענג פאַרבונדן זיך מיטן באַגאַבטן גראַף פאָן וואַלדשטיין, אַ בחור, וואָס איז פאַר אים עלטער געווען מיט אַכט יאָר. אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ הויך־אַדעליקער משפחה אין ווין, האָט דער יונגער גראַף „אונטערגעזינדיקט" מיט פאַר־געשריטענע אידעען. ער איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון פאָרשריט און באַנייאונג, אַריינגעטאָן אין דער פּאָליטישער און וויסנשאַפטלעכער

ליטעראַטור — איבערן קאָפּ! ווי די מיטגלידער פון דער ברויגינג־משפּחה, איז אויך דער גראַף געווען אַ מיטגליד אין דער פּראָגרעסיווער „לעזעגעזעלשאַפט" אין באַן. מען זאָגט, אַז ער גראַד האָט שטאַרק משפּיע געווען דעם יונגן בעטהאָוון. פאַן וואַלדשטיין איז געווען אַ גייסטרייכער יונגערמאַן מיט אַ ברייטער בילדונג און קולטור. דערצו איז ער אויך געווען אַ גוטער מוזיקער. דעם קלאַוויר האָט ער באַהערשט, ווי אַן אמתער ווירטואָז. ער איז אַפילו געווען נישט קיין שלעכטער קאָמפּאָזיטאָר. דער בליציקער יונגער אַריסטאָקראַט האָט גלייך זיך דערקענט אויף בעט־האָווגס גאונות און גענומען זיך צו אים דערנעענטערן. ביי געלעגנהייטן, האָט ער אים אַפילו געהאָלפן מאַטעריעל. ווען מען האָט געפּועלט אינעם פּרינציישן הויף צו שיקן לערנען דעם יונגן לודוויק קיין ווין — דער גראַף האָט דאָ צוגעלייגט אַ שפּאַרן אַנשטרענג — האָט וואַלדשטיין, פאַר זיין פּריינט, געעפנט דעם אייגענעם בייטל און נישט געזשאַלעוועט קיין געלט.

אַ טבע האָט דער יונגער גראַף געהאַט, ער האָט זיך וויניק גערעכנט מיט די אָנגענומענע פּרינציפּן פון דעם געזעלשאַפטלעכן אויבערשטן פון שטייסל. אָט, למשל — ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ווין, האָט ער דאָרט געהאַט באַציאונגען מיט יידישע משפּחות. מצד אַ הויכן אַדעליקן איז דאָס געווען דאַן אַ ביסל אַ געוואַגטער שריט; אַ ריס מיט די אָפּגעלעבטע באַגריפן. די הויכע אַריסטאָקראַטיע האָט נאָך, צו יענער צייט, אויסגעמיטן געזעלשאַפטלעכע קאָנטאַקטן מיט יידן. אַפילו די רייכע בורזשואַזיע, די קריסטלעכע, אויך זי איז געווען פאַר די אַריסטאָקראַטן טריפה. די אַדעליקע האָבן זיך נאָך אַלץ נישט מטמא געמאַכט מיט די אַלע, וואָס האָבן געהאַט בורזשואַזע פּרנסות. וואַלדשטיין האָט נישט גע־האַלטן פון די אָפּגעלעבטע געוווינהייטן פון דער הויך־אַריסטאָקראַטישער קאַסטע און דווקא אָפּט פאַרבראַכט אין די סאַלאָנען פון די רייכע יידישע באַנקירן און סוחרים אין ווין. מען פלעגט אים דאָרט טרעפן אויף מוזי־קאַלישע אָוונטן, ווי אויך ביי פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן. ווי ס'גיט אָן די יידיש־עסטרייכישע שרייבערין — הילדע שפּיל — אין איר בוך „פאַני פאָן אַרנשטיין", זעט מען דעם גראַף אינעם סאַלאָן פון דער משפּחה אַרנשטיין (אַ רייכער באַנקיר אין ווין). אגב, איז די משפּחה

אַרנשטייך געווען פון די ערשטע פּרענומעראַטאָרן פון בעטהאָווענס אַ ווערק, גלייך נאָך זיין אָנקומען אין דער עסטרייכישער קרוין־שטאָט — ווין. פאַראַן אַ סברה, אַז וואַלדשטיין האָט בעטהאָווענען אַריינגעפירט אין אַ רייע יידישע רייכע הייזער.

בעטהאָווענס האַרציקע פריינדשאַפט מיטן גראַף פאָן וואַלדשטיין האָט אָנגעהאַלטן אַ לעבן לאַנג. דער מוזיקער האָט דעם אַדעליקן פריינט זיינעם געווידמעט ביז גאָר וויכטיקע ווערק.

*****

יעצט לאָמיר נאָך אויף אַ רגע צוריקקערן זיך צום נאַציאָנאַלן טעאַטער אין באָן, ווייל אויך דאָרט האָט בעטהאָווען געלערנט דאָס „שע־נערע און בעסערע".

מיט דער בינע אין באָן, איז דער קליינער לודוויק פאַרבונדן געוואָרן אַ דאַנק זיין רבין נעפע, אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון גראָסמאַנען און זיין טעאַטער. אַהין איז ער אָנגעקומען, ווי אַ רעפּעטיטאָר, ד. ה. בשעת די אָפּערע־פּראָבעס פלעגט ער באַגלייטן די זינגערס אויפן קלאַוויר. אַזוי אַרום, איז בעטהאָווענען באַשערט געווען, אַז די בינע זאָל אים ווערן איינע פון די שולעס, וווּ ער זאָל לערנען דעם מהות פון ברידערלעכקייט, טאָ־לעראַנץ און מענטשלעכער עמאַנציפּאַציע.

הקיצור, דאָס „שענערע און בעסערע" אינעם מענטשלעכן לעבן.

ווי מיר ווייסן, האָט גראָסמאַן גענומען דערלאַנגען אויף דער בינע אין באָן אַ גאָר פרישע שפּראַך. דורך דער פּריזמע פון לעסינגס און שילערס פּיעסן, האָט דאָס לעבן יעצט באַקומען אַ גאָר פריש פּנים; אַ ניי ליכט האָט מען דערויף אַ וואָרף געטאָן. נייע געשטאַלטן זענען דערשינען אויף דער סצענע פון דעם אַלטן פירשטלעכן טעאַטער, אויסגעצירט מיט די אַלעגאָרישע פיגורן פון אַלטע צייטן. דער טעאַטער־רעפּלעקטאָר האָט יעצט אויפגעדעקט סיטואַציעס, וואָס פריער פלעגן זיי ווערן פאַרשוויגן.

גראָסמאַנס בינע אין באָן האָט יעצט געפּרעדיקט אַ נייע קאָנצעפּציע פון לעבן. זי האָט עקזאַלטירט די נאַטור — דעם וווּנדער פון געטלעכן באַשאַף. יעצט האָט מען דאָרט געהערט רייד, אַז דער מענטש איז, אַז

אונטערשיד פון זיין אָפּשטאַם און רעליגיע; די שענסטע פּרוכט פון דער נאַטור — די סאַמע קרוין אירע!

אויף דער סצענע האָבן זיך יעצט געגומען באַוויזן מענטשן געוואָגטע, אין רעוואָלט קעגן דעם געזעלשאַפטלעכן סדר, קעגן דער דעספּאָטיע פון מלוכה און קירכע — מורדים קעגן אַלע קאָנוועגציאָנאַליזמען, וואָס צוימען דעם מענטשלעכן פונאַנדערבלי.

„די פרייהייט וואַרעמט אויס קאַלאַסן!" — האָט אַראָפּדערלאַנגט פון דער בינע אין באַן איינער פון די העלדן פון שילערס פּיעסע, „די רויבער".

— 4 —

דער פּראָגרעסיווער אויסקלאַנג פון גראָסמאַנס בינע אין באַן איז, צו יענער צייט אין אשכנז נישט קיין יוצא מן הכלל, נייערט אַ קלאַנג־בלויז אין דער אַלגעמיינער האַרמאָניע פונעם דייטשן טעאַטער.

זייט די דייטשע אויפקלערונגס־באַוועגונג האָט אַ רוף געטאָן צום קאַמף קעגן דעם אָבסקוראַנטיזם און גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט; זייט זי האָט דעם דייטשן מענטש גערופן צו באַנוצן זיך מיטן אייגענעם קלאָרן שכל און ווערן אַ זעלבבסטשטענדיקער דערוואַקסענער מענטש — זייט דאַן איז דאָס דייטשע טעאַטער געוואָרן אַ פייערוווערק פון נייע אידעען.

פון דער בינע אַראָפּ, האָט מען יעצט גענומען פּרעדיקן, אַז אַלע רעליגיעס זענען גוט און שיין און דערהויבן, בתנאי זיי זאָלן ווערן שכל־דיק פאַרשטאַנען און עטיש מענטשלעך אָפּגעהיטן.

ס'איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז אויף דער דייטשער בינע דערשיינט יעצט דער ייד, אָבער געוויזן אין אַ גאָר פרישער ליכט. דאָס יידישע געשטאַלט דערשיינט יעצט אין אַ העלן שיין, באַגלייט מיט לירישע אַק־צענטן. דער טעאַטער עולם האָט פּלוצים דערזען אַ ייד, אַ געררודפטן, וואָס ווערט באַטראַכט, ווי אַ ברודער בתוך דעם מענטשלעכן מין; דערצו נאָך, ווי „אַ טרעגער פון אַ געווויסן טיפּ גייסטיקער און מאָראַלישער קולטור". (וואָלפגאַנג פיליפּ, ציטירט דורך לעאָנאַרע שטערלינג אין „מאָמענטאַ יודאַיקאַ", קעלן, 1963).

די נייע דייטשע בינע, די פּאָרגעשריטענע, האָט זיך בשעתו אָפּגע־

שאָקלט פון די קאָנוועציאָנעלע קריסטלעכע באַגריפן וועגן ייד. זי האָט די אַלטע כאַראַקטעריסטישע שנאה אַרויסגעשליידערט פון טעאַטער און אַריינגעפירט, אויף איר פּלאַץ, דעם טעמבער פון סימפּאַטיע און טאָלעראַנץ צום ייד און זיין אמונה.

שוין אין יאָר 1747 איז קריסטיאַן געלערט, דער שוין דערמאָנטער פּראָפעסאָר און פריינט פון נעפע, דעם מורה־דרך פון בעטהאָווענען, אַרויס־געקומען מיט אַ פּראָ־יידישער טעאַטער־פּיעסע. געלערט האָט בשעתו שטאַרק משפיע געווען די בעסערע דייטשע געזעלשאַפט, און דער עיקר, די יונגע.

צוויי יאָר שפּעטער, האָט דער 20־יעריקער לעסינג, געלערטס אַ תלמיד אין לייפּציק, פּובליצירט אַ טעאַטער־ווערק א. נ. „די יידן״. די דאָזיקע פּיעסע איז געווען אַ שאַרפע קריטיק אויף דער באַציאונג פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט לגבי דעם יידישן מענטשן. מען זאָגט אַפילו, אַז לעסינגס פּיעסע, אַן עדות פון די נייע שטימונגען בשעתו ביי דער דייטשער יוגנט, זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון מחברס פריינטשאַפט מיטן יידישן דאָקטער גומפּערץ, אַן אייניקל פון גליקל האַמעלן; ער איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן פאַרענדיקט אַ דייטשן אוניווערסיטעט.

אגב, האָט גומפּערץ צונויפגעפירט לעסינגן מיט משה מענדעלסזאָן. ער האָט פאַר מענדעלסזאָנען געעפנט די ברייטע וועלט פון וויסן, אים דערנענטערט צו דער אייראָפּעאישער קולטור און אים געלערנט דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. אָן ר׳ אהרון גומפּערץ, האָט ר׳ משה אַמאָל אַליין אָנערקענט, וואָלט ער קיינמאָל אין לעבן נישט געוואָרן מענדעלסזאָן!

צוריקגייענדיק צום דייטשן טעאַטער, דאַרף מען זאָגן, אַז בעת דער צווייטער העלפט פון 18־טן י. ה. האָבן אַזעלכע דייטשע דראַמאַטורגן אין דער מאָדע, ווי קאָצעבוע און איפלאַנד מחבר געווען טעאַטער־פּיעסן מיט אַ בולטן יידישן אַקצענט; זיי האָבן אַרויסגעבראַנגט פּאָזיטיווע יידישע העלדן. אַפילו אין אַ דייטשער אַדאַפּטאַציע פון דער ענגלישער פּיעסע „דער ייד״, געשפּילט אין די מדינות אשכנז אין די ניינציקער יאָרן פון דעם 18־טן י. ה., האָט מען אַריינגעפלאָכטן אַ טיראַדע קעגן די אויסנאַם־

**געזעצן, וואָס האָבן באַלאַסטעט דאָס יידיש לעבן, אַ טיראַדע, וואָס איז אינעם ענגלישן טעקסט נישט פאַראַן געווען.**

**דער מחבר פון דער „געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם", לעאָן פּאָליאַ־קאָוו, דערציילט, אַז בסוף פון דער פּיעסע „דער יידן־פריינד", פון דייטשן דראַמאַטורג בירשאָוו (1780), איז פאַראַן, געמאַכט דורך אַ העלד, דער פאָלגנדער סך־הכל:**

„אַן אומגליק זאָל קומען אויף די, וואָס שטויסן דעם מענטש צו האַסן אַנדערע מענטשן, ווי אויך אויף די אַלע, וואָס פאַרבאַרגן די מעלות און מידות טובות פון ייד".

**לויט לעאָן פּאָליאַקאָוו, איז דאָס אָנגענומען זיך, אין יענע צייטן, די קריוודע פון ייד, אַ מין סימבאָל פון קאַמף קעגן פאַראורטיילן און במילא אַ קאַמף פאַר דער באַנייאונג.**

**אַן עדות פון יענע יאָרן דערציילט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע:**

**בעת די פאַרשטעלונגען פון שעקספּירס „שיילאָק" (דער סוחר פון ווענעדיק) — געווען איז דאָס ערב די ניינציקער יאָרן פון 18־טן י. ה. — פלעגט דער אַרטיסט, וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע, ערב דער פאַרשטעלונג אַרויסקומען פאַרן פאָרהאַנג, און דערלאַנגען דעם פּובליקום אַ מין פּראָלאָג בזה הלשון:**

„ווען דאָס אויפגעקלערטע בערלין נעמט העכער שעצן די אמונה ברידער פון דעם חכם מענדעלסזאָן, ווען ביי דעם דאָזיקן פאָלק, וועמענס נביאים און חוקים מיר רעספּעקטירן, נעמען באַ־וויזן זיך מענער, גרויס אין דער ווינסנשאַפט און קונסט; אין אַזאַ צייט זאָלן מיר דאָס דאָזיקע פאָלק באַאומרואיקן מיט חווק? זאָלן מיר יעצט דעם אַלטן אומגערעכטן האַס דערנערן?... ניין, מיר האָבן דאָס נישט בדעה. אויך קריסטן מיאוסע שילדערן מיר. מיט עקל שילדערן מיר קריסטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט רדיפות. מיר טאַדלען די אונטערדריקונג און אכזריות פון קלויסטער קעגן איי־גענע גלויביקע. אונזער טעאַטער ווייזט דאָס לעכערלעכע, די חוצפה פון דעם צעפּוילטן אַדל און אַלע טיראַנען פון דער ערד; לאָכט

אויס דעם שלעכטן רופא, זידלט דעם קאָרומפּירטן ריכטער, שטראָפט דעם גייציקן דינער פון אַלטאַר. אין „נאַטאַן דעם ווייזן״ (פון לעסינג) שפּילן קריסטן די שלעכטע ראָלע; אינעם „סוחר פון ווענעדיק״ (שיילאָק) — טוען דאָס יידן״.

(ציטירט פון ש. דובנאָוו, געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע, ב. 8, ז׳ 35, אויסגאַבע 1954; ווי אויך פון הילדע שפּיל, אין פאַני פאָן אַרנשטיין, ז׳ 169.

די דאָזיקע געשיכטע, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט בשעתו אין פאַר־שידענע דייטשע שטעט, אַ ביז גאָר כאַראַקטעריסטישער סימן פון די שטימונגען בתוך דעם ליבעראַלן און פאַרגעשריטענעם דייטשן עולם, ווערט דערמאָנט דורך גרעצן, דובנאָוון און אַנדערע היסטאָריקער.

למען האמת דאַרף מען זאָגן, די דאָזיקע געשיכטע געהערט שוין, ערב שקיעה, צו די לעצטע ליכט־שטראַלן פון דער דייטשער אידעאַ־ליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט, אין צענטער פון אירע אַספּיראַציעס אױוקגעשטעלט דעם מענטש! באַלד וועט די השפּעה איבערנעמען דער פּרי־דייטשער ראָמאַנטיזם מיט זיינע שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן. ביי דעם דייטשן ראָמאַנטיזם וועט שוין אין צענטער נישט שטיין דער מענטש, נאָר דער דייטש. די ראָמאַנטיקער וועלן מער זיך נישט וואַרעמען ביי די זוניקע שטראַלן פון טאָלעראַנץ; זיי וועט ציען צום קאַטאָליציזם. אינספּיראַציע וועלן זיי זוכן ביים מיטלאַלטער, אין די אַלט־גאָטישע קירכעס און שלעסער, וואָס גייען איבער פון פאַנטאַסטישע לעגענדעס. די דאָזיקע דייטשע באַוועגונג, אויסגעהאָדעוועט אין די יידישע סאַלאָנען, וועט צעטראָגן אַ מיאוסן אַנטיסעמיטישן ריח.

דערווייל אָבער, בשעת בעטהאָווענס יאָרן פון באַגינען, איז דער דייטשער הומאַניזם נאָך אַלץ אין די פעדערן. איינע פון די וויכטיקסטע פאַרלאַנגען פון די פאָרגעשריטענע דייטשן איז נאָך אַלץ די מענטשלעכע רעגולאַציע פונעם יידן־פּראָבלעם. און דאָס קומט צום אויסדרוק, דרך אגב, נישט בלויז אויף דער בינע, נאָר אויך אין דער ליטעראַטור און אין דער דייטשער פובליציסטיק.

דער דייטשער שרייבער ניקאָלאַי (געב. 1733 — געשט. 1811) — ער איז בײַנאַנד מיט משה מענדעלסזאָן און לעסינג אינעם טריאומוויראַט פון דער פאָרגעשריטענער בערלינער „אויפקלערונג״, (השכלה), האָט פובליצירט אין די זיבעציקער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט אַ ראָמאַן א. נ. „לעבן און מיינונגען דעס הערן מאַגיסטער סעבאַלדוס נאָטאַנקער״. דער מחבר, וואָס ווערט באַצייכנט ווי „דער וואַנדער־פּרעדיקער פון דער „אויפקלערונג״, איר קאַמפס־שופר״, האָט אויפגעקלערט, וואָס ער איז אויסן מיט זיין בוך. ער וויל, האָט ער געשריבן, „מיט אמתע רייד אַוועקשטעלן, אין איר גאַנצער העסלעכקייט, די קרענקלעכע מאַניע צו רדיפות, וואָס פאַרפאָלגט די שטייף־האַרציקע אָרטאָדאָקסיע; דאַקעגן וויל ער פאַרשלאָגן פרייהייט פון גייסט און טאָלעראַנץ״.

לעאָן פּאָליאַקאָוו וויזט אָן אין זיין דערמאָנטן בוך, אַז די מערהייט דייטשע שריפטשטעלער פון דער צווייטער העלפט פון 18־טן י. ה. טאַדלען די קריסטן; זיי באַצייכענען די קריסטן, ווי שולדיקע אין אַלע יידישע צרות. די פאָרגעשריטענע דייטשע שרייבער האָבן זיך אָפּן קעגנגעשטעלט אַלע אַנטי־יידישע „באַרבאַרישע געזעצן״ — לויטן אויסדרוק פון דייטשן דענקער — הערדער.

אָט, למשל, האָט דער באַרימטער דייטשער שרייבער, ווילאַנד, געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן שענדלעכן שטייער פון „לייב־צאָל״ — וואָס איז חל געווען ביים אַריינפאָרן אין די דייטשע שטעט אויסשליסלעך פאַר בהמות, חזירים און... יידן!!! ווילאַנד שרייבט וועגן דעם ענין אין זיין צייט־שריפט „דער דייטשער מערקור״ (1785) אַזוי צו זאָגן:

> „און אַזוי האַנדלט מען אַ פּאָר מיילן פון בערלין, דאָרט ווו מען הערט נישט אויף צו רעדן וועגן מענטשן־רעכט! אין פראַנק־רייך שרייבט מען פיל ווייניקער לטובת יידן, מען טוט אָבער דאָרט מער״.

(לויט דער טעזע פון אַנרי ברונשוויג, „דער קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע פון יידן אין פרייסן״) (1).

1. ציטירט פון לעאָן פּאָליאַקאָוו, דאָרט.

לויטן דייטשן פילאָזאָף האַמאַן (1), איינער פון די באַגרינדער פון דער „שטורעם און דראַנג״-באַוועגונג אין דייטשלאַנד, זענען די יידן „אמתע אַריסטאָקראַטן פון דעם מענטשלעכן שטאַם״.

הקיצור, אַלע דייטש-פּראָגרעסיווע און הומאַניסטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן, צו יענער צייט, געלייגט דעם טראָפּ אויפן חשיבות פון מענטש, ווי למשל, די קאָסמאָפּאָליטישע „אויפקלערונג״ די מער-נאַציאָנאַלע „שטורם און דראַנג״-באַוועגונג, אָדער גאָר די פאָלקיש-רעליגיעזע קאָנ-טעסטאַטאָרישע גרופּן — אַלע די באַוועגונגען האָבן, אין נאָמען פון זייערע הומאַניטאַרע פּרינציפּן, געזוכט אַ רעוויזיע אין דער באַציאונג צום ייד.

צום אָנזען פון ייד האָט אַ גרויסן ביישטייער דערלאַנגט די טאַלאַנט-פולע פיגור פון ר׳ משה מענדעלסזאָן, „דער סימבאָל פון דער בערלינער אויפקלערונג״. ער האָט, אין זיינע כתבים אַנטוויקלט טעמעס, וואָס זענען געשטאַנען אין צענטער פון דער צייט פּראָבלעמאַטיק, ווי אַ שטייגער — טאָלעראַנץ לגבי אַלע אמונות, דאָס פּראָבלעם פון נאַטור-רעליגיע. ער האָט פאָרגעשלאָגן אָוועקצונעמען די פּאָליטישע רעכטן ביי די קירכעס און אָפּטיילן זיי פון דער מלוכה. מיט אַ באַזונדערן טאַלאַנט האָט ער די גייסטיקע יידישע ירושה אָפּגערייניקט פון דעם באַרג שמוץ און פאַרלוימדונגען, מיט וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט זי פאַרוואָרפן. ער האָט אויך, מיט אַ סך געדולד און פאַרשטאַנד פאַר דער צייט, דעם אָנגעזאַמלטן שימל פון דער רבנישער רוטין אָוועקגענומען. בסוף, האָט ער אונטערגעטראָגן דער וועלט דעם ליכטיקן גלאַנץ פון דעם יידיש-אמונהדיקן הומאַניזם, וואָס האָט אַ פרישן שיין געוואָרפן אויף דער יידישער עדה און איר פאַרשאַפט כבוד.

— 5 —

די קרוין פון דייטשן הומאַניזם, וואָס האָט דערנערט „די וואָרצלען״ פון בעטהאָוונס „מענטשלעכן און קינסטלערישן באַוווסטזיין״, איז בלי ספק

1. 1730 — 1788, שרייבער און פילאָזאָף. באַגרינדער פון דער דייטשער ליטעראַרישער שטרעמונג „שטורעם און דראַנג״.

לעסינגס ווערק „נאַטאַן דער ווייזע". דאָס דאָזיקע טעאַטער־ווערק ברענגט צום אויסדרוק, אין דער סאַמע דרייסטער פאָרם, דעם טאָלעראַנץ־געדאַנק לגבי מענטשן און גלויבנס, וואָס איז דער עיקר־יסוד פון דער אידעאַליס־טישער באַשטרעבונג פון יענע צייטן.

לעסינג איז בטבע געווען אַן אומרואיקער אמת־זוכער, אַן אייביקער פרעגער און אָפּפרעגער. ער פלעגט וועלטן איינלייגן, בכדי זיך צו דער־גרונטעווען צום אמת. אים זענען געווען מיאוס די יעניקע, וואָס מאַכן זיך אַ לייכטן לעבן מיט דינען דאָגמעס. ער האָט די דאָזיקע לייט נישט געלאָזט אויף די אויגן! ער האָט זיי נישט געקענט פאַרטראָגן. אַליין, פלעגט ער, אין זיין פיבער־עקזיסטענץ, דורך מאַטערנדיקע וועגן פון צווייפל, קלעטערן כסדר צום אמת.

יאָ, לעסינג איז געווען אַ צווייפלער. לאָמיר אָבער גלייך אונטער־שטרייכן; אַ כופר בעיקר איז ער קיינמאָל נישט געווען! דווקא, געהערט ער צו די יעניקע צווייפלער, וואָס זוכן צו גלויבן מיט שכל. און דערפאַר שטעלן זיי אַוועק פאַר זיך דעם אייביקן פראַגע־צייכן — פאַרוואָס?!

מען דאַרף זאָגן, אַז אין דער אמתן, איז לעסינג געווען אַן ערלעכער בעל אמונה, אַ טיף־רעליגיעזער מענטש. און דאָך איז לעסינגס אמונה געווען גאָר עפּעס אַנדערש. ער איז נישט אָפּגעקומען מיט אַ פרומער תפילה, ווי די סקאַרבאָווע גלויבערס. פאַר אים, דעם מענטש פון קאַמף, דעם פאַרביסענעם מיליטאַנט, וואָס אורטיילט דעם צווייטן לויט מעשים, פאַר אים איז רעליגיע נישט געווען קיין פרומע פּראַקטיק, נייערט אַן אַקטיווע מאָראַלישע האַנדלונג בין אדם לחברו!

„דער גאָט פון לעסינג וויל, מענטשן זאָלן אויסהאַמערן זייער אייגענעם גורל, אויפן וועג פון שטרעבן צו שלימות, אויפן דרך פון מאָראַלישן פאַרשריט, ביי זיך, אינעם אייגענעם לעבן, און אויפן וועג צו באַצווינגען די פּלאָגן פון דער מענטשהייט" — זאָגט דער פראַנצויזישער קענער פון לעסינג פּיער גראַפּען אין דער הקדמה זיינער צו די „מאַסאָנישע דיאַלאָגן" (פון לעסינג).

דער דייטשער הומאַניסט האָט שוין אַלס בחור פון 20 יאָר געשאַפן

די טעאַטער־פּיעסע — „די יידן״; דאָרט, דערשיינען אונזערע אַחינו בני ישראל, ווי די בני נביאים; אַ גערודפט פאָלק, וואָס מוז אַ לעבן אָפּקומען מיט פאַרבאָרגן זייער אמונה. דער מחבר קוועלט זיך דאָ גאָרנישט מבזה צו זיין די קריסטן, די פרומע לייענער פון דער עוואַנגעליע; ער וואַרפט זיי פאָר אַנט־קריסטלעכע האַנדלונגען לגבי יידן.

אין דעם זעלבן יאָר, אין 1749, שרייבט לעסינג צו זיין פאָטער אַזוי צו זאָגן:

„אַזוי לאַנג, ווי כ׳וועל איינזען, אַז מען איז נישט מכבד אויף אַ געהעריקן אופן דעם סאַמע נאָבעלסטן חוק פון קריסטנטום, דהיינו? — ווי זיך אַליין זאָלסטו ליב האָבן, אַפילו דעם שונא! — אַזוי לאַנג וועל איך נישט אויפהערן צו צווייפלען, צי זענען די־יעניקע, וואָס גיבן זיך אָן פאַר קריסטן, טאַקע באמת קריסטן?״. (ציטירט לויט ראָבערט פּיטרו פון זיין הקדמה צו „נאַטאַן דער ווייזע״).

לויט לעסינגס דעה, האָט דאָס קריסטנטום געקענט ווערן אַ קוואַל פון מאָראַלישן פאָרשריט; אַן אָנרעג צו אַן אָרנטלעכן מיליטאַנטישן לעבן. איז אָבער די קירכע, אין גײַציק נאָך טעאָלאָגישע ספּעקולאַציעס, פאַר־קראָכן אויף וועגן, וווּ דאָס קריסטנטום האָט פאַרלוירן איר לויטערקייט און איר וויטאַלן כּוח. דאָס קריסטנטום, זאָגט לעסינג, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר בראשית אין אַ מאָמענט, ווען ס׳איז באמת געווען אַ לערע פון לעבן און פון מענטשלעכער האַנדלונג.

„נאַטאַן דער ווייזע״, וואָס דער יידישער היסטאָריקער ש. דובנאָוו באַטראַכט פאַר „די פּאָעטישע עוואַנגעליע פון הומאַניזם און רעליגיעזער טאָלעראַנץ״ — האָט לעסינג געשאַפן בסוף פון זיין לעבן, אין 1779. ער האָט דאָ אויסגעדריקט דעם אַני מאמין פון זיין גאַנצער שעפערישער עקזיסטענץ.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען אין דייטשלאַנד האָט זיך צעפלאַקערט אַ וויכוח איבערן קריסטנטום און רעליגיעזע פּראָבלעמען; אַ וויכוח, וואָס איז שוין ווייט נישט געווען סתם אַ טעאָלאָגישער דיספּוט. הגם די

אָפּיציעלע קירכעס מיט זייערע משרתים האָבן אָנגעגריפן די אַלע דענ־קער, בתוכם גייסטלעכע, וואָס האָבן געפּרווט דערלאַנגען דער רעליגיע אַ שכלדיקן פּירוש, האָט דער וויכוח דער עיקר זיך אומגעקערט צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו יעדן לע־בעדיקן מענטשן. אַפילו מיטן גורל פון ייִד האָט דאָס געהאַט צו טאָן.

די מחנה פון געזעלשאַפטלעכער באַנייאונג האָט, אינעם וויכוח, געריסן שטיקער פון דער קירכע. זי האָט איר פאַרגעוואָרפן מאַכט־גיריקייט און, קודם־כל, איר וויסטע צביעות. די פאַרגעשריטענע דענקער און שרייבער האָבן אַפּערגעוואָרפן, אַז מיטן אויפהאַלטן די אַלטע דאָגמאַטישע שטאַנד־פּונקטן פון דער קירכע, איז דער קאָנסערוואַטיווער לאַגער נישט אויסן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס מענטשלעכע געוויסן אונטערצודריקן און איינהאַלטן דעם פּריווילעגירטן מעמד אין דער געזעלשאַפט.

מיט פיבער, האַרץ און נשמה איז לעסינג אַריין אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק; זי האָט געהאַט אַ מראה פון אַן אמתער מלחמה. גאַנץ אָפט ווערן בשעת דעם וויכוח די שריפטן פון לעסינג פאַרבאָטן דורך דער צענזור.

אין יאָר 1778, קורץ פאַר דעם נעמען זיך צו דער פּיעסע, האָט לעסינג אָנגעגריפן דעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער מיט אָט די שאַרפע רייד:

„...אָבער רבותי, וואָס הייסט ביי אייך קריסטלעכע רעליגיע? פאַר מיר, איז די קריסטלעכע רעליגיע אַ סכום פון תקנות, וואָס דריקן אויס דעם יסוד פון דער אמונה; דאָס איז דער לאַקאָנישער סך־הכל פון די קירכע־פאַטערס. זייערע טעזעס זענען עלטער פון דעם נייעם טעסטאַמענט, זיי שטעלן מיט זיך פאַר דעם אומדער־שיטערטן פעלז אויף וועלכן ס׳שטייט די קירכע — די קירכע פון קריסטוסן און נישט די אַ פון פעטרוסן און זיינע יורשים״ (1).

אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער, אין אַ פרישער רעפּליק, דאָס מאָל, דירעקט

1. ראָבערט פּיטרו, אין דער הקדמה צו „נאָטאָן דער ווייזע״. פראַנצ. איבערזעצונג.

שוין געווענדעט צו די קאָנסערוואַטיוו־קריסטלעכע טעאָלאָגן, דערלויבט זיך לעסינג צו זאָגן, אַז:

„אַלע קריסטלעכע קירכע־געלערנטע האָבן אויסגעמיטן צו נעמען די ביבל, ווי אַ יסוד פון זייער דאָקטרין". (ראַבער פיטרו, דאַרט).

נישט מער און נישט ווייניקער!

אין אַזאַ אַטמאָספערע, אין אַ קלימאַט פון צעהיצטע געמיטער, איז לעסינג געקומען מיט זיין „נאַטאַן דער ווייזע". ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז צוליב דער געוואַגטקייט פון די געפּרעדיקטע אידעען, וועט זיין פּיעסע אויף דער בינע נישט דערשיינען. אדרבא, וועלכער טעאַטער־דירעקטאָר וועט דאָס האָבן אַזאַ מוט, ווי לעסינג? ער האָט אויך געוווסט, אַז זיין „נאַטאַן" וועט די אַנגעגליטע עפנטלעכע מיינונג אין דייטשלאַנד נאָך שטאַרקער צערייצן. און דאָך איז דער קעמפערישער הומאַניסט נישט אָפּגעשטאַנען! ער האָט געשטרעבט פאַר יעדן פּרייז אַריבערצוטראָגן דעם וויכוח אין דער דימענסיע פון קונסט.

פאַרוואָס האָט ער דאָס דווקא אַזוי געוואָלט?

אָט, ווי ער פאַרענטפערט די פראַגע, אין אַ בריוו צו זיינעם אַ ברודער:

„אויב ס'וועט זיך געפונען כאָטש איין מענטש אויף טויזנט, וואָס וועט ביים לייענען (די פּיעסע) זיך אויסלערנען צווייפלען אין דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און אוניווערסאַלקייט פון זיין אייגענער רעליגיע, וועט שוין זיין — דיינו!".

דאָס דערשיינען פון „נאַטאַן דער ווייזע" האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער עפנטלעכער מיינונג. די קאָנסערוואַטאָרן און בפרט די אָרטאָדאָקסישע טעאָלאָגן, האָבן געשיט מיט פייער. די אַלע, וואָס זענען געווען שונאים פון אַ סאָציאַלן שריט פאָראויס, און טאַקע דער עיקר, די שונאים פון פרייען געדאַנק, זיי אַלע האָבן געאַרבעט מעשים און געמאַכט יד אחת קעגן לעסינגן. אָט, למשל, האָט די ווינער צייטשריפט „דיאַריום" באַשולדיקט דעם מחבר — נישט מער און נישט ווייניקער — אַז די אַמסטערדאַמער יידן האָבן אים דערלאַנגט אין דער האַנט

אַריין, כדי ער זאָל דעם ייד נאַטאַן אַוועקשטעלן אין אַ סימפּאַטיש ליכט...

דערפאַר אָבער האָט די פאַרגעשריטענע מחנה הילכיק אַפּלאָדירט. גרויסע גייסטער פון דער צייט, ווי אַ שטייגער הערדער, דער שריפט־שטעלער גליים, דער אָריענטאַליסט ריימאַרוס, דער פילאָזאָף יאַקאָבי, משה מענדעלסזאָן און פיל אַנדערע מענטשן פון אַ פאַרנעם, האָבן דאָס ווערק אויסגעלויבט אין הימל אַריין. אַלע האָבן זיי זיך אָפן סאָלידאַריזירט מיט די אַרויסגעהויבענע דאָרט געדאַנקען. אין די אַ קרייזן, האָט מען וועגן „נתן דער חכם" (נאַטאַן דער ווייזע) גערעדט, ווי וועגן אַ נייער עוואַנ־געליע; „אַן עוואַנגעליע פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ און מענטשן־פריינט־שאַפט".

דער רעש אַרום דעם ווערק איז געווען אין דער דייטשער וועלט אין לשער! די קריטיק האָט געטייטלט אויף געוויסע פּיעסע־העלדן און זיי פאַרגליכן צו די הויפּט־פּאַרטנערן פונעם אַנגאַזשירטן דאַן הייסן וויכוח. אַזוי האָט מען אין דעם פאַנאַטישן פּאַטריאַרך פון דער פּיעסע דערקענט אַ פּערזענלעכן שונא פון מחבר, אַ פּאַסטאָר, וואָס האָט געפייערט קעגן טעאַטער־קונסט און קעגן אַלע סאָרטן קריטיקער פון רעליגיע — דאָס איז געווען אַ פאַרביסענער קאָנסערוואַטיסט און אַ שונא ישראל.

ס'איז אָבער אונטערצושטרייכן, אַז קודם־כל געפינען מיר אָפּ אין דער פּיעסע, אונטער פאַרשידענע מאַסקעס, דעם הומאַניסט לעסינג אַליין. דער אויפגעקלאַכטער לעסינג מיט זיין שאַרפן סאַרקאַסטישן וואָרט, דער אייביק־אומרואיקער „גאָט־זוכער", ער טרעט נישט אַראָפּ פון דער בינע, ער איז שטענדיק אין געפעכט.

„זיין גאָט... — איראָניזירט נאַטאַנס אַדאָפּטירטע טאָכטער —
צו וועמען געהערט דען דאָס גאָט? וואָס פאַר אַ גאָט קען דאָס זיין,
אויב ער איז דאָס אייגנטום פון אַ מענטשן?".

לויט לעסינגן איז דער עיקר־חטא פון דעם קריסטנטום דאָס אַנעק־סירן גאָט. דערפון נעמען זיך אַלע צרות און נגישות. דאָס געבוירנט פאַנאַטיזם, וואָס איז אַן אָפענער וועג צו שנאה און מענטשן־האַס. דאָרט ווו שנאה שטעלט אַריין אַ פוס, דאָרט וואַקסן אויס אינקוויזיציעס, הריגות

**און מלחמות. דאָרט שטעלט זיך איין אַ גייסטיקע און פיזישע טיראַניע און בסוף ווערט דער מענטש צעטרעטן ווי אַ וואָרעם!**

„דער עצם־וועזן פון רעליגיע שטעקט נישט אין גלויבן, נייערט אין דער מאָראַלישער אויפפירונג פון מענטש!" —

**זאָגט אויף אַ צווייטן פלאַץ דער דייטשער הומאַניסט לעסינג. איין איינציקע ברירה האָט ער צו די אַלע געזעלשאַפטלעכע צרות, דאָס איז די אַבסאָלוטע טאָלעראַנץ און דער פולשטענדיקער רעספעקט פון מענטשן־רעכט!**

**אין „נתן דער חכם" אַנטוויקלט לעסינג דעם גאַנץ ברייטן מושג פון דעם טאָלעראַנץ־באַגריף. און לאָמיר דאָ גלייך צוגעבן, זיין פירוש אויף טאָלעראַנץ איז די לויטערע מענטשלעכקייט אַליין. זיין טאָלעראַנץ־באַגריף איז הימל ווייט פון די אַלע שיינגייסטער, די היפּאָקריטן פון אַלע צייטן, וואָס קומען אָפּ מיט הוילע פלאַפּלערייען וועגן דעם ענין.**

**לויט דעם מחבר פון דער פּיעסע, קען מען נישט יוצא זיין מיטן „דולדן" אַ פרעמדן דת און איינוועגס פּסקנען, אַז נאָר די אייגענע רע־ליגיע איז די ריכטיקע.**

„...די איינרעדעניש צו פאַרמאָגן דעם בעסטן גאָט, און דערפאַר אים וועלן אויפצווינגען אויף אַנדערע, איז פרומע פּראָות" — **זאָגט מיט כעס איינער פון די פּיעסע־העלדן.**

**אָט איז אַ רעפליק פון אַ קלויסטער־ברודער, וואָס מאַכט אַן איינדרוק, גלייך זי וואָלט אַרויס פון לעסינגס מויל אַליין:**

„איז דען דאָס גאַנצע קריסטנטום נישט געבויט אויף יידן?
איך בין אָפּט אין כעס, טרערן פאַרגיס איך, ווען קריסטן פאַרגעסן,
אַז אונזער האַר אַליין איז געווען אַ ייד".

**אמתע טאָלעראַנץ, לערנט לעסינג, קען האָבן אַ קיום נאָר ביי איין באַדינג: ביי אַ באַדינג, אַז מען זאָגט זיך אָפּ פון ווילדן משוגעת צו זיין דער איינציקער באַלעבאָס איבערן אמת. מענטשן זוכן גאָט אויף פאַר־שידענע וועגן!**

„קיינער האָט נישט קיין רעכט צו זיין זיכער און איבערצייגט, אַז נאָר זיין וועג דווקא איז דער איינציק ריכטיקער" — בייזערט זיך לעסינג.

דאָ איז דער דייטשער הומאַניסט טויזנט מאָל גערעכט. אויף צו געפינען דעם אמת איז נישט פאַראַן קיין פּאַרטיקער שולחן ערוך. און אויב וויל מען אונז איינרעדן, אַז אַזאַ שולחן ערוך איז יאָ פאַראַן, איז דער אמת פאַלש, ווי די עבודה זרה! פאַר לעסינג, דעם ראַציאָנאַליסט, דעם אַנטי־דאָגמאַטיקער, שטייט נאָך אַ פראַגע — מעג מען גאָר איבער־הויפּט שטיין בלייבן ביים זוכן דעם אמת?

אַזעלכע דערהויבענע געדאַנקען מאַכט אונז הערן דער דייטשער שרייבער, לעסינג, דער גרויסער מענטשן־פריינט, אין זיין טעאַטער־ווערק „נאַטאַן דער ווייזע".

דער צענטראַלער העלד פון דער פּיעסע איז, ווי דער נאָמען ווייזט אָן, אַ ייד, מחמת זיינע הומאַניסטישע דרייסטע מחשבות, איז דאָס אַ ייד — אַ חכם! דער פּראָטאָטיפּ פון חכם איז, ווי באַקאַנט, ר' משה מענדעלסזאָן, לעסינגס אַ נאָענטער פריינט, דער „סאָקראַטעס פון בערלין", ווי לעסינג פלעגט אים רופן, און מיט אים — גאַנץ אייראָפּע.

ווי מיר ווייסן, האָט ר' משה, „דער סאָקראַטעס פון בערלין", טאַקע עפּעס אַנדערש נישט געפּרעדיקט, ווי נאָר טאָלעראַנץ פאַר אַלע, בתוכם טאָלעראַנץ לגבי דער יידישער אמונה און גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, ווי בירגער. דערפאַר האָט אים לעסינג באַשטימט פאַרן העלד פון זיין פּיעסע; ער האָט אים באַשטימט פאַר דעם „חכם", וואָס ברענגט אַרויס די אַלעגאָריע פון דריי רינגען — דעם סימבאָל פאַר די דריי מאָנאָטעיִסטישע רעליגיעס, וואָס מוזן זיך פאַרקייטלען ביי אַ קלימאַט פון טאָלעראַנץ און קעגנזייטיקן דרך ארץ. די פאַרפלעכטונג פון די דריי רינגען, דער סימבאָל פון האַר־מאָניע צווישן פעלקער און רעליגיעס, דאָס איז פאַר לעסינגן דער ערשטער טריט צו מאַכן די וועלט פאַר אַ לייט!

דאָ דערמאָנט זיך אַ געדאַנק פון אַ פראַנצויזיש־יידישן דענקער, אַ פרומען ייד, וועלכער האָט אַזוי געזאָגט:

„דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט האָט געזינדיקט קעגן גאָט. דער צווייטער — קעגן דעם מענטש. די זינד בין אדם למקום האָט שוין דוד המלך אויסגעקויפט. ווען סוועט פאַרגיטיקט ווערן די זינד בין אדם לחברו, דאַן יעצט וועט די וועלט האָבן אַ קיום!".

**אַנדערש געזאָגט, לאָמיר אויפהערן הרגענען מענטשן!**

**אין דער פּיעסע „נתן דער חכם" איז פאַראַן עפּעס אַ מערקווירדיקע זאַך, דהיינו? די פאַן, פאַר וועלכער לעסינג האָט זיך געראַנגלט זיין גאַנץ לעבן, נעמט דער מחבר און לייגט זי אַריין אין די הענט פון אַ ייד; אַ ייד, אַ גערודפטן און רעכטלאָזן.**

**שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס עפּעס האָט דער מחבר דווקא אויף דעם ייד'ס שוואַכע פּלייצעס אַרויפגעלייגט אַזאַ משא? אַ קליינ־קייט, אַנצוּווייזן דער מענטשהייט אַ וועג!**

**אַז בסך הכל האָט דאָך נישט, דער ייד, דאַן קיין שמץ פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע רעכטן. ער איז דאָך בשעתו דער פּאַריאַס בין אומות ואמונות! — פאַרוואָס האָט לעסינג, אין זיין צוואה־ווערק, נישט אַרויס־געהויבן אַ קריסטלעכן העלד, אַז ער טאַקע זאָל זיין דער טרעגער פון אַ נייער בשורה פאַרן מענטש?**

**דערפון איז אפשר צו דרינגען, אַז ביים סוף פון זיין לעבן האָט לעסינג מסתמא אין זינען געהאַט דאָס זעלבע, וואָס מיט יאָרן שפּעטער וועט זאָגן — בקול רם! — דער פאַרביטערטער און אַנטוישטער פריי־הייטס־קעמפער פון דייטשלאַנד, דער געשמדטער ייד, לודוויק בערנע, דאָס אייניקל פון ר' ברוך בן שמעון פון דער „יודן־גאַסע" אין באָן.**

**דהיינו?**

**„מיינע לאַנדסלייט — האָט בערנע געזאָגט — זענען גרויסע פילאָזאָפן; זיי שטרעבן צום אמת. און דאָך קענען זיי אים נישט פאַרטראָגן".**

**אַז דער דייטשער עולם איז נאָך אַ מהלך ווייט פון דעם „דריי רינגען"־באַדייט, האָט געוואָרנט לעסינג, מיט יאָרן צוריק, זיין נאָענטער פריינט, ר' משה — דער „חכם". ער האָט אים געשריבן דאַן אין אַ ידידי־בריוול, פאָלגנדיקע ווערטער:**

„איך האָב מיר געמאַכט פון דער וועלט אַן אַנדערן באַגריף, בעת כ׳האָב זי באַקענט פון לייענען די ביכער, אָדער שטודירנדיק דעם כאַראַקטער פון אַ לעסינג, ווי דערשטוינט ווער איך אָבער, ווען כ׳גיב אַ טראַכט, וואָס פאַראַ כוח האָט דער פאראורטייל איבער די מוחות״.

אמת, מיט אַ פאָר צענדליק יאָרן שפּעטער, האָט ר׳ משה שוין איינ־געזען, אַז „מען נעמט זיך דעם מענטש צו באַטראַכטן פאַר אַ מענטש״. אָבער לעסינג אַליין, איז ווייזט אויס, מיט די דייטשן נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן. דער דייטשער שרייבער האָט אויף די עלטערע יאָרן פאַרשטאַנען, אַז דער הומאַניזם אין אשכנז איז געבליבן שטעקן אינעם גייסטיקן רוים, און ווייטער נישט אַוועק. צוליב איר סאָציאַל־עקאָנאָמישער צוריקגעשטאַנענקייט איז אין דייטשלאַנד נאָך נישט פאַראַן געווען דער ברייטער שיכט פון אויפגעוואַכטן בירגערטום, וואָס זאָל אַ נעם טאָן די פאָן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט און מיט איר אַוועק־שפּאַנען אויפן שליאַך פון די „דריי רינגען״.

אויב אַזוי, קומט אויס זיך צו פרעגן: זאָל לעסינג נישט האָבן געהאַט אַמאָל פאַרבאַרגענע האָפענונגען אויף אַ נייעם, כי מציון תצא תורה? זאָל לעסינג נישט האָבן מרמז געווען, אַז פון „נאַטאַן״, פון דעם כסדר געקרייציקטן ייד, אַז דווקא פון אים, קען אַרויסקומען די בשורה פון אַן אויפגעריכטער מענטשהייט?

אויב איז די השערה אַ ריכטיקע, איז ווי קומט עפּעס דער מחבר פון דער פּיעסע, זאָל לייגן האָפענונגען אויף אַ רעכטלאָזן, געמאַטערטן ייד? איז דאָס דעם יידנס גורל דאַן געלעגן אין דער האַנט פון אַ פעאָדאַלן האַר, אַ רשע, וואָס האָט דעם ייד נישט געלאָזט אויפהויבן דעם קאָפּ; ער האָט דאָך אים געדריקט און געשטיקט — אים נישט געלאָזט לעבן. ער האָט אים אָפּגעגרענעצט פון דער וועלט מיט אַ מחיצה פון געטאָ־ווענט. קען דען אַ געבונדענער אין קייטן ברענגען די ישועה?

דאַרף אָבער געזאָגט ווערן אָט וואָס:

ווי אַ ניכטערער מענטש פון זיין צייט, האָט לעסינג איינגעזען אין דער יידישער סביבה שטוינענדיקע דערשיינונגען — פון אַ זעלטן פאַראַ־

דאָקסאַלן כאַראַקטער. פון איין זייט איז דער ייד פאַרשפּאַרט געווען אין דעם ענגן געטאָ, אָן צו אָטעמען; אָפּגעצוימט פון דער וועלט מיט אַ מויער פון „קאַניבאַלע געזעצן" — לויטן אויסדרוק פון דעם פראַנצויזישן בן־דור, מיראַבאָ. פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט מען אויפן סמך פון די זעלבע „קאַניבאַלע געזעצן", גענייט דעם פאַרמעגלעכן ייד צו אַן אינטענסיווער עקאָנאָמישער טעטיקייט לטובת דעם לאַנד; די דאָזיקע טעטיקייט האָט דעם ייד פאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן עקאָנאָמישן פאַקטאָר. דער ייד, וואָס ווערט געצוווּנגען צו עפענען פאַבריקן, נעמט שנעל אַנטוויקלען אַ פאַרצווייגטע אינדוסטריע. ער הויבט אָן איבערצובויען, אויף מאָדערנע יסודות, דעם האַנדל, און שטעלט איין גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען. דורך אויפשטעלן בענק, באַטייליקט זיך דער ייד אין דער אָרגאַניזאַציע פון מאָדערנעם פינאַנץ־וועזן.

אויף יעדן ווירטשאַפטלעכן שטח, אומעטום דאָרט, וווּ דער ייד האָט צוגעלייגט אַ האַנט, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ים פון איניציאַטיוו, איינפאַלערישקייט און טאַלאַנט. מאָדנע: דער ייד, וואָס איז פאַר אַ פּעטן אָפּצאָל דעם פירשט אָרום און אָרום — נישט מער, ווי אַ „געדולדעטער" אין לאַנד; אין בעסטן פאַל מיטן פירשטלעכן חסד, אַ „פּריווילעגירטער" ייד; דער דאָזיקער רעכטלאָזער יידישער מענטשן איז, אין תוך, איינער פון די הויפּט־מחותנים צו דעם ווירטשאַפטלעכן איבערבוי פון פּרייסן, עסטרייך און אַנדערע דייטשע לענדער. טאַקע אַ דאַנק דעם ייד וועקן זיך די דייטשע מדינות צו אַ מאָדערנעם אינדוסטריעלן לעבן. אַ דאַנק דעם ייד, נעמט מען אין דייטשלאַנד אָניאָגן מערב־אייראָפּע.

און לאָמיר נישט פאַרגעסן נאָך עפּעס. אויך אויפן קולטורעלן געביט איז דער ייד נישט אָפּגעשטאַנען. אַ דאַנק דער ווירטשאַפטלעכער אַקטיוויטעט פון דעם רייכן יידן, ווי אויך אַ דאַנק דער השכלה — זי האָט דעם ייד אַ שטויס געטאָן צו בילדונג — האָט שוין באַוויזן זיך אויסצופורעמען אַ גאַנצער שיכט וועלטלעך־געבילדעטע יידישע מענטשן, וואָס האָבן דערלאַנגט תורה אין דער וויסנשאַפט, ליטעראַטור און פילאָזאָפישן געדאַנק. נאָך איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער אוניווערסיטעט אין בערלין, האָט דער יידישער דאָקטער מאַרקוס הערץ (געב. 1747 — געשט. 1803), אַ געוועזענער תלמיד פון עמאַנועל קאַנט, איינגעפירט ביי זיך,

אין דער אייגענער ווינונג, אין יאָר 1774, לערן־קרייזן פון מעדיצין! (1).

ער פלעגט, אויך ביי זיך, אין אייגענעם הויז, האַלטן לעקציעס וועגן פילאָזאָפיע, און פאַרשפּרייטן די תורות פון זיין רבין קאַנט. די דאָזיקע פאַרלעזונגען זענען געווען שטאַרק פּאָפּולער אין בערלין. זיי פלעגן ווערן באַזוכט דורך פיל געלערנטע; אויך וויכטיקע פּאָליטישע טוער פלעגן קומען הערן תורה פון מאַרקוס הערצנס מויל. אַפילו מיטגלידער פון דער קעניגלעכער משפחה פון פּרייסן האָבן נישט פאַרפעלט דעם יידישן דאָקטאָרס לעקציעס.

אויס דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג, האָט דער פּרייסישער קעניג באַשאָנקען דעם יידישן פילאָזאָף און מעדיצינער מיטן טיטל — פּראָפעסאָר. געשען איז דאָס אין יאָר 1787; אַ זעלטענע זאַך, אין יענע יאָרן; אַ זעל־טענער זשעסט לגבי אַ ייד מצד אַ פּעאָדאַלן הערשער!

אמת דאָקטער מאַרקוס הערץ איז נישט געווען אַ בילע ווער. ער האָט געשריבן וויכטיקע ווערק אויפן געביט פון פילאָזאָפיע, פיזיק און עס־טעטיק(2).

דער אויפטו פון דעם דאָזיקן יידישן געלערנטן, ווי אויך פון אַנדערע יידישע קאָפּ־מענטשן, איז זיך פאַרלאָפן אָן אַ ברעקל בירגערלעכע רעכטן. געלעבט האָט מען בלויז מיטן חסד פון פירשט, וואָס האָט נאָר באַוויליקט דעם ייד צו „דולדן".

הכלל, די סאַלאָנען פון די יידישע עשירים אין בערלין, קעניגסבערג און אַנדערע מקומות אין אַשכנז האָבן דערלאַנגט דעם טאָן. זיי זענען געוואָרן אמתע קולטור־צענטערן, ווו ס'האָט געהערשט דער געדאַנק פון באַנייאונג. דאָרט האָט געפּאַנעוועט די אידעע פון מענטשלעכקייט, פון דערנענטערונג צווישן פעלקער און רעליגיעס.

צו דעם אַלעם האָט זיך לעסינג צוגעקוקט פון דער נאָענט. ער האָט אָבסערווירט דעם נייעם טיפּ ייד. ער האָט באַמערקט, אַז דער דאָזיקער יידישער מענטש זייעט קערנער פון ברכה והצלחה; ער ברענגט אַריין

---

1. זע, די זכרונות פון הענריעטע הערץ;
2. Salomon Łastik, Z dziejów Oświecenia. Neue Deutsche Biographie.

אַ באַנייאונג אויף יעדן שריט, וואָס איז אים נאָר צוטריטלעך. צוליב דעם אפשר, האָט לעסינג געהאַט צוטרוי, און געלייגט האָפענונגען אויף דעם שוונג פון די פאַרשטויסענע „נאַטאַנס״, וואָס אַן אַ ברעקל רעכטן, האָבן זיי געקערט וועלטן און אַריינגעברענגט מיט זיך אומעטום ליכט!

אינטערעסאַנט; הגם „נאַטאַן דער וויזע״ האָט דערוויל די בינע־שיין נישט אָנגעקוקט — אַרויס איז דאָס ווערק בלויז אין בוך־פאָרם — איז אָבער דער אינטערעס דערצו, אין מערב־אייראָפּע, געווען אין לשער. דערצו האָט אוודאי צוגעשפּילט דער רעש אין דער דייטשער עפנטלעכקייט. מען האָט דאָס בוך גלייך איבערגעזעצט אין ענגליש, צוויי יאָר שפּע־טער — אויך אין פראַנצויזיש. דאָס ווערק האָט געמאַכט אַ רושם אין גאַנץ אייראָפּע.

פון די התפּעלותדיקע אָפּרופן מצד די מערב־אייראָפּעאישע גייסט־מענטשן, וואָלט געווען אַ יושר זיך אָפּצושטעלן ביי דער מיינונג פון דער פראַנצויזישער שרייבערין, מאַדאַם דע סטאַל, (געב. 1766 — געשט. 1817), וואָס האָט אָפּגעריכט גלות, בשעת נאַפּאָלעאָנס ממשלה, אין דייטשלאַנד און עסטרייך. זי האָט זיך דאָרט נאָענט באַקענט מיט דער דייטשער קולטור און אירע שעפער. אירע אינטערעסאַנטע אָבסערוואַציעס און ליטעראַטור־אַנאַליזן, האָט זי פאַרפיקסירט אין אַ בוך א. נ. „וועגן דייטשלאַנד״ (1).

כאָטש אונזער היינריך היינע האָט צו דער מאַדאַם דע סטאַל זייער פיל טענות — ס׳געפעלט אים נישט איר פירוש אויף דער דייטשער ליטעראַטור — איז איר בוך דאָך אַ טיפער אַריינבליק אין די דייטשע קולטור־ענינים פון איר צייט, און אַ גביעת עדות פון אַ מיטצייטלערין, אַ פילבאַרער פרוי.

נו, איז ווי אַזוי רעאַגירט אויף „נאַטאַן דער וויזע״ די פראַנצויזישע שרייבערין, די איינגעפירטע אין די קרייזן פון די דייטשע ראָמאַנטיקער — גאַרנישט קיין געהויבענע, ווי מיר ווייסן, אוהבי ישראל?

די גערודפטע מאַדאַם דע סטאַל, וואָס האָט אויף אירע אייגענע פּלייצעס אָפּגעפּילט דעם טעם פון פּאָליטישער טיראַניע און אומטאָלעראַנץ, האָלט גאָר שטאַרק פון לעסינגס טעאַטער־ווערק. זי באַטראַכט דאָס אַפילו

1. Germaine de Stael. De l'Allemagne.

פאַר דער וויכטיקסטער ליטעראַרישער פּאָזיציע אין סכום פון זיין שאַפונג.

ווען שרייבט דאָס די מאַדאַם דע סטאַל? זי שרייבט דאָס אַרום דעם יאָר 1805, אַ צייט, ווען אין רעזולטאַט פון דעם נאַציאָנאַליסטישן אויפשטייג אין דייטשלאַנד, נעמען צאַנקען די פּראָ־יידישע סימפּאַטיעס בתוך דער דייטשער אינטעליגענץ, און לעסינגס רעיונות הויבן דאַן ווערן אויס מאָדע.

אָט, נעמט למשל דעם דעמאָלטדיקן טעאָרעטיקער פון דייטשן ראָמאַנטיזם, דעם שרייבער פרידריך שלעגעל (1); אגב, פלעגט ער נישט אַרויסגיין פון דעם סאַלאָן פון דער יידישער פרוי, הענריעטע הערץ, אין בערלין; ער האָט דאָרט אַפילו פאַרבונדן אַ ליבע מיט ר' משה מענדעלסזאָנס אַ חתונה געהאַטע טאָכטער און מיט איר אַוועק צו דער קאַטוילישער קירכע.

קומט אויס, לויט פרידריך שלעגעל, אַז „נאַטאַן דער ווייזע" איז נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון הוילן טרוקענעם שכל.

אַזאַ דעה ביי אַ מענטש אַ קעגנער פון ראַציאָנאַליזם און אַ חסיד פון קאַטוילישן גלויבן, איז נישט קיין חידוש.

די מאַדאַם דע סטאַל אָבער, כאָטש זי איז שלעגעלס אַ פריינדין, און האָט שטאַרק דרך־ארץ פאַר זיינע ליטעראַרישע מיינונגען, איז זי אָבער, נוגע לעסינגן, מיט אים נישט מסכים. זי איז טאַקע שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער דייטשער ראָמאַנטישער שטרעמונג, זי איז אָבער אויך פול מיט התפעלות פאַר לעסינגס „בייער עוואַנגעליע פון מענטשן־פריינטשאַפט".

אפנים, די זוניקע מענטשלעכקייט, וואָס פליסט אַרום איבער לעסינגס צוואה־ווערק האָט שטאַרק צעוואַרעמט די פראַנצויזישע שרייבערין, די געליטענע פון נאַפּאָלעאָנס טיראַניע, און דאָס האָט באַוויגן איר ליטעראַרישן פסק־דין.

איר עפנטלעך אַרויסגעזאָגטע מיינונג איז אַן עדות, אַז די קערנער וואָס דער דייטשער הומאַניסט האָט פאַרזייעט, טראָגן אין זיך אַ געבענטשטן כוח; זיי פאַרטרייבן אַלע פינצטערע שאָטנס!

---

1. 1829 — 1772 אין די שפּעטערע יאָרן געוואָרן אַ דיפּלאָמאַט פון מעטערניכן אין ווין.

כמעט צו דער זעלבער צייט, אין 1801, האָט געטע באַשלאָסן צו שטעלן די פּיעסע „נאַטאַן דער וויזע" ביי זיך אינעם טעאַטער — אין ווײמאַר; און דאָס נישט געקוקט אויפן דורכפאַל פון דער ערשטער פאַר־שטעלונג, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין בערלין. דאָס בערלינער פּובליקום האָט עפּעס ביינאַנד מיט דער קריטיק, נישט גוט אויפגענומען די געוואַגטע מחשבות פון דער פּיעסע.

יעצט אָבער האָט געטע דווקא מצליח געווען. און נאָכן גרויסן דער־פאָלג פון ווײמאַר, איז שוין „נאַטאַן דער וויזע" פון דעם דייטשן טעאַטער־אַפּיש נישט אַראָפּ! די הצלחה פון לעסינגס ווערק האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז צו די פינצטערע צייטן פון היטלערס ממשלה.

„נתן דער חכם" הויבט זיך אַרויס איבער זיין צייט, ווי אַ ליכט־טורעם. צומאַרגנס, נאָך לעסינגס טויט, האָט משה מענדעלסזאָן געשריבן צום דיכטערס ברודער:

„אייער ברודערס ביאָגראַף וועט אַמאָל קענען זאָגן: ער האָט אָנגעשריבן „נאַטאַן דער וויזע" און ער איז געשטאָרבן. העכער האָט ער נישט געקענט שטייגן.

עטלעכע וואָכן פאַרן טויט, האָב איך אים געשריבן, ער זאָל זיך נישט וווּנדערן, וואָס די גרויסע מאַסע פון זיינע מיטצייטלער באַגרייפט נישט דעם פאַרדינסט פון דעם דאָזיקן ווערק. אַ בעסערע וועלט, וועט נאָך 50 יאָר נאָך זיין טויט, אַ לאַנגע צייט דאַרפן צעקייען און פאַרדייען דאָס ווערק. אין דעם ענין איז ער פאַר־אויסגעלאָפן מער ווי יעדער איינער פון זיין יאָרהונדערט" (1).

הכלל: משה מענדעלסזאָן איז גאָרנישט געווען קיין נאַרישער מענטש. און דאָך סיגנאַליזירט „נאַטאַן" אויף אַ מהלך פון לאַנגע, לאַנגע דורות די עקזיסטענץ פון וווּנדערבאַרע מענטשן־אידעאַליסטן, וואָס האָבן נישט משלים געווען מיט דער פינצטערער ווירקלעכקייט און האָבן געשטרעבט, ווי אונזער י. ל. פּרץ האָט געזונגען צו — „וועלטן שענערע, בעסערע, ווו

1. Sebastien Hensel, Die Familie Mendelssohn.

**דער, וואָס מ׳טרעט אים ווי אַ וואָרעם, ווערט דער מענטש — דער בעל דעה...״.**

**די דאָזיקע אידעלע דייטשן האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין, און נישט פאַר די פאַרריסענע פעלקער און חוצפהדיקע סאָציאַלע שיכטן.**

**„נאָטאַן דער ווייזע״ איז אַן עדות, אַז געווען זענען אַמאָל מענטשן אידעאַליסטן, וואָס האָבן טאַקע געחלומט וועגן באַזונדערע אָריגינעלע מענטשלעכע סביבות, אָבער זייער שטרעבן איז געווען, אַז לעבן זאָל מען אין אַ קלימאַט פון טאָלעראַנץ, קעגנזייטיקער אַכטונג און רעספּעקט — אָן צו שאַדענען דעם צווייטן; אַז איין מענטשלעכער רינג זאָל זיך פאַרפלעכטן מיטן אַנדערן און שאַפן זאָל מען איין גרויסע פאַרשידנפאַרביקע, כאַראַקטערפולע מענטשן־משפחה!**

**אין דער כמעט לעצטער שריפט זיינער, אין „דערציאונג פון מענטשלעכן מין״, זאָגט לעסינג די פאָלגנדיקע ווערטער:**

„לאָמיר זיך ווונטשן, אַז אין יעדער מלוכה זאָלן זיך געפינען גענוג מענטשן אַזעלכע, וואָס זאָלן קענען זיך דערהויבן איבער די פאַראורטיילן פון זייער אייגענער גרופּע; מענטשן, וואָס זאָלן זיין פעאיק גענוי צו באַשטימען — ווען הערט אויף דער פּאַטריאָטיזם צו זיין אַ טוגענט. לאָמיר זיך ווונטשן, אַז אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט זאָלן זיין אַזעלכע, וואָס זאָלן נישט אַרונטערפאַלן צו די פאַראורטיילן פון זייער אייגענער רעליגיע, און נישט גלויבן זאָלן זיי, אַז גוט און אמת מוז דווקא זיין דאָס, וואָס נאָר זיי אַליין האַלטן פאַר גוט און אמת״.

**יאָ, לאָמיר זיך טאַקע ווונטשן!**

לעסינג האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז דערווייל זענען נאָך זיינע אידעען בלויז אַ גוטער ווונטש, אַ מין צוקונפט־מוזיק.

**די פאַרווירקלעכונג פון זיינע ווונטשן איז נאָך ווייט נישט אויף מאָרגן — צום גרויסן באַדויער!**

— 6 —

אין באָן האָט לעסינג געהאַט אַ מחנה מיט חסידים. זיין קעמפעריש וואָרט און זיין הייסער מענטשלעכער אָטעם, האָט דעם פאַרגעשריטענעם עולם, אין דער פירשטלעכער רעזידענץ־שטאָט, באַפליגלט און סטימולירט צו פאַרשטיין דעם אַנדערש־גלויביקן. דאָס וואָס האָט אין באָן באַזונדערס אויסגענומען, איז געווען לעסינגס דואַליזם; ד. ה. פון איין זייט זיין קאַמף פאַר אַן אָריגינעלער דייטשער ליטעראַטור און טעאַטער, אַן אַרונטערצו־פאַלן אונטער פרעמדע איינפלוסן; פון דער צווייטער זייט, אָפענע אָרעמס פאַר אַלע פעלקער און רעליגיעס אָן אויסנאַמען!

די פאַרגעשריטענע דייטשן האָבן דאָ נישט געזען קיין סתירה. פאַר־קערט, פאַר זיי האָט לעסינגס דואַליזם געהאַט אַלע טעמים פון אַ מענטש־לעכן און טיף עטישן פרינציפּ.

ווי שוין געזאָגט, איז באָן, צו יענער צייט, אַ צענטער וווּ ס׳קרייצן זיך אַלע נייע אידעען. זיי פאַראַנקערן זיך דאָ און שלאָגן טיפע וואָרצלען. ווי ס׳באַווייזט די רייכע פאָרש־ליטעראַטור וועגן באָן, איז די שטאָט, בעת די יאָרן פון בעטהאָווענס באַגינען, איינער פון די וויכטיקסטע פּראָגרעסיווע צענטערן אין דייטשלאַנד; דער וויכטיקסטער אינעם גאַנצן רהיין־געביט.

וועגן באָן, בשייכות צו בעטהאָווענס יוגנט־יאָרן, דערציילט אונז באַרי־כות און מיט פרטים דער דייטשער פאָרשער לודוויק שידערמאַיר.

„דער יונגער בעטהאָוון", זיין אַלץ־אַרומנעמענדיק בוך, איז אַ וועג־ווייזער איבער די יונגע יאָרן פון דעם באָנער גאון. נישט בחינם איז דאָס בוך דערגאַנגען צו דריי אויפלאַגעס. דער מחבר שילדערט די שטאָט פון בעטהאָווענס געבורט אין אַלע אירע אויסמעסטונגען. ביים מאָלן דאָס שטאָטישע קולטור־לעבן פאַרגעסט ער נישט דעם מינדעסטן פרט. אַלץ געפינט זיין אָרט!

מיט גענויקייט און ערודיציע פירט אונז דער מחבר איבערן רייכן קולטור־רעליעף פון דעם אינטעלעקטועלן באָן. ער באַווייזט אונז, ווי דער אידעאישער וועג פון דעם יונגן בעטהאָוון האָט זיך געפורעמט מיט דער הילף פון די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען פון זיין צייט. שידערמאַיר שטרייכט אונטער מיט רעכט:

## עקיבא פישבין

„די וואָרצלען פון זיין (בעטהאָווענס) גאַנצער מענטשלעכער און קינסטלערישער עקזיסטענץ, ווי מעכטיק זיי זאָלן נישט האָבן זיך אַנטוויקלט אין ווין, אַנקערן זיי דאָך ביים רהיין".

(הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע, 1925).

ביי זיין גאַנץ דרינגלעכן אַריינבליק אין דעם אידעאישן ווידעראַנאַנד פון יענער צייט, האָט אָבער שידערמאַיר עפּעס פאַרגעסן; דרך אגב, געגוי ווי די גאַנצע בעטהאָוון־פאַרשונג. ער האָט פאַרזען די יידישע סובסטאַנצן פון דער פאָרגעשריטענער באַוועגונג פון בשעתו. ביי אים איז אין גאַנצן אַזאַ זאַך נישט בנמצא.

ווו איז אַהינגעקומען די אומגעהויערע ראָלע פון ר׳ משה מענ־דעלסזאָן? עפּעס איז ער דאָך געווען אַ צענטראַלע פיגור פון דער „אויפקלערונג"־באַוועגונג! האָט דאָך דער יידישער מאָמענט געהאָט אַ ווירקונג אויף די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען און אויך אויף די, וואָס האָבן דערנערט די „וואָרצלען" פון בעטהאָווענס „מענטשלעכער און קינסט־לערישער עקזיסטענץ". פעלן דען דערויף באַווייזן?

זאָלן מיר זאָגן, אַז די פאָרגעשריטענע קרייזן אין באָן, וואָס האָבן דעם גאון דערצויגן, דווקא זיי, זאָלן האָבן געווען אַן אויסנאַם אין דייטש־לאַנד? האָבן זיי נישט געהאַט קיין באַציאונג צום אַנגעווייטיקטן יידן־פּראָבלעם פון זייער צייט? זאָלן מיר זאָגן, אַז דער רעכטלאָזער געטאָ אין באָן, די „יודן־גאַסע", האָט נישט גערירט זייער הומאַניטאַרן געוויסן? האָט מען דאָך דעם יונגן בעטהאָוון געלערנט, אַז פרייהייט פון מענטש גייט אין פּאָר מיט דער טאָלעראַנץ לגבי דעם אַנדערש־גלויביקן!

שידערמאַיר שטרייכט אונטער, אַז די דאָזיקע תורה איז דעם יונגן בעטהאָוון אַזוי אַריין אין די ביינער, אַז „דאָס געפּיל פון מאָראַל און טאָלעראַנץ איז פאַר אים נישט געווען אַ צייטווייליקע געזעלשאַפטלעכע קאָנצעסיע", נייערט אַ לעבנס־פראַגע. פאַקטיש, ווי אַזוי האָט דען דאָס געקענט זיין אַנדערש? דאָס אָוועקנעמען דעם פּרימאַט ביי דער הערשנ־דיקער רעליגיע אין לאַנד, די סעקולאַריזאַציע און מאָדערניזירונג פון לעבן, טאָלעראַנץ לגבי אַלע אמונות — דאָס איז דאָך געווען, אין יענע יאָרן, דער באַדינג פאַר עטאַבלירן די פרייהייט פון מענטש!

דער קאַמף פאַר טאָלעראַנץ, הגם ער איז בשעתו נוגע אַלע קריסט־לעכע אמונות און סעקטעס, אַלע רעליגיעזע מינדערהייטן אין די הונדערטער דייטשע לענדער און לענדעלעך ווי די אַנדערש־גלויביקע האָבן נישט געלעקט קיין האָניג — זענען אָבער די פּאַרגעשריטענע קרייזן מיט טאָלעראַנץ אויסן געווען, קודם כל דעם פרייען געדאַנק און די רעכטלאָזע יידן, וועמענס קוואַליטאַטיווער וואָג אינעם דייטשן לעבן איז אין לויף פון דעם 18־טן י. ה. געוואָרן אַלץ מער און מער סובסטאַנציעל. און אַזוי ווי די באַציאונגען צווישן קריסט און ייד באַגרענעצן זיך נישט מער צו רייך־עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען — זיי שפּרייטן זיך אויס אויך אויף אַנדערע געביטן — נעמען די פּאַרגעשריטענע דייטשע שרייבער אַ וואָרט לטובת יידן.

והראיה:

דאָס בוך „וועגן דער בירגערלעכער פאַרבעסערונג פון יידן" פון דעם דייטשן שרייבער קריסטיאַן ווילהעלם דאָהם, איינער פון די נאָענטסטע פריינט פון ר' משה מענדעלסזאָן. דאָס דאָזיקע בוך, וואָס ווערט באַטראַכט ווי איינס פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון דער „אויפקלערונגס"־ליטעראַטור, איז דערשינען אין די אַכציקער יאָרן, דאַן ווען בעטהאָוון האָט נאָך געלעבט אין באָן.

דאָס בוך, וואָס נעמט זיך שטאַרק אָן די קריוודע פונעם רעכטלאָזן ייד, האָט דאַן אַ טרייסל געטאָן מיטן געוויסן פון דער גאַנצער פּאַרגע־שריטענער וועלט; דאָרט ווערט געשילדערט דאָס טרויעריקע בילד פון דער יידישער עדה אונטער דער לאַסט פון די „קאַניבאַלע געזעצן". דער הומאַניסטישער מחבר גיט צו פאַרשטיין, אַז נישט בלויז „מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט", נאָר „די קלוגע פּאָליטיק גופא פאַרלאַנגט אַ סוף צו מאַכן צו די רדיפות און באַגרענעצונגען" פון די יידן. מען מוז פאַרבעסערן „דעם יידישן מעמד, כדי צו דערהויבן דעם מצב פון דער מלוכה". (קור־סיוו — פ.).

די דאָזיקע ווערטער האָבן בשעתו אַ בליץ געטאָן אינעם גאַנצן דייטשן רוים און אויפגעריסן די אויגן ביים פּראָגרעסיוון דייטש. זיי האָבן אים אָנגעוויזן דאָס מאַימהדיקע הימל־געשריי קעגן מענטשן, שכנים! — וואָס זענען מחויב באַטראַכט צו ווערן, ווי ברידער בתוך דעם מענטשלעכן מין.

דאָס בוך האָט געמאַכט אַ רושם אין גאַנץ אייראָפּע. דער פראַנצויז מיראַבאָ האָט עס, נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש, און פון זיין זייט צוגעגעבן אויפן אַדרעס פון די דייטשע הערשער, דאָס פאָלגנדיקע:

„אויב ווילט איר, אַז יידן זאָלן ווערן מענטשן, טאָ פאַרטרייבט פון דער געזעלשאַפט יעדע שיידונג, עפנט פאַר זיי אַלע קוואַלן פון פאַרדינסט! לאָזט זיי באַשעפטיקן זיך מיט לאַנדווירטשאַפט, מיט מלאכות, מיט טעכניק, שטיצט זיי נאָך דערין! גיט זיי מיטלען צו בילדן זיך און נישט פאַרלאָזנדיק די רעליגיע פון זייערע עלטערן, זאָלן זיי זיך באַקענען מיט די פרינציפּן פון דער מלוכה־אָרדענונג, מיט די געזעצן פון דער נאַטור, מיט די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט און פון דער מענטשהייט, וואָס זיי אַליין זענען דאָך אַ טייל פון איר" (1).

הכלל, זאָלן מיר זאָגן, אַז דער „איך באַשולדיק" פון דעם פאַרגעשריטענעם דייטש, דאָהם, איז נישט דערגאַנגען צו די פּראָגרעסיווע קרייזן פון בעטהאָווענס היים־שטאָט? זאָל מען אים נישט האָבן דערהערט, און דערביי אפשר אַ ציטער געטאָן, אין דעם סאַלאָן פון דער איידעלער מאַדאַם ברויניננג?

דאָרט — אין דער צווייטער היים פון יונגן בעטהאָוון, איז דאָך טאָלעראַנץ און דער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו" פון דייטשן פילאָזאָף קאַנט, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נייע רעליגיע!

לאָמיר אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלן אויף עפּעס אַנדערש.

ווי אַלע ווייסן, איז משה מענדעלסזאָן בשעתו געווען איינער פון די וויכטיקסטע און רעפּרעזענטאַטיווע פיגורן פון דער דייטשער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. דערצו, איז ער אויך געווען פון די בעסטע דייטשע סטיליסטן פון זיין צייט. ר' משה איז געווען באמת אַ באַרימטער דייטשער שרייבער מיט אַ שם איבער דער גאַנצער וועלט. זיינע ספרים זענען

1. גרעץ, „יידישע פאָלקס־געשיכטע", באַנד 14, ז' 136.

דערשינען אין פיל אויפלאַגעס און געוואָרן גליין איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכן. מענדעלסזאָנס ביכער פלעגן ווערן צעכאַפּט!

באַפריינדעט איז ר׳ משה געווען מיט די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון זיין צייט. זיינע ידידים זענען געווען לעסינג, קאַנט, דער מאַרקיז ד׳אַרזשענס, דער הערצאָג פון בראַונשוויג און פיל אַנדערע גרויסע דייטשע אויטאָריטעטן. הערדער און אַנדערע דייטשע שרייבער האָבן זיך געיאָגט נאָך זיינס אַ וואָרט. שילער האָט פאַר אים געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט. דער יונגער געטע — איז גליקלעך געווען אים צו האָבן אַמאָל באַזוכט. מיט די גרעסטע מענטשן פון זיין צייט איז משה מענדעלסזאָן געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ, און ווען ער איז נפטר געוואָרן, איז די באַטייליקונג אינעם טרויער געווען אַן אַלגעמיינע אין גאַנץ דייטשלאַנד, אָן אויסנאַמען.

לאָמיר נאָך צוגעבן, אויב משה מענדעלסזאָן האָט נישט דערגרייכט דעם העכסטן וויסנשאַפטלעכן שטאַפּל און נישט געוואָרן מיטגליד פון דער פּרייטישער מלוכה־אַקאַדעמיע (געווען אַזאַ פאָרשלאַג), איז דאָס געשען נאָר בלויז צוליב דער פעסטער קעגנערשאַפט פונעם מלך פרידריך, דעם גרויסן שונא ישראל. און דאָך האָט דער מלך, אויף דער דרינגלעכער בקשה פון דעם איינפלוסרייכן מאַרקיז ד׳אַרזשענס, נישט געהאַט קיין ברירה, און געמוזט דעם רעכטלאָזן ר׳ משה מענדעלסזאָן צוטיילן וווינונגס־רעכטן אין בערלין.

הקיצור, איז מעגלעך, אַז מענדעלסזאָנס ווערק זאָל מען האָבן געלייענט בארבעה פינות עולם — נאָר נישט אין דעם קולטורעל־באַרימטן און פאַר־געשריטנעם באָן? דווקא דאָ זאָל מען וועגן אים קיין אַנונג נישט האָבן געהאַט?

זאָל דער פּראָגרעסיווער עולם אין באָן עפּעס נישט האָבן געהערט וועגן מענדעלסזאָנס השקפות מכוח דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם? זיין ספּי־ריטואַליסטישער באַנעם פון רעליגיע האָט דאָך נישט געפאַלן, נישט די רבנים און אויך נישט די קריסטלעכע אָרטאָדאָקסן.

זאָל צו די פאָרגעשריטענע דייטשן אין בעטהאָוונס היים־שטאָט נישט האָבן דערגאַנגען מענדעלסזאָנס תורה וועגן טאָלעראַנץ לגבי אַלע אמונות? זיין אויפקלערונג, ווי וויכטיק ס׳איז פאַר דער פרייהייט פון

**מענטש דאָס אָפּטיילן רעליגיע פון דער מלוכה — דאָס איז צו זיי נישט דערגאַנגען?**

**עפּעס לייגט זיך נישט אין גאַנצן אויפן שכל, אַז די פּראָגרעסיווע קרייזן אין באַן זאָלן נישט האָבן דערהערט מענדעלסזאָנס פאָלגנדע רייד:**

„די רעליגיע ווייסט נישט פון קיין צוואַנג, זי ווירקט נאָר אויפן גייסט און האַרץ. זי טרייבט נישט מיט קיין אייזערנעם שטעקן, זי לייטעט מיט ליבע. איר כלי־זין זענען ווערטן; איר מאַכט — דער געטלעכע כוח פון אמת...״ („ירושלים״).

**אָדער אַזעלכע ווערטער, ווי:**

„די אמתע געטלעכע רעליגיע פאַרלאַנגט נישט דעם גוואַלד איבער מיינונגען און אורטיילן; גיט נישט, און פאַרלאַנגט נישט, קיין ערדישע גיטער, קיין רעכט אויף גענוס, באַזיץ און אייגנטום; זי קען נישט קיין אַנדערע מאַכט אויסער דעם כוח צו געווינען דורך ווערטן, צו איבערצייגן און, דורך איבערצייגונגען, גליקלעך צו מאַכן. די אמתע געטלעכע רעליגיע דאַרף נישט קיין יד חזקה, זי איז לויטער גייסט און האַרץ״. („ירושלים״).

**האָט דאָך די פּראָגרעסיווע מחנה אין באַן זיך באַנוצט מיט כמעט די זעלבע רייד אין זייער קאַמף קעגן די פינצטערע קירכע־לייט.**

**ווי שידערמאַיר גיט איבער, האָט מען אין די פּראָגרעסיווע קרייזן אין באַן גוט געקענט די שריפטן פון דעם שווייצער גלח — לאַפאַטער. אויב אַזוי, האָט מען דאָרט זיכער געמוזט קענען לאַפאַטערס באַרימטן וויכוח מיט ר׳ משה. דאָס איז געווען אַ באַרימטע פּאָלעמיק, וואָס האָט געמאַכט אַ רעש אויף דער וועלט. דער גלח האָט דאַן געמאַכט אַן איינברוך אין די פּרינציפּן פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ; — אין קליינקייט! — ער האָט מענדעלסזאָנען גערופן צום שמד!**

**קען מען צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די פּראָגרעסיווע דייטשן פון באַן האָבן זיך באַגנוגנט מיט לאַפאַטערס געדאַנקען, אָן צו קענען מענדעלסזאָנס „פעדאָן״, וואָס האָט די פּאָלעמיק אַרויסגערופן?**

שוין דער „פעדאָן" אַליין איז געווען אַ ליטעראַריש געשעעניש ביים דערשיינען. דאָס בוך איז, במשך פון פיר חדשים, אויספאַרקויפט געוואָרן און „איין אויסגאַבע האָט געפאָלגט נאָך דער צווייטער — זאָגט י. צינבערג — דער דערפאָלג פון „פעדאָן" האָט זיין גלייכן נישט געהאַט אין דער דעמאָלטדיקער דייטשער ליטעראַטור. אין אַ קורצער צייט איז דאָס ווערק איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן" (1).

אגב, לאָמיר באַמערקן, דאָס ערשטע פילאָזאָפיש בוך, וואָס דער יונגער געטע האָט גענומען אין דער האַנט אַריין, איז געווען דער „פעדאָן". אַ סימן, ווי פּאָפּולער דאָס דאָזיקע ספר איז בשעתו געווען.

נו, איז דווקא אין באָן זאָל מען דאָס בוך נישט האָבן געלייענט?

און ווי איז דאָס מעגלעך, מען זאָל אין באָן נישט האָבן געלייענט משה מענדעלסזאָנס „ירושלים", דערשינען אין יאָר 1783?

„ירושלים" איז באַרימט געוואָרן שוין בלויז מיטן דרייסטן אופן, ווי אַזוי ר' משה האָט „פּראָקלאַמירט דעם דעוויז פון טאָלעראַנץ און אמונה־פרייהייט". דאָ טאַקע, אין דעם דאָזיקן ווערק, האָבן די פאַלשע בעלי־טובות אין דער גוישער וועלט, די אַלע פאַרבאַרגענע שונאי ישראל, וואָס האָבן זיך געשלייערט אין שטרויס־פעדערן פון פּראָגרעס, אַלע האָבן זיי דאָ באַקומען אַ ווירדיקן ענטפער פון דעם שטאָלצן פאַרגעשריטענעם ייד. ר' משה, דער רעכטלאָזער ייד, אָבער דער געשעצטער, אין גאַנץ דייטשלאַנד און אייראָפּע, שרייבער און דענקער; דער זעלבער, וואָס האָט פאַרקערפּערט, אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, די יידישע באַשטרעבונג צו עמאַנ־ציפּאַציע; דער דאָזיקער ייד האָט אין זיין „ירושלים" דעם באַגריף פון טאָלעראַנץ אָוועקגעשטעלט אין זיין ריכטיקן באַדייט און בסוף פון זיין ספר געשריבן אַזוי:

„אויב קענען מיר, די בירגערלעכע פאַראייניקונג (געמיינט גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן מיט קריסטן — ע. פּ.) דערגרייכן פאַרן פרייז נאָר פון אָפּזאָגן זיך פון אונזער געזעץ (געמיינט אמונה — ע.פּ.) וואָס מיר האַלטן, ווי אַ מוז פאַר זיך, וועלן מיר — ווי ווייטיקדיק

1. י. צינבערג „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", באַנד 7.

דאָס זאָל אונז נישט זיין — גיכער אָפּזאָגן זיך פון דער בירגער־לעכער פאַראייניקונג. פון אונזער געזעץ קענען מיר נישט אָפּטרעטן מיט אַ ריין געוויסן, און אויף וואָס טויגן אייך מיטבירגער אָן אַ ריין געוויסן?...״ (1).

**י. צינבערג שרייבט, אַז:**

„די גרעסטע דענקער בשעתו האָבן עס (דאָס בוך „ירושלים״) ענטוזיאַסטיש באַגריסט. מיראַבאָ האָט דערקלערט, אַז „מענדעלס־זאָנס „יערוזאַלעם״ פאַרדינט מען זאָל עס איבערזעצן אין אַלע שפּראַכן״.

קאַנט האָט צו מענדעלסזאָנען געשריבן, גלייך נאָכן דערשיינען פון ווערק:

„איך האַלט דאָס דאָזיקע בוך פאַר דעם אָנזאָג פון אַ גרויסער רעפאָרם, וואָס וועט — אמת — ערשט ביסלעכווייז און לאַנגזאַם פאַרווירקלעכט ווערן, אָבער נישט בלויז בנוגע אייער נאַציע אַליין, נאָך אויך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער״ (2).

**צוליב דער גרויסער וויכטיקייט, איז דער בריוו פון קאַנט, נישט געקוקט אויף זיין פּערזענלעכן כאַראַקטער, גלייך פּובליצירט געוואָרן אין דעם העברעאישן זשורנאַל פון די השכלה־חסידים — „המאסף״.**

**עפּעס האָט מען היינט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז משה מענדעלסזאָן איז געווען אַ צענטראַלע פיגור פון דער דייטשער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין יענע יאָרן; אַז ער האָט מיט זיינע רעיונות געשטאַלטיקט אירע באַ־שטרעבונגען.**

**ר׳ משה איז נישט געווען בלויז דער באַקעמפער פון אַלע קאָנסער־וואַטיווע דאָגמאַטיקער. ער האָט אויך געהאַט השקפות וועגן מדינה און געזעלשאַפט, וועגן מאָראַל און פאָרמען פון לעבן. און כאָטש זיינע מעטאַ־פיזיש־פילאָזאָפישע איבערצייגונגען האָבן זיך נישט געדעקט מיטן ראַציאָ־נאַליסטישן באַנעם פון די „אויפקלערער״, האָט ער זיך אָבער מיט זיי**

---

1. ש. דובנאָוו, „געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע״, ב. 7. ווי אויך — Hilde Spiel, Fanny v. Arnstein, S. 133.

2. י. צינבערג, דאָרט.

**צונויפגעטראָפן אין אַלע אַנדערע פראַגן.**

**די „אויפקלערונג", דאַרף מען אונטערשטרייכן, איז נישט געווען בלויז אַ באַוועגונג קעגן דער רעליגיעזער סקלעראָזע; זי איז געווען:**

„אַ הומאַניטאַרע רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אויף אַלע לעבנס־געביטן. זי האָט פאַרקערפערט אַ קולטור־געשיכטלעכן קריזיס".

**זי האָט געשטרעבט אָוועקצושטעלן:**

אויפן פּלאַץ פון דער אויטאָריטעט, די אויטאָנאָמיע; אויפן אָרט פון אונטערטעניקייט און אָפּגעגנקייט, האָט זי געוואָלט איינ־פירן עמאַנציפּאַציע; אויפן פּלאַץ פון דער קירכע — די פעסטונג פון געוואַלד, האָט זי געטראַכט איינשטעלן די מלוכה; אויפן פּלאַץ פון געוויסן־צוואַנג, איינפירן פרייהייט פון געוויסן; אַנשטאָט דער טאָטאַליטאַרער מאַכט, אַרויסהויבן דאָס רעכט פון יחיד; אויפן אָרט פון דער דאָגמע — דעם שכל פאַרשלאָגן; אויפן פּלאַץ פון אונטער־דריקונג, איינפירן טאָלעראַנץ" (1).

**עפּעס האָט מען אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז משה מענדעלסזאָן איז געווען פון די ערשטע אין אשכנז, וואָס האָט די דאָזיקע פּאָסטולאַטן אַרויסגערוקט און זיי באַגרינדעט; ער האָט מיט דער גרעסטער דרייסטקייט זיך אָפּגעזאָגט פון אויסגעטראָטענע וועגן און דערמיט געדינט פאַר אַ ביישפּיל צו אַנדערע פאַרגעשריטענע דייטשן.**

**שוין אין 1756, אין בערלין, האָט משה מענדעלסזאָן צוזאַמענגעאַרבעט מיטן דערמאָנטן דייטשן שרייבער ניקאָלאַי (געב. 1733 — געשט. 1811), דעם „וואַנדער־פּרעדיקער פון דער אויפקלערונג". ניקאָלאַי, וואָס איז געווען די טרייב־קראַפט פון דער דאָזיקער באַוועגונג, האָט געשאַפן דאַן די צייטשריפט „ביבליאָטעק דער שענען וויסנשאַפטן און דער פרייען קינסטע". ער האָט אויך אויסגעאַרבעט די פּלאַטפאָרם פון דער באַוועגונג און אָוועקגעשטעלט פאַרן ערשטן פאַרלאַנג — טאָלעראַנץ!**

**אַ פּאָר יאָר שפּעטער, האָט שוין מענדעלסזאָן מיט לעסינגן צוזאַמען געשאַפן און פאַרוואַלטעט די באַרימטע צייטשריפט „ליטעראַטור־בריפע":**

---

1. Hilde Spiel. Fanny v. Arnstein, S. 129-30.

דאָס איז געווען דער ערשטער קול קורא אין דייטשלאַנד, וואָס האָט, אַן שרעק און מורא, געפּרעדיקט אַן אומאָפּהענגיקע און דרייסטע קריטיק. מענדעלסזאָן האָט דאָרט, אויף די שפּאַלטן פון זשורנאַל, אַפילו נישט מורא געהאַט אַראָפּצורייסן די מיטלמעסיקע פּערזן פון פּרייסישן קעניג — פריד־ריך דעם גרויסן!

עפּעס האָט מען אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז צו ר' משה'ס רייד האָט מען צוגעלייגט אַן אויער אין דייטשלאַנד, און אויך אין גאַנץ אייראָפּע. יעדעס וואָרט זיינס האָט מען געמאָסטן און געוווגן; דער עיקר — אין די פּראָגרעסיווע קרייזן. אַז זיינע געדאַנקען האָבן משפּיע געווען דאָס פאַר־געשריטענע דייטשנטום, איז צו זען פון זיינעם אַ בריוו צו לעסינגן, וואָס ברענגט אַרויס דעם מצב פון טאָלעראַנץ און די באַציאונג צום יידישן מענטשן אין יענע יאָרן.

ר משה שרייבט, אַז ער דאַנקט די השגחה, וואָס ער האָט זוכה געווען, ביים סוף פון זיין לעבן, צו זען דעם „גליקלעכן צייטפּונקט", ווען די „רעכט פון דער מענטשהייט" (אונטערגעשטראָכן דורך מענדעלסזאָנען אַליין) ווערן אָנערקענט אין זייער אמתן פאַרנעם, ווען מען פלייסט זיך, קודם כל „דעם מענטש, ווי אַ מענטש צו באַטראַכטן".

אַז מיט די ווערטער „דעם מענטש, ווי אַ מענטש צו באַטראַכטן" מיינט ר' משה דעם ייד, איז קלאָר ווי דער טאָג. אויך קלאָר ווי דער טאָג, אַז נישט די הערשער פון אשכנז, וואָס האָבן מסדר געווען די „קאַניבאַלע געזעצן", כדי צו טרעטן דעם יידישן מענטש מיט די פיס, נישט זיי און נישט זייערע קאָנסערוואַטיווע משרתים פאַררעכנט ר' משה צו די יעניקע, וואָס פלייסן זיך „דעם מענטש, ווי אַ מענטש צו באַטראַכטן". מיינען, מיינט ער דאָ, די ליכטיקע כוחות פון באַנייאונג און פאַרשריט, וואָס זענען פאַרשפּרייט איבער אַלע ווינקלען פון דייטשלאַנד; און בתוכם פאַר־שטענדלעך — אין באַן, אין דער שטאָט, וווּ בעטהאָוון האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן פון באַגינען, און אַ דאַנק די כוחות פון באַנייאונג, געוואָרן אַ מענטש!

לאָמיר זיך נאָר געבן אַ דערמאָן.

ווען די באַפעלקערונג פון באָן האָט בסוף 18־טן י. ה. צעבראָכן די טויערן פון דער „יודן־גאַסע", האָט זי דאָס געטאָן, זאָגט מען, בששון

ובשמחה. די שמחה פון אָפּשאַפן די יידישע רעכטלאָזיקייט, איז זיכער ביי די באָנער דייטשן נישט געווען אַן ענין פון קאָניונקטור, נייערט פריינט־שאַפט און מענטשלעכקייט!

צום באַדויערן, ווערט וועגן דעם יידישן אַספּעקט אין דער בעטהאָווען־פאָרשונג, מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט.

זאָל מען זאָגן, אַז דער מחבר פון דעם אינטערעסאַנטן און גרונטיקן בוך — „דער יונגער בעטהאָוון" — האָט נישט געהאַט קיין ידיעות וועגן יידישן קאָמפּאָנענט אין דער דייטשער פּאָרגעשריטענער באַוועגונג — צו יענער צייט? אים זאָל נישט זיין באַקאַנט, אַז דער אויפגעקלערטער עולם אין באָן האָט געהאַט אַ משא ומתן מיטן רעכטלאָזן געטאָ, מיט דער „יודן־גאַסע"? נו, אויב אַזוי, פון וואַנען זאָל אים איינפאַלן, אַז אין דער אויס־פורעמונג פון יונגן בעטהאָוון האָט זיך אויך אַריינגעוועבט אַ פאָדעם פון אַ יידישער השפעה?

און דאָך ברענגט אונז דאָס בוך „דער יונגער בעטהאָוון" איינצלנע ידיעות וועגן יידן אין באָן. אָט, לייענען מיר דאָרט אַ פּאָר שורות וועגן דער „יודן־גאַסע" מיטן יידישן „שאַכער". ל. שידערמאַיר ברענגט אונז אויך אַ גרוס פון משומדים, וואָס טוישן זיך זייערע יידישע נעמען ביים שמד. יאָ, ער זאָגט אויך אַ פּאָר ווערטער וועגן ר' ברוך בן שמעון, דעם הויף־ייד, וואָס האָט געהאָלפן גלייכשטעלן די צעפּאָרענעווירטשאַפט פון לענדל, בשעת בעטהאָוון האָט געלעבט אין באָן. דערביי גיט דער מחבר אָנצו־הערן, אַז ר' ברוך איז נישט געווען קיין אָרנטלעכער מענטש...

דאָ וואָלטן מיר אוודאי געקענט פרעגן אַ קשיא, און מיט רעכט! — מאי קא משמע לן די פּאָר אָפּגעריסענע ידיעות וועגן יידן אין באָן? אַגב, אונטערגעטראָגן מיט אַ בפירוש אַנטיסעמיטישער אינטענץ?

ממה נפשך.

אויב האָט די רעכטלאָזע יידישע עדה אין באָן זיך נישט אויסגעווירקט מיט עפּעס אויף דער פּאָרגעשריטענער שטאָט־עליטע, אויף די, וואָס האָבן משפיע געווען בעטהאָוונס אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, איז נאָך וואָס פּאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ „יודן־גאַסע"? און דערצו נאָך דווקא דערמאָנען יידן וואָס „שאַכערן"!? וועמען קענען יענע אָנגייען יידן, וואָס טוישן זיך נעמען ביים שמד? וואָלטן זיי כאָטש, ביי ל. שידערמאַיר, געהאַט

אַ שייכות צום יונגן בעטהאָווען. דווקא, די „יודן־גאַסע" מיטן „שאַכער" האָט דעם דייטשן פאַרשער אויסגעפּעלט ביים מאָלן דעם שטאַטישן פּייזאַזש פון בעטהאָווענס געבורט־שטאָט?

אויב, ווידער, האָט דער רעכטלאָזער געטאָ יאָ אַ שייכות צום ענין — אפשר האָט ער סטימולירט די פּראָגרעסיוו־דענקענדע שטאָט־באַפעלקערונג, זי זאָל „דעם מענטש (לייען — ייד), ווי אַ מענטש באַטראַכטן" — איז פאַרוואָס טאַקע נישט אַרומרעדן ברייטער דעם ענין און דערביי אויפקלערן, אַז די יידישע רעכטלאָזיקייט, (אויך זי), האָט געהאַט אַ ברירה משפיע צו זיין בעטהאָווענס רעוואָלט־מאָטיוואַציע!

איז דאָך בעטהאָווען געווען אַ קינד פון דורות סאָציאַל־פאַרשעמטע מוזיקער. אַ דאַנק דער הומאַניסטישער דערציאונג, האָט זיך אַ ברירה געהאַט, ביי דעם פילבאַרן בחור צו אַנטוויקלען אַ סאָלידאַריטעטס־געפיל צו מענטשן באַעוולטע און דערנידעריקטע.

און פאַרוואָס טאַקע נישט אַריינקוקן אַ ביסל טיפער אין דער „יודן־גאַסע"? מעגלעך, אַז מחוץ דעם „שאַכער", וואָלט דער מחבר דאָרט געפונען נאָך אַנדערע מער אינטערעסאַנטע זאַכן; ער וואָלט דאָרט געפונען יידן, וואָס זענען געזעסן ביי איין טיש דווקא מיט די פּראָגרעסיווע דייטשן אין שטאָט און מיט זיי צוזאַמען געטראַכט, ווי אַזוי צו ברענגען די ישועה פאַרן מענטש!

ביי אַן ערנסטן און דרינגלעכערן אַריינבליק אין דער „יודן־גאַסע", וואָלט דער מחבר אפשר געקומען צום אויספיר, אַז דער יידישער קאָמפּאָנענט (אויך ער), האָט עפּעס צו שטייער געגעבן צו דער אויספורעמונג פון בעטהאָווענס הומאַניסטישן האָריזאָנט. אָן דעם יידישן מאָמענט, וואָלט אפשר בעטהאָווענס הומאַניסטישער האָריזאָנט נישט דערגרייכט דעם פולן הויך־מענטשלעכן רעליעף זיינעם.

ל. שידערמאַיר, וואָס ווערט באַטראַכט פון אַלע בעטהאָווענאָלאָגן פאַר דעם סאַמע קאָמפּעטענטסטן קענער פון בעטהאָווענס באָנער תקופה, ער וואָלט וועגן יידישן מאָמענט געהאַט, וואָרשיינלעך, אַ סך וואָס צו דערציילן — וואָלט ער נאָר געוואָלט! איז ער דאָך אַלע זיינע יאָרן געווען דער לייטער פון דעם א. ג. „בעטהאָווען־הויז" (אַ פאָרש־אינסטיטוט) אין באָן, און געהאַט אַ צוטריט צו אַלע מעגלעכע אַרכיוון אין שטאָט. די

וווּנדערבאַרע קולטור־פּאַנאָראַמע פון באָן בעת דעם 18־טן יאָרהונדערט — ער שילדערט זי מיט שווונג און גרויס בקיאות — איז דערויף אַן עדות. ווען ער שילדערט דעם לעסינג־קולט אין שטאָט, פּילט מען, ווי ער האָט געבענטשט און געזוכט; און דאָך, וועט איר ביי אים קיין וואָרט נישט געפונען וועגן לעסינגס פּיעסע „די יידן"; קיין סימן נישט וועגן רושם וואָס „נאַטאַן דער ווייזע" האָט אין באָן געמאַכט. גלייך ווי דאָס קרוין־ווערק פון לעסינגן, דער דמות פון משה מענדעלסזאָן און זיינע אידעלע מחשבות, וואָלט נישט געווען דער זעניט פון די הומאַניטאַרע באַשטרע־בונגען פון יענע צייטן!

יאָ, אויב מען וויל, קען מען דעם דאָזיקן דייטשן מחבר געפונען אַ זכות. דוכט זיך, אַז ער האָט געהאַט אַ כוונה צו ווערן פאַרשווייגן די דייטשע פּראָ־יידישע סימפּאַטיעס פון בשעתו. און אָט, וועלן מיר באַלד זען.

דאָס ווערטפולע בוך האָט, ווי געזאָגט, זוכה געווען צו דריי אויפ־לאַגעס. די ערשטע — איז אַרויס אין יאָר 1925. די צווייטע אויפלאַגע — אין 1939, ד. ה. שוין אין די נאַצי־יאָרן, ווען מען האָט שטאַרק אַכט געלייגט אויף די א. ג. ראַסן־ריינקייט. קען זיין, דערפאַר באַמיט זיך דער מחבר צו באַווייזן דעם ריינעם אַרישן אָפּשטאַם פון בעטהאָווענען. דערצו שטיצט ער זיך אויף ראיות גענומען פון נאַצישן „אוצר".

קומט אָבער די דריטע אויפלאַגע, שוין נאָך דער מלחמה, אין 1949 און דאָרט ווערן איבערגעחזרט די זעלבע חכמות מכוח בעטהאָוונס ראַסן־כשרות, אַריינגערעכנט, פאַרשטייט זיך, אַלע נאַצישע מקורות, געננוי, ווי אין דער צווייטער אויפלאַגע פון 1939... וואָס איז דאָ דער שכל?

מילא, בימי הנאַצים י״ש, האָט ל. שידערמאַיר נעבעך נישט געהאַט קיין ברירה. ווייסן מיר אָבער, אַז אין 1949, גאַנצע פיר יאָר נאָך דער מלחמה! — דאַן האָט מען נישט געמוזט מדקדק זיין אויף ראַסן־ריינקייט...

איז דערפון געדרונגען, אַז ל. שידערמאַיר איז גאַנץ ווייט פון אהבת ישראל. יאָ, אגב, איז ער אויך אַ שונא די פראַנצויזן.

ביי אַזאַ מעמד, איז דעם דאָזיקן דייטשן פאַרשער שטאַרק נישט צום האַרצן, אַז זיין „ראַסן־ריינער" בעטהאָוון זאָל זיך האָבן דערצויגן אין

ליכט פון פראָ־יידישע סימפּאַטיעס. היינט, ווער שמועסט, אַז פּראָ־יידישע סימפּאַטיעס און טענדענצן זאָלן, חלילה, האָבן צושטייער געגעבן צום געשטאַלט פון בעטהאָוונס הומאַניזם, אַז באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן!...

נאָך דאָס האָט דעם דאַזיקן דייטש געפעלט...

## — 7 —

וועגן דער שטאָט באָן בעת דעם 18־טן י. ה. איז פאַראַן אַ רייכע און מאָדערנע פאָרשונג; אָבער, דערנענטערן זיך צו איר דאַרף מען מיט אַ געוויסער פאָרזיכט. דער רוב פאָרשער זענען שפּעטעריש געווען נאָך אין די צייטן פון נאַצי־דייטשלאַנד, און נאָך היינט גנבט זיך דורך, ביי געוויסע, אַ שאָוויניסטישער טשאַד, וואָס גיט דער פאָרש־אַרבעט אַ גאַנץ באַזונדערן טעם...

אויב איז די פאָרשונג וועגן באָן אינעם לעצטן דריטל יאָרן פון 18־טן י. ה. רייך מיט גביעת עדות, וואָס באַווייזן, אַז די געבוירן־שטאָט פון בעטהאָוון איז בשעתו אַ וויכטיקער פּראָגרעסיווער צענטער אין דייטשלאַנד, איז די זעלבע פאָרשונג, בדרך כלל, קאַרג ביז גאָר ווען ס׳קומט צו ידיעות בנוגע די פּראָ־יידישע שטימונגען בתוך דער פאָרגעשריטענער מחנה אין באָן.

און דאָך פעלן נישט קיין באַווייזן וועגן אַזעלכע שטימונגען אין דער שטאָט.

מיר ווייסן גאַנץ גענוי, אַז בשעת די יאָרן פון בעטהאָוונס באַגינען, זענען די פאָרגעשריטענע דייטשן אין באָן געזעסן צוזאַמען, ביי איין טיש, מיט יידן פון געטאָ און געזעלשאַפטלעך צוזאַמענגעאַרבעט — ווי ס׳איז דער פאַל פון דער א. ג. „לעזעגעזעלשאַפט”.

די דאָזיקע פריינטלעכע באַציאונגען זענען אַ פועל יוצא געווען פונעם כאַראַקטער פון דער באָנער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, וואָס אינעם וויכוח מיט די קאָנסערוואַטיווע כוחות, איז זי געשטאַנען אויפן צד פון מענטשן־רעכט, רעליגיעזער טאָלעראַנץ און פעלקער־פריינטשאַפט. די דאַ־

זיקע דייטשן זענען געווען אַפּאָסטאָלן פון דער „דריי־רינגען״ תורה פון לעסינג און זיין פריינט ר׳ משה!

דאָ איז אַ יושר אונטערצושטרייכן אַ וויכטיקן פּרט.

אַלע די, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם יונגן גאון פון באָן; די אַלע, וואָס האָבן באַפרופּערט דעם אויספורעם פון זיין גייסטיקן און קינסטלערישן האָריזאָנט, האָבן זיך אַלע, אָן אויסנאַם, גרופּירט אין דער א. ג. „לעזעגעזעלשאַפט״. אַלע זענען זיי געווען די סאַמע שאַרפסטע קעגנער פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם און פון סאָציאַלע פּאַראורטיילן; די סאַמע דרייסטע מורדים קעגן דעם קירכע־דרוק זענען זיי געווען; זיי זענען געווען די שאַרפסטע חסידים פונעם פרייען געדאַנק.

וואָס איז אַזוינס געווען די „לעזעגעזעלשאַפט״ אין באָן?

אין דער צווייטער טייל פון דעם 18־טן י. ה. האָבן אין דייטשלאַנד, אויפן שטייגער פון אַנדערע לענדער אין אייראָפּע, גענומען זיך באַווייזן קולטור־חברות מיט אַ שאַרפער קאָנטעסטאַטאָרישער באַפאַרבונג. דער שורש פון זייער געבורט האָט געשטעקט אינעם באָדן פון דעם ראַציאָנאַליסטישן באַנעם, און אין דער באַשטרעבונג צום פרייען געדאַנק. דער ליבעראַליזם, ווי אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע שיטה, איז געווען זייער טויף־שיין. כאָטש דער עצם צוזאַמענשטעל זייערער איז נישט געווען פונעם סאַמע בירגערלעכן שטאַנד — דער שיכט איז דעמאָלט, אין דייטשלאַנד נאָך אַלץ אין די וויקעלעך — איז אָבער די פאָן זייערע געווען דער אידעאַל פונעם מערב אייראָפּעאישן בירגערטום, אַזוי ווי דער דריטער שטאַנד אין פראַנקרייך האָט דאָס אויסגעדריקט אין דער רעפּובליקאַנישער דריי־אייניקייט, דהיינו: — פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט!

אין אייראָפּע האָבן זיך אַזעלכע חברות גערופן, ליטעראַרישע געזעלשאַפטן, כאָטש מחוץ ליטעראַטור האָבן זיי זיך פאַרנומען אויך מיט פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַטראַכטונגען. אין דייטשלאַנד, האָבן זיי זיך אַ נאָמען געגעבן — לעזעגעזעלשאַפטן״.

מחמת זייער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט, האָבן די „לעזעגעזעלשאַפטן״ אין דייטשלאַנד געהאַט אויסצושטיין אַ זייער שווער לעבן. דער קאָנסערוואַטיזם, דער עיקר, די קירכע, איז זיי דערגאַנגען די יאָרן.

דערביי איז דער שאַרפסטער שונא זייער געווען די קאַטוילישע קירכע. דאָרט, ווו זי האָט געהאַט אַ דעה, האָט זי לאַנגע יאָרן נישט דערלאָזט צו גרינדן אַזאַ געזעלשאַפט.

נאָך אין יאָר 1770, באַקלאָגט זיך אַ באַקאַנטער ליטעראַט פון דעם קאַטוילישן קעלן: „מיר זענען אָפּגעזונדערט פון דער געבילדעטער וועלט, ווי אַן אינדזל!".

מחמת זייער אויסגעשפּראָכענער שנאה צו דער קירכע, דעם באַסטיאָן פון פעאָדאַליזם, אָרגאַניזירן זיך די דייטשע „לעזעגעזעלשאַפטן", קודם כל, אין די נישט־קאַטוילישע דייטשע לענדער. דער כסדרדיקער וווּקס פון די פּראָגרעסיווע שטימונגען האָט אָבער בסוף אויך איינגעבראָכן דאָס עקשנות פון דער קאַטוילישער קירכע, און די „לעזעגעזעלשאַפטן" האָבן זיך גענומען באַווייזן אומעטום — אין גאַנץ אשכנז.

אין באָן, ווו דער הערשער פונעם לענדל איז געווען אַ קאַטוילישער קירכע־פּרינץ, איז די „לעזעגעזעלשאַפט" געבוירן געוואָרן יעצט סוף פון די אַכציקער יאָרן. מען האַלט, אַז די טרייב־כוחות, ביים גרינדן די „לעזע" אין באָן, זענען געווען די דייטשן, וואָס האָבן אין די יאָרן 1785 — 1782 געבילדעט די ראַדיקאַלע מאַסאָנען־לאָזשע, די „אילומי־נאַטן", אָנגעפירט, ווי מיר ווייסן, דורכן רבין און מורה־דרך פון יונגן בעטהאָווען — ק. ג. נעפע. ווי מיר ווייסן, איז די דאָזיקע לאָזשע, צוליב איר שאַרפן קאָנטעסטאַטארישן כאַראַקטער, שטאַרק גערודפט געוואָרן דורכן מלכות. דער קורפירשט, מאַקס פראַנץ, דער הערשער פון דער מדינה, איז דער לאָזשע געווען אַ דם־שונא! ער האָט אין איר געזען די סיבה פון אַלע צרות אין לאַנד. זי איז אים שולדיק געווען אין דעם אַנטיקאָנפאָרמיזם פון דעם אוניווערסיטעט אין באָן; איר שולד איז געווען די שאַרפע קירכע־קעגנערשאַפט בתוך דער שטאַט־עליטע; ער האָט די לאָזשע חושד געווען, אַז זי פּאָפּולאַריזירט די מער עקסטרעמע לאָזונגען פון דער „אויפקלערונג" (דייטשע השכלה) צווישן דעם איידעלערן טייל דייטשן, וכדומה. אַפילו די מפּלה פון זיין טראָן — אויך דאָס, האָט ער שפּעטער אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס פון די „אילומינאַטן". אגב, איז דער פירשט אין זיינע טענות נישט געווען אין גאַנצן אומגערעכט...

עס ווערט אָנגעוויזן, אַז היות, ווי די ביים לעבן איבערגעבליבענע

מיטגלידער פון דער „אילומינאַטן״ לאָזשע זענען אַריין אַלע אין דער „לעזע״, און געהאַט דאָרט די הויפּט־דעה, איז געדרונגען, אַז די אויפגעלעזטע מאַסאָנען־לאָזשע האָט ממשיך געווען פשוט איר טעטיקייט — נאָר בתוך דער „לעזעגעזעלשאַפט״; און דאָס ביז 1794, ווען זי האָט זיך אַליין אויפגעלעזט, צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה מיטן רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך. (האַנסען: „קוועלן צור געשיכטע דעס ריינלאַנדעס אים צייט דער פראַנצויזישן רעוואָלוציאָן״, באָן, 1931 (1).

פון די סאַמע ערשטע און טיכטיקע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט, איז געווען פּראָפעסאָר עלאָגיוס שניידער, דער פייערדיקער פּאָעט, דער רעוואָלוציאָנערער, וועמענס כתבים דער פויפּסט האָט געלייגט אין חרם אַריין.

אויב האָט די „לעזע״ אין באָן נישט געפונען ביי די ברייטע פאָלקסשיכטן קיין גרעסערן אָפּקלאַנג, האָט זי אָבער גלייך ביים געבוירן, געשאַפן זיך אַ שונא אין די קאָנסערוואַטיוו־קאַטוילישע קרייזן.

די הויפּט־קוואַרטיר פון די דאָזיקע לייט איז איינגעשטאַנען אין קעלן. פון דאָרט אויס האָבן די קאַטוליש־קאָנסערוואַטיווע געפירט אַ קאַמף קעגן דעם אוניווערסיטעט אין באָן, און קעגן דער גאַנצער שטאָטישער „אויפקלערונג״. וואָס מער דער אָנזען איז פון דער „לעזעגעזעלשאַפט״ געוואַקסן, אַלץ פיבערדיקער איז דער קאַמף געוואָרן פון דעם רעאַקציאָנערן קעלן. זיי זענען אַרויס קעגן די באָנער אויפקלערער מיט גיפטיקע פאַמפלעטן און ממש מיט מיאוסע מסירות צום קורפירשט. אַפילו דער פויפּסטלעכער נונציוס האָט צוגעלייגט אַ האַנט, כדי צו פאַרדינען אַ מצוה און באַקעמפט די „לעזע״ אין באָן.

אָבער נישקשה; אין דער רעזידענץ־שטאָט באָן, האָט זיך די פאַרגעשריטענע מחנה געגעבן אַן עצה — זי איז קיינעם נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער!

ק. רוקשטול, דער היסטאָריקער פון דער „לעזעגעזעלשאַפט״ אין באָן, רעדט וועגן אַ פּובליציסטישער מלחמה צווישן באָן און קעלן (2).

---

1. Max Braubach, Max Franz.
2. K. Ruckstuhl. Geschichte der Lese.

אין תוך, איז די „לעזע״ אין באַן געווען אַ באַוועגונג פון יונגע מענטשן. איר ראש המדברים, קאַספּאַר אַנטאַן פאַן מאַסטיאַ, אַ יונגער גייסטלעכער געקומען פון אויגסבורג, איז אַלט געווען אין גאַנצן 24 יאָר. דער דאָזיקער טעמפּעראַמענטפולער בחור, מיט אַ דראַנג צו מעשים, איז גאַנץ יונג צוגעשטאַנען צו די נייע אידעען; אין באַן, ווו ס׳האָט געוווינט זיין גאַנצע משפחה, איז ער געוואָרן דער סאַמע ליידנשאַפטלעכער פּרעדיקער פון די נייע געדאַנקען. ער איז געווען דער מיטגרינדער פון דער „לעזע״; טראָץ זיין יונגן עלטער, האָט ער שנעל געגומען דאָרט שפּילן די ערשטע פידל און געגאָסן פון גרויס אָנזען. זומער־צייט 1789 איז ער געוואָרן סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט און שפּעטער, פרילינג 1790, איז ער, דורך וואַלן, געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער חברה.

בעת אַ פייערונג, ווינטער־צייט 1789, אַ פּאָר מאָנאַטן בלויז נאָכן שטורעם פון דער באַסטיליע, האָט פאַן מאַסטיאַ געהאַלטן אַ רעדע; זי קען באַטראַכט ווערן, ווי אַ מין אָנגעצייכנטער פּראָגראַם פאַר דער ״לע־זעגעזעלשאַפט״. ווי דער שטייגער, איז דאָס געווען — זאָגט ק. רוקשטול, דער היסטאָריקער פון דער „לעזע״ אין באַן — אַ הימען־געזאַנג פאַר דער נייער צייט, ווי אויך אַ פלאַמיקער רוף צום זיג פון דער „אויפקלערונג״ (השכלה) אין דעם קורקעלנישן פירשטנטום.

ווען מען דערמאָנט זיך וויפל סימפּאַטיע ס׳פלעגן שענקען די דאָזיקע דייטשן צו די געשעענישן אויפן צווייטן זייט רהייז, ווערט קלאָר דער פשט פון פאַן מאַסטיאַס הימען־געזאַנג פאַר דער נייער צייט; און אויך פאַרשטייט מען דעם באַדייט פון זיין פלאַמיקן רוף צום זיג פון דער דייטשער השכלה אין אייגענעם לאַנד.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז די מערהייט דייטשע אינטעלעקטועלע, בתוכם קינסטלער, האָבן אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געלייגט בשעתו גרויסע האָפנונגען. זיי האָבן דערוואַרט פון איר דעם זיג פון „ליכט״. איז יענע יאָרן האָט דאָס געוואָלט זאָגן — באַזיגן אַלע כוחות פון רעאַקציע: איינשטעלן בילדונג פאַר אַלע, טאָלעראַנץ פון גלויבן און טראַכטן; פולע רעכטן פאַר אַלע, אַז הערשן זאָל די גלייכהייט, פריי־הייט און ברידערלעכקייט. דאָס האָט דאַן געהייסן — באַזייטיקן די העגע־מאָניע פון די פּרינצן און אַריסטאָקראַטן, אַ סוף מאַכן צו אַלע מיני

**טיראַניעס. דאָס האָט געהייסן, עפּענען אַ וועג פאַר דער פרייער אַנט־וויקלונג פון מענטש, דעם פולשטענדיק־אומאָפּהענגיקן און אויטאָנאָמען אין זיין מאָראַלישן באַוווסטזיין.**

**קאַספּאַר אַנטאָן פאָן מאַסטיאַ האָט טאַקע אויפגעהויבן זיין שטימע און פּאַטעטיש אויסגערופן:**

„גענוג שוין האָט אונזער פאַטערלאַנד צו קרעכצן אונטערן יאָך פון אומויסן. גענוג לאַנג געווען געבונדן צום תליה־שטריק פון פאָראורטייל. די שאָטנס פון פינצטערניש שוועבן נאָך אַלץ אַרום איבער אונזער האָריזאָנט" (1).

**דער רעדנער האָט אַנגעוויזן אויף די צרות און נויט, וואָס הערשן אין לאַנד; ער האָט אַנגעוויזן אויפן קלאָגנדיקן מצב פון די מלוכה־איינ־ריכטונגען; אויף דעם רשעות בין אדם לחברו, וואָס הערשט אין דעם קורקעלנישן פאַטערלאַנד. ער האָט אַרויסגעבראַכט זיין איבערצייגונג, אַז אַלע געזעלשאַפטלעכע שטאַנדן, אַלע מענטשן אין לאַנד וועלן בעסער און גליקלעכער קענען לעבן — נאָר אַ דאַנק „דעם ענערגישן פאָראויס־גאַנג אויפן וועג צו ליכט!".**

**הקיצור, נאָר אַ דאַנק די אידעען פון דער השכלה!**

**איז וואָס־זשע דאַרף טאָן דערצו די „לעזעגעזעלשאַפט"?**

**פאָן מאַסטיאַ איז ביי דער מיינונג, אַז זי האָט אַ זייער וויכטיקע פונקציע אויסצופירן.**

פריינט! — רופט אויס דער יונגער ראש המדברים — פאַר אונז שטייט אַ וועלט מיט אַרבעט. דאָס פעלד, וואָס מיר דאַרפן צעאַקערן איז גרויס. דער בירגער — דער איזאָלירטער, איז אָן כוחות און וואַגט נישט צו קעמפן. פאַראַן פאַרשידענע צרות, וואָס צוימען זיין גייסט צו טראַכטן. זיי לאָזן אים נישט ווירקן.

ביי אַזאַ לאַגע קוקט ער אַרויף צו אונז און וואַרט, מיר זאָלן אים העלפן, אונזער געזעלשאַפט זאָל אים אָקעגנקומען".

1. K. Ruckstuhl, Geschichte der Lese.

פון די דאָזיקע רייד איז געדרונגען, אַז די „לעזעגעזעלשאַפט" האָט פאַר אַ חוב צונויפצוזאַמלען אַלע צעשטויבטע כוחות פון דער „אויפ־קלערונג", ד. ה. — אַלע השכלה־כוחות — בכדי זי זאָל „ווי אַ ליכט־טורעם נעמען אויסשטראַלן אַ וועג — אַ ריכטונג". זי מוז ווערן דער מורה־דרך, דער הויפט־קוואַרטיר פון דער השכלה אין דעם גאַנצן לאַנד.

פאַן מאַסטיאַ וויל נישט זיין באַשרענקט, ווי דער רוב „לעזעגעזעל־שאַפטן", בלויז צו דער קולטורעלער אַרבעט. זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גייס־טיקע אייניקייט, — דאָס וויל ער נישט. לויט אים, האָט די „לעזעגעזעל־שאַפט" אַ פליכט צו פאַרנעמען זיך מיט נאָך אַנדערע זאַכן — מער וויכטיקערע.

„די בלויזע צונויפזאַמלונג איז נישט אונזער לעצטער צוועק — דערקלערט אין זיינע רייד פאַן מאַסטיאַ. — אויב ציילט זי (די „לעזעגעזעלשאַפט") הונדערט טעטיקע מענער — דעם קערן פון פאָלק, מענער פון יעדן געזעלשאַפטלעכן שטאַנד, פון יעדן קלאַס; אויב זענען זיי געבונדן צו אַ געמיינזאַמען ציל, אויב ווילן זיי איינפירן אין יעדן ווינקל פון אונזער מלוכה דאָס הייליקע פייער פון דער „אויפקלערונג", אויב זענען זיי פעאיק צו דערנערן, אונטערהאַלטן, באַמערקן יעדן פעלער, אויפכאַפּן יעדעס הייל־מיטל, אַוועקגעבן כוחות — איז דאָס אַלץ נאָר אַ מיטל. דאָס אַוועקברענ־גען זיך דאַרף אויסן זיין איין זאַך — די טעטיקייט פאַרן וווּל פון אונזערע מיטמענטשן".

הכלל, דער „וווּל פון אונזערע מיטמענטשן" — דאָס איז דער צוועק פון דער „לעזעגעזעלשאַפט", פון דער עליטע אין באַן, פון „דעם קערן פון פאָלק"!

היינט, וועמען אַלץ באַטראַכט פאַן מאַסטיאַ פאַר זיינע „מיטמענטשן"? וועמען באַטראַכט ער פאַר דעם איזאָלירטן בירגער, וואָס איז אָן כוחות און וואַגט נישט צו קעמפן? וועמען אַלץ וויל ער פאַראייניקן אין דער „לעזעגעזעלשאַפט"? וועמען אַלץ פאַררעכנט ער פאַרן „קערן פון פאָלק"?

און מיט וועמען וויל ער אָוועקגיין „אויפן וועג צו ליכט״?

אויף די אַלע פראַגן וועלן מיר אויף מעשׂים באַקומען אַ תשובה.

די „לעזעגעזעלשאַפט״ דאַרף מען אונטערשטרייכן, איז געטריי דער איבערצייגונג פון די אויפקלערער פון 18־טן י. ה., און זי האַלט, אַז מיטן איינשטעלן אַ הערשאַפט פון שׂכל וועט דאָס גאַנצע לעבן — אויף אַלע געביטן — אַוועקגיין צום גוטן. זיי זענען זיכער, אַז אינעם זכות פון שׂכל הישר וועלן די מענטשן ווערן בעסער, און במילא אויך גליקלעכער. מיטן „זיג פון ליכט״ דאַרף זיך אָנהויבן — לויט זיי — די גאָלדענע עפּאָכע!

פאַרענדיקט אַלזאָ פאָן מאַסטיאַ זיין רעדע בזה הלשון:

„מיר איילן צו פאַרבינדן אונזערע כוחות. און זאָל דאָס דיין פאַרן וויל פון אונזערע מיטמענטשן. זאָל דאָס דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אונזער פאָטערלאַנד״.

לאָמיר דערמאָנען:

די טעטיקייט פון דער „לעזעגעזעלשאַפט״ פאַלט אויס אויף אַ שטורמישער און היסטאָרישער תקופה. אויף דער צווייטער זייט רהיין קומען פאָר דראַמאַטישע געשעענישן. קיינער אין איראָפּע קען לגבי זיי נישט בלייבן גלייכגילטיק. די שעה האָט געשלאָגן, ווען מען מוז זיך דעקלאַרירן — פאַר אָדער קעגן!

לויט ווי מיר קענען איר טעטיקייט, איז די „לעזעגעזעלשאַפט״ אין באָן באַאיינפלוסט געוואָרן פון די ראַדיקאַלע סאָציאַל־פּאָליטישע געדאַנקען און לאָזונגען פון דער צייט.

אָבער, די רעשיקע געשעענישן אין פראַנקרייך צעטיילן די רהיינישע אויפקלערער אין צוויי לאַגערן. פאַראַן צווישן זיי אומגעדולדיקע, אפילו ביז גאָר היציקע, פאַנאַטישע חסידים פון די נייע אידעען, וואָס האַלטן, אַז יעצט שוין איז געקומען די צייט, אַז יעצט איז געקומען דער מאָמענט צו האַנדלען ענערגיש און פּרווון איינפירן אין לעבן די לאָזונגען פון דער „אויפקלערונג״.

טאָקע צו דער צייט, אָנפאַנגס יאָר 1790, איז דערשינען אַ באַנד

פלאַמיקע פּאַמפעטן פון עלאַגיוס שניידער. דאָס איז אַ מזמור שיר געזונגען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די לידער האָבן פאַרכאַפּט, ווי מיר געדענקען, דעם יונגן בעטהאָוון — דעם פרייען צוהערער פון פראָפעסאָר שניידער אויפן אוניווערסיטעט אין באָן.

אגב, איז דער הייס־בלוטיקער עלאַגיוס שניידער, אין מאַי 1791, אַריבער קיין שטראַסבורג און דאָרט, בײַנאַנד מיט אַנדערע פּראָפעסאָרן פון דעם באָנער אוניווערסיטעט, גענומען שפּילן אַ ראָלע צווישן די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערן. שניידער האָט אין שטראַסבורג געשאַפן אַן אויסגאַבע אין דער דייטשער שפּראַך א. נ. „דער אַרגאָס, אָדער דער מענטש מיט הונדערט אויגן". דער צוועק פון דער אויסגאַבע איז געווען צו פאַרשפּרייטן די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע צווישן זייַנע לאַנדסלייט אין אשכנז און דער עיקר — אינעם רהיין־געביט. די פאַרשפּרייטער פון שניידערס פּובליקאַציע זענען געווען די אַמאָליקע מיטגלידער פון דער אויפגעלעזטער מאַסאָנען־לאָזשע — די „אילומינאַטן", דאָרט האָט ק. ג. נעפע, דער מורה־דרך פון יונגן בעטהאָוון געשפּילט, ווי מיר געדענקען, די ערשטע פידל.

זאָל דאָ נאָך דערציילט ווערן, אַז עלאַגיוס שניידער האָט אין שטראַסבורג באַנוצט זיין גאַנצן אויטאָריטעט און פאַרטיידיקט די בירגערלעכע רעכטן פון די דאָרטיקע יידישע תושבים, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פינצטערע צרות מצד די עלזאַסער. דהיינו ? די עלזאַסער גויים, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָבן די יידן אָפּעגעוואָרפן געלט־מאַלווערסאַציעס בעת דער רעוואָלוציאָנערער תקופה, ווי אויך ביים אַלטן רעזשים. שניידער האָט, אין דער פאַרטיידיקונג פון יידן, געשריבן אַזוי צו זאָגן :

> „ס'איז באַוויזן געוואָרן, אַז מען קען זיין אַ ייד, אַן אויפצוהערן צו זיין אַ גוטער בירגער. ס'איז געוואָרן באַוויזן, אַז דער יודאַאיזם מוז נישט מאַכן פון אַ ייד... אַ שווינדלער" (1).

---

1. David André Lang, Quand l'Alsace s'éveillait entre chien et le loup, Paris 1981.

פאַראַן אויך צווישן די אויפקלערער אין דעם דייטשן רהייך־געביט — מעסיקע. אָבער אויך זיי האָבן די רעוואָלוציאָנערע באַשלוסן פון דער נייער פראַנצויזישער מאַכט אין פּאַריז באַרעכטיקט, באַטראַכט זיי אין איינקלאַנג צו זיין מיט די אידעען פון דער דייטשער „אויפקלערונג״.

די קאָנסערוואַטיוו־רעליגיעזע קרייזן אין קעלן, די קעגנער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זענען געווען מלא חמה. אין זייער קאַמף קעגן דער פּראָגרעסיווער מחנה זענען זיי אַריבער אין שטורעם. אָנפאַנגס 1790 — לאָמיר גוט געדענקען די דאַטע — האָבן די קירכע־טאַטעס פון קעלן דערלאַנגט אַ שאַרפע אָנקלאַגע קעגן די פּראָפעסאָרן פון באָן, בתוכם — קעגן דעם קוראַטאָר (אַן אַדעליקער אָנהענגער פון דער באַנייער אונגס־לאַגער). דאָ האָט זיך שוין אַפילו דער פּויפּסט אַריינגעמישט. ער האָט, אין אַ באַזונדערן בריוו צום קורפירשט, געשטיצט די פרומע קירכע־לייט פון קעלן.

יעצט האָט זיך שוין צעפלאַקערט אַן אמתע פּובליציסטישע מלחמה. אין באָן האָט זיך באַוויזן אַן אַנאָנימע שריפט אונטערן טיטל: „גאָטס פריינט — אַ שונא די גלחים״. דאָרט איז געווען געשריבן אַזוי:

„די הערן פון דעם קעלנער דאָם (געמיינט די קאַטעדראַלע, דער אָנפירנדיקער קאַטויליש־רעליגיעזער צענטער — ע. פ.), זענען רשעותדיקע און צעקראַכענע ליגנער; לייכטזיניקע בטלים וואָס שענדן, מיט זייער „מאָראַלישער״ אויפפירונג, דעם כבוד פון דער כהונה. זיי זענען לײדיקגייער, וואָס פאַרשווענדן דעם שווייס פון פּויער אויף תאווה־תענוגים; זיי זענען הערעטיקער, באַקאַנט אין גאַנץ דייטשלאַנד, מיט זייער איגנאָראַנץ און טפשות. צוליב די דאָזיקע מעשים טובים ווערט אויך אָנגעגריפן און באַשמוצט דער פּויפּסטלעכער נונציוס און די רוימישע קירכע־לייטונג, וואָס האָט איר מאַכט אָוועקגעשטעלט אויף פינצטערניש און אומוויסן״ (1).

אַזוי ווי מען האָט חושד געווען דעם יונגן פאָן מאַסטיאָ, ער זאָל זיין

---

1. ק. רוקשטוהל, דאָרט.

דער מחבר פון דעם פאַרשפּרייטן פּאַמפלעט, ווייל באַוויזן האָט זיך דער פּאַמפלעט, צום ערשטן מאָל, אויף אַ טיש אין דער היגער „לעזעגעזעל־שאַפט" — האָט אים דער קורפירשט, פאַר אַ שטראָף, דערוויטערט פון באָן.

מען דאַרף באַמערקן, אַז דער שאַרפער אַנגריף קעגן דער קירכע איז בשעתו נישט געווען קיין נייעס. לאָמיר זיך דערמאָנען די שריפטן פון לעסינג, ערב דער דערשיינונג פון זיין „נאַטאַן דער ווייזע", וואָס פלעגן אָפט קאָנפיסקירט ווערן דורך דער צענזור.

און דאָך, האָט די אַנאָנימע שריפט פון באָן געמאַכט אַ זעלטענעם רעש. אַ באָנער פּראָפעסאָר שרייבט צו זיין ברודער, סוף דעם זעלבן יאָר:

„ס'איז אַרויס דאָ אַ שריפט, נעמט זי זיך אָן די קריוודע פון די פּראָפעסאָרן. זי לאַכט אויס גרויזאַם די הויך־ווירדיקע הערן פון קעלנער דאָם, אַז זיי קריצן אַזש מיט די ציין, און וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט פון אַ נקמה".

אין רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן אינצידענט, האָט דער קורפירשט איינגעפירט אַ צענזור אויף די ביכער און שריפטן פון דער „לעזע", כדי זיי זאָלן נישט דערצערנען די קירכע.

וואָס ראַדיקאַלער און באַדראָענדיקער זענען אַוועק די געשעענישן פון יענער זייט רהייך, אַלץ שאַרפער און פיינטלעכער זענען געוואָרן די אָנפירנדיקע קירכע־קרייזן אין רהיינלאַנד קעגן דער דייטשער מחנה פון באַנייאונג. אין דער באַנייאונגס־מחנה האָבן די חסידים פון קאָנסערוואַציע געזען דעם שורש פון אַלעם בייזן. דערביי, טשיקאַווע, זענען די סאַמע פאַרגיפטעטע פיילן געריכטעט געווען קעגן דער „לעזעגעזעלשאַפט" אין באָן.

אָט, לשמל, דונערט דער פאַרטרעטער פון דער שטאָט קעלן פאַרן רייכסטאַג אין רעגענסבורג (אין יאָר 1793 — ע. פ.). „זיי (די „לעזע" אין באָן — ע. פ.) האָבן זייערע קלייטן אָנגעשטאָפּט מיט אויפקלערערישע ביכער, וואָס דער רוב זייערער איז אָן אומכבוד פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין". (האַנסען, דאָרט).

די מאַכט האָט געגומען פאַרבאָטן די „לעזע״ אין אַ גאַנצער ריי ערטער פון רהיינלאַנד. למשל, דער קורפירשט פון טריער, האָט פאַרבאָטן די „לעזעגעזעלשאַפט״ אין זיין שטאָט, מחמת זי איז „אַ צענטער פון העצער צו מהומות״ (1793). די רעאַקציע האָט איינגעבראָכן כמעט אַלע „לעזעגעזעלשאַפטן״ אין לאַנד. די פון באָן איז געבליבן שטיין אויף די פיס! צו טיף פאַראנקערט זענען דאָ געווען די אידעען פון אַן „ענערגישן פאַראויסגאַנג אויפן וועג צו ליכט״ ביי די העכערע באַאַמטע פון דער פירשטלעכער אַדמיניסטראַציע, ביי די פּראָפעסאָרן און סטודענטן פון אוניווערסיטעט, ווי אויך ביי דער בירגערלעכער אינטעליגענץ. ס׳איז נישט לייכט געווען צו ליקווידירן די „לעזעגעזעלשאַפט״ אין באָן, כאָטש דער לאַגער פון אירע שונאים איז געוואָרן שטאַרקער און אַפילו באַקומען די אונטערשטיצונג פון דעם שטאַאַטס־מיניסטער.

אויף צו להכעיס דער שאַרפער רעאַקציע, האָט די היגע „לעזעגעזעלשאַפט״ דווקא פאַרשטאַרקט איר טעטיקייט. זי איז גרעסער געוואָרן אין איר צאָל מיטגלידער. זי האָט באַרייכערט איר ביבליאָטעק, און זיך פאַרמאָסטן אויף צו ווערן „דער ליכט־טורעם פאַרן גאַנצן קורקעלנישן פירשטנטום״.

אין איר אינערן־אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן, האָט די „לעזע״ אין באָן איינגעשטעלט אַן אויסגעשפּראָכענעם דעמאָקראַטישן סדר. דאָ האָבן די סאָציאַלע אונטערשיידן פון דרויסן נישט געגילט. די לייטונג איז געוואָרן באַשטימט דורך וואַלן פון אַלע מיטגלידער, נישט מער ווי אויף איין יאָר, און אַן מעגלעכקייטן ווידער געוויילט צו ווערן.

> „די באָנער „לעזע״ האָט געשטרעבט, לויטן גייסט פון דער צייט, צו ווערן אַ מוסטער־מלוכה אין מיניאַטור. זי האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ חוב״ (1).

בשייכות צו די „קלייטן״, וואָס די באָנער „לעזע״ האָט „אָנגעשטאָפּט מיט אויפקלערערישע ליטעראַטור״, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז גלייך ביי דער

1. ק. רוקשטוהל, דאָרט.

שאַפונג, האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט גענומען זאָרגן, קודם כל, וועגן איינשאַפן זיך אַ גוטע ביבליאָטעק. צו דעם צוועק האָט זי זיך באַזאָרגט מיט וויסנשאַפטלעכע ביכער, מיט פולע אויסגאַבעס פון דיכטער, מיט ביבליאָגראַפישע און אַנדערע הילפס־מאַטעריאַלן. אַ בן־דור דערציילט, אַז „אַ בוך, וואָס איז געטאַדלט געוואָרן דורך דעם פּאַטער מאַרטין פאַן קאָכעם (אַ רעאַקציאָנערער גייסטלעכער) אַנטשפּרעכט נישט דער געזעל־שאַפט". אַנדערש גערעדט, ביכער וואָס האָבן געזייט שנאה צום „מיט־מענטש" האָבן נישט געהאַט קיין פּלאַץ אין דער ביבליאָטעק. קען מען זיך אַלזאָ משער זיין, אַז לפי דעם אַנזען אין די פּאָרגעשריטענע קרייזן אין אייראָפּע פון בשעתו, האָבן זיך די ספרים פון ר׳ משה מענדעלסזאָן זיכער יאָ געפונען אין דער ביבליאָטעק פון דער „לעזע" אין באָן.

ק. רוקשטעל ציטירט דעם פאָלגנדן גביעת עדות פון אַ בן־דור:

„די אַרבעט פון דער „לעזעגעזעלשאַפט" אין באָן, געבויט אויף דער באַזע פון פרייהייט און גלייכקייט, האָט מען געקענט באַ־טראַכטן, ווי אַ פאָרשפּיל צו דערנאָך באַלד איינגעשטעלטער פּאַריזער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטואַנטע" (רעוואָלוציאָנערער פּאַרלאַמענט).

נישט מער און נישט ווייניקער; אַ קלייניקייט פון אַ פאַרגלייך.

אַז די באָנער „לעזעגעזעלשאַפט" איז ערלעך געגאַנגען אויף די וועגן פון „פרייהייט און גלייכהייט" איז צו זען פון פאָלגנדיקן פאַקט.

דווקא ווען די פּאָרגעשריטענע מחנה אין באָן האָט געהאַט אויסצו־שטייך די סאַמע שאַרפסטע אַנגריפן מצד אַלע פינצטערע כוחות אין דער דייטשער געזעלשאַפט, דווקא דעמאָלט, אין יאָר 1790, ווערט אויפגענומען פאַר אַ מיטגליד אין דער אַרטיקער „לעזעגעזעלשאַפט" אַ ייד, ר׳ משה וואָלף, דער רופא.

שטעלט זיך אַ פראַגע:

וועלכע נויט איז געווען צו די דייטשן פון דער „לעזעגעזעלשאַפט", אַז אין יאָר 1790, דווקא דאַן ווען דער גאַנצער רעאַקציאָנערער טייל פון דער דייטשער סביבה האָט זי אַטאַקירט, זאָלן זיי אַרויסהויבן דעם רעכט־לאָזן ייד פון דעם פּאַרשטויסענעם געטאָ און אים מאַכן פאַר אַ גלייכבאַ־

רעכטיקטן מיטגליד פון זייער „מוסטער מלוכה אין מיניאַטור״? איס פאַררעכנעט צום „קערן פון פאָלק״?

דאָס איז באמת אַ שטוינענדיקע זאַך!

נאָך איידער די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט דעם ייד דערלאַנגט די עמאַנציפּאַציע (דאָס איז גאָרנישט צוגעגאַנגען אַזוי לייכט), האָט שוין די פאָרגעשריטענע „לעזע״ אין באָן, „דער ליכט־טורעם״ פון די „אָנווייזנדע־וועג און ריכטונגס־שטראַלן פאַרן גאַנצן קורקעלנישן פירשטנטום״, פולשטענדיק עמאַנציפּירט דעם יידישן רופא און אים משתתף געווען צו דער עבודה „לטובת אונזערע מיטמענטשן״.

מען דאַרף, וואָס אַן אמת, באַטאָנען: ר׳ משה, דער רופא, איז געווען אַ קלוגער מענטש, מיט אַ ניכטערן בליק אויפן לעבן. ער האָט גאַנץ גוט געזען וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים. על פּי שכל האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די וועלט גייט אויף אַ שלעכטן וועג, אַן אומיושרדיקן, אַ וועג, ווו דער ייד איז דאָס אייביקע כפּרה־הינדל. ר׳ משה איז געווען געאַכטעט ביי אַלע אין שטאָט — יידן ווי גויים. זיין בכבודיקער מצב אויפן קורפירשטלעכן הויף אין באָן האָט אים צונויפגעפּירט מיט דער עליטע פון שטאָט. גאַנץ מעגלעך, אַז אַ דאַנק זיינע השקפות האָט זיך איינגעשטעלט אַ בריק צווישן אים און די פאָרגעשריטענע דייטשן אין שטאָט.

אָבער געוואַלד! — מען טאָר דאָך נישט פאַרגעסן דאָס וויכטיקסטע. דער רופא איז דאָך געווען אַ ייד; ער האָט דאָך אַפילו אויף אַ רגע נישט געטראַכט אויסצוטיילן זיך פון זיין עם ישראל!

קען מען דאָך מיינען, אַז דער פאַל מיטן רופא, ר׳ משה וואָלף, איז געווען אַן אויסנאַם פאַר אַ יידן, אַ זעלטענעם מענטשן? דאַרף מען גלייך זאָגן ניין! ר׳ משה איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אין יאָר 1791, בלויז אַפּאָר מאָנאַטן נאָכן איינגלידערן אים אין דער חברה האָט די „לעזע־געזעלשאַפט״, וואָס האָט שוין דאַן געציילט 125 מיטגלידער, אויפגענומען אַ ייד פאַר אַ מיטגליד. דאָס מאָל, איז דאָס געווען דער קורפירשטלעכער רופא, ר׳ בנימין וואָלף — אַן אָפּגעהיטענער ייד, אַזוי ווי זיין קרוב ר׳ משה איז געווען (1).

---

1. Klaus Schulte, Bonner Juden, S. 589.

ווי קומט דאָס — וואָלטן מיר געקענט פרעגן — אַ קריסטלעכע חברה זאָל בשעתו אַריינגעמען אין איר שויס אַריין יידן? ווי מיר ווייסן, איז דאָך דער ייד דעמאָלט, פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך, אויסגעשלאָסן פון דער קריסטלעכער וועלט. אַ וואַנט טיילט אָפּ די צוויי עדות!

אמת, די וואַנט, די פּאַרשאָלטענע פּאַרצוימונג, דאָס האָט די פּעאָ־דאַלע סטרוקטור אויפגעשטעלט. זי שטייט אָבער אַלץ נאָך גענוג פעסט. פאַר איר פעסטקייט זאָרגן אַלע פינצטערע קאָנסערוואַטיווע כוחות אין לאַנד. דערביי איז דאָס אָננעמען די צוויי יידן אין דער „לעזעגעזעלשאַפט" נישט סתם אַן אַקט פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט מיט גערודפטע. (דאָס אַליין איז שוין אויך נישט קיין קלייניקייט).

איז מאי קא משמע לן?

איז געדרונגען פון דעם דאָזיקן פאַקט, אַז די דייטשן פון דער „לעזעגעזעלשאַפט" אין באַן האָבן די פּראָ־יידישע אויפקלערונגס־טענ־דענצן פון בשעתו נישט אויפגענומען פּלאַטאָניש, אַזוי ווי געוויסע שיינ־גייסטער פלעגן דאָס טאָן, נאָר געהאַנדלט טאַקע האָבן זיי — בפועל ממש — אינעם סטיל פון לעסינגס „דריי רינגען". זיי האָבן באַהאַנדלט דעם ייד לויט די השקפות פון ר' משה מענדעלסזאָן!

די דייטשן פון דער „לעזעגעזעלשאַפט" אין באַן זענען נישט שטייף געבליבן, אין זייער קאָנטעסטאַציע, האַרט ביים טויער פון יידישן געטאָ. פאַרקערט. זיי זענען אַריינגעדרונגען אין זיין אומהיימלעכן מצב און געריבן געוואָרן פון זייער מאימהדיקע פּראָבלעמען. דער דורותדיקער צער פון די, ווי אַ וואָרעם, געטראָטענע מענטשן, דער אייביקער אומעט און אַנגסט, וואָס האָט אַרויסגעוויינט פון זייערע אויגן, דער ווייטיק וואָס האָט אַרויסגעיאָמערט פון זייערע תפילות, די יידישע — דאָס אַלץ האָט אַ ריר געטאָן זייערע הערצער, אָבער נאָר נאָר מער זייער וואַכן שכל.

זיי האָבן איינגעזען, אַז מען דאַרף עפּעס ענדערן אין דער יידישער לאַגע. אַז מען מוז דעם ייד נעמען ווי אַ מענטש באַהאַנדלען!

און, אַזוי איז געקומען דערצו, אַז זיי זאָלן דעם רעכטלאָזן פאַר־שטויסענעם ייד אָנערקענען פאַר אַ פולבאַרעכטיקטן בירגער, פאַר זייער „מיטמענטש". דעריבער האָבן זיי די צוויי יידישע רופאים אָוועקגעזעצט

ביי זייער געזעלשאַפטלעכן טיש און אַלע ביינאַנד גענומען זוכן אַן עצה צו די אַלגעמיינע מענטשלעכע צרות.

די זעלבע דייטשן, דאַרף מען אונטערשטרייכן, האָבן פון זייערע מיטגלידער נישט פאַרלאַנגט צו פאַרלייקענען די אמונה פון זייערע אבות. זיי האָבן פאַרן „איינטריט־בילעט אין דער געזעלשאַפט" — אַזאַ נידער־טרעכטיקן פרייז נישט פאַרלאַנגט. דאָס זענען געווען אויסגעהאַלטענע פּראָגרעסיווע דייטשע מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט און גלייכהייט פאַרן גאַנצן מענטשלעכן מין — אָן שום אויסנאַמען!

זיי זענען געווען אמתע חסידים פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ, פון פעלקער־פריינטשאַפט; אידעאַליסטן פון לעסינגס און משה מענדעלסזאָנס חדר, זענען זיי געווען.

אגב, האָבן די דייטשן פון דער „לעזעגעזעלשאַפט" קיין טעות נישט געקענט מאַכן. זיי האָבן גוט געקענט די צוויי יידישע רופאים און זיי האָבן געוווּסט, אַז די צוויי יידן זענען צו זיי געקומען נישט כדי צו ווערן גויים, נאָר פאַרקערט. דווקא, ווייל זיי האָבן געוואָלט בלייבן יידן — יידישע מענטשן האָבן זיי געוואָלט זיין — יידן מיט אַן אויסגעגלייכטער פּלייצע און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, דערפאַר זענען זיי געקומען צו דער דייטשער מחנה פון באַנייאונג. זייער האָפנונג איז געווען — די אַלגעמיינע אויפריכטונג פאַר אַלע! זיי האָבן געגלויבט און געהאָפט, אַז די באַנייאונג וועט ברענגען אַ ישועה — אַלעמען גלייך! דעם ייד, ווי דעם דייטש. די דאָזיקע באַנייאונג און אויפריכטונג האָבן זיי אויסגעקוקט, ווי מען קוקט אויס משיחן.

די פאַרשאָלטענע ברירה פונעם פעאָדאַלן סיסטעם, וואָס איז גרייט געווען דעם יידן אַ טובה צו טאָן, ד. ה. — פאַרן פרייז פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער בגידה אים געבן דעם חסד צו ווערן אַ שטיקל מענטש — דאָס האָט ר' משה און ר' בנימין קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. דאָס איז די צוויי יידן געווען מיאוס און דערווידער!

לויט זייער השגה נאָך, זענען זיי אינעם יידישן כלל „אַריינגעבוירן" געווען; פון אים „אַרויסטרעטן" האָבן זיי נישט געקענט. סיידן „אַרויס־שטאַרבן", ווי דאָס וועט אַמאָל זאָגן דר. חיים זשיטלאָווסקי. דעריבער האָבן זיי נישט געוואָלט גיין מיטן וועג פון שלמה אַנשל, דעם בחור פון

דער „יודן־גאַסע", וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע ביים שטורעמען די טויערן פון געטאָ.

און צוריקגעשמועסט — אויב האָט זיך שלמה אַנשל יינגלוויז געשמדט, איז וואָס?

אויס ליבע צום קריסטנטום?

ער האָט זיך געשמדט, ווייל דאָס „באַרבאַרישע געזעץ" (לויטן אויסדרוק פון דייטש — הערדער) האָט דעם ייד, ווי מיט מעסערס פון דער וועלט אָפּגעשניטן, אים אויסגעשטעלט אויף הפקר, אים אַרומגעצוימט מיט אַן אומרחמנותדיקן גדר פון „קאַניבאַלע געזעצן", וואָס האָבן געדריקט און געשטיקט און נישט געלאָזט אים לעבן און זיך מפרנס זיין.

די צוויי יידישע רופאים האָבן אויסגעפּרוווט אַ צווייטע ברירה, די ברירה פון דער דייטשער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט צום דערהויבענעם אידעאַל פון לעסינגס „דריי רינגען". אפשר איז דאָס געווען, פון זייער זייט, אַ נאַיווער גלויבן, אָבער אַ גלויבן איז דאָס געווען מיט הארץ און נשמה. ווי אַלע פאַרגעשריטענע דייטשן אין באָן, האָבן אויך זיי באמונה שלימה געגלויבט, אַז בזכות פון ליכט און וויסן וועט קומען די ישועה פאַר יעדן מענטש — דעם יידישן ווי נישט יידישן. זענען זיי געקומען דעריבער צו דער פאַרגעשריטענער מחנה, בכדי צו שפּאַנען — צוזאַמען! — אויפן ליכטיקן וועג לטובת זייערע מיטמענטשן"!

אויב אַזוי, קומט אויס טאַקע, אַז די „לעזעגעזעלשאַפט" אין באָן איז געווען אַן אמתער „ליכט־טורעם" און אַ „מוסטער מלוכה אין מיניאַטור". פרייהייט און גלייכהייט איז דאָרט נישט געווען קיין פּוסטע פראַזע. ווען, נאָך אַ פיר־יעריקן איבעררייס, — נאָכן פאַלן פון קורפירשטלעכן רעזשים — האָט די באָנער „לעזעגעזעלשאַפט" צוריק באַנייט איר טעטיקייט, האָט זי אויפסניי אויפגענומען יידן פאַר מיטגלידער; דאָס מאָל שוין, אַפיציעלע גלייכבאַרעכטיקטע בירגער.

אין ליכט פון די דאָזיקע פאַקטן, הויבט אָן קלאָר ווערן דאָס מסירת נפש פון די דייטשן אין באָן, בשעת דער שרעקלעכער געטאָ פאַרפלייצונג אין יאָר 1784, באַשריבן אַזוי אויספירלעך אינעם ספר „סיפור בכי נהרות"

דורך ר׳ אברהם יעקב קאַפּענהאַגן, דעם לעבעדיקן באָנער עדות פון בשעתו.

ווען די דייטשן האָבן געראַטעוועט די פאַרפּלייצטע יידן פון געטאָ, זיי אַריינגענומען צו זיך אין די היימען, זענען זיי דערמיט אויסן געווען, פאַרשטענדלעך, אַ גאַנץ פּשוטן אַקט פון מענטשלעכקייט. איינוועגס האָבן זיי אָבער באַוויזן — לכל עם ועדה! — אַז פאַר זיי זענען יידן „מיט־מענטשן״, זייערע שכנים, וואָס ס׳איז אַ חוב צו העלפן אין אַן עת צרה! זיי האָבן דערמיט באַוויזן, אַז יידן זענען פאַר זיי נישט קיין פאַרשטויסענע באַשעפענישן, וואָס מען דאַרף האַלטן מחוץ למחנה, ווי דאָס האָט באַ־שטימט די פעאָדאַלע מדינה צוזאַמען מיט דער קירכע.

אויב אַזוי, איז לייכט אויך צו פאַרשטיין די שמחה פון די יעניקע דייטשן, וואָס האָבן מיט העק געשטורעמט די טויערן פון געטאָ, און גע־ברענגט צו יידן די בשורה פון באַפרייאונג און גלייכבאַרעכטיקונג.

אַז די באָנער דייטשן האָבן, בשעת בעטהאָווענס יוגנט־יאָרן, געהאַט אַ בפירושן אינטערעס צו יידישקייט, איז צו זען פון נאָך אַ פאַקט. אין 1790, נאָכן באַנקראָט פון ר׳ הערץ שלמה אָפּענהיים, פון דער „יודן־גאַסע״, איז צושטאַנד געקומען אַן אויספאַרקויף פון זיין גאַנץ פאַרמעגן מיטן צוועק צו באַצאָלן די חובות. דערציילט מען, אַז דעם רובֿ ספרים זיינע — קנאַפּע הונדערט — האָבן אָפּגעקויפט דווקא די שטאָטישע דייטשן.

ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע דייטשע מענטשן האָבן אין די ספרים געפונען אַן אינטערעס; דערבײַ האָבן זיי געמוזט האָבן בקיאות אין די קליינע אותיות, די יידישע. (ק. שולטע: „באָנער יודן״).

קורץ פון דער זאַך. פאַראַן געווען משמעותדיקע באַווייזן נוגע די פּראָ־יידישע שטימונגען אין באָן בזמן בעטהאָווענס יאָרן פון באַגינען. ס׳קען קיין צווייפל נישט זיין, אַז ביי די פאַרגעשריטענע דייטשן אין שטאָט האָט בשעתו געהערשט אַ געפיל פון וואַרעמקייט צום ייד; אַ געפיל פון מיטלייד און סאָלידאַריטעט מיטן פאַרשטויסענעם רעכטלאָזן געטאָ. „מענטשלעכקייט״ איז געווען דער הייליקסטער אידעאַל פון די דאָזיקע דייטשע מענטשן. ווירקן לטובת דעם „מיטמענטש״ איז געווען זייער

הייליקער ציל, און דעריבער האָבן זיי געהאַט „הארץ, געפיל און מיטלייד מיט אַלע פאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע".

אַזוי ווי די אומיושרדיקע באַהאַנדלונג פון דער יידישער עדה איז, לויט דעם שטאַטישן פּראָגרעסיוון לאַגער בשעתו, אַ חטא לגבי זייערע „מיטמענטשן", איז די קלאָגעדיקע לאַגע פון דער „יודן גאַסע" געוואָרן אַ צוגאָב־מאָטיוואַציע פאַר זייער רעוואָלט קעגן דער קירכע און קעגן גאַנצן פעאָדאַלן סיסטעם — די הויפּט־שולדיקע אין אַלע צרות פון דעם בן־אדם אין לאַנד.

„מענטשלעכקייט, גערעכטיקייט, ווי אויך קלוגע פּאָליטיק מוזן אַ סוף מאַכן צו די רדיפות און באַגרענעצונגען (פון יידן), זיי מוזן דעם יידישן צושטאַנד אויסבעסערן, כדי צו דערהויבן דעם מצב גופא פון דער מלוכה". (קורסיוו — ע. פ.).

די דאָזיקע ווערטער פון דעם דייטשן הומאַניסט און יידן־פריינט, ק. וו. דהאָם, האָבן דווקא אין באַן געפונען דעם ריכטיקן אויפנעם. זיי האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין דעם אידעאָלאָגישן אַני מאַמין און געוואָרן אַ טייל פונעם געדאַנקען־גאַנג פון די אָרטיקע פּראָגרעשריטענע דייטשן.

— 8 —

בעטהאָוון איז, צוליב זיין יונגן עלטער, אַ מיטגליד אין דער „לעזעגעזעלשאַפט" נישט געוואָרן. דערפאַר, אָבער, איז ער געווען פאַר־בונדן, דורך טויזנטער פעדעם, מיט אירע טאָן־געבער. מיט זיי פלעגט ער זיך טרעפן, טאָג־טעגלעך, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. זיי זענען אים אַלע נאָענט געווען, ווי קרובים. זיי האָבן אים, ווי זיינע גייסטיקע מדריכים, געפירט אויף די וועגן פון ליכט און מענטשלעכקייט. צו זייערע רייד פלעגט ער זיך צוהערן אין דער פירשטלעכער קאַפּעליע, ווו ער האָט פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר זיין משפחה; אויפן אוניווערסיטעט, ווו ער האָט געשלונגען די פלאַמיקע רייד פון עלאָגיוס שניידער, דעם שפּעטערדיקן רעוואָלוציאָנער אין דער שטאָט שטראַס־בורג; און אויך אין דעם סאַלאָן פון דער פרוי ברוינינג — אין דער צווייטער היים זיינער. חוץ דעם, שוין אַ יונגערמאַן, פלעגט ער אויך

צולייגן אַ נייגעריק אויער צו די כסדרדיקע וויכוחים אינעם א. ג. „צעהר־גאַרטען״. דאָס איז געווען אַ מין ליטעראַריש־קינסטלערישע אכסניה פון דער אלמנה קאַך, אויפן מאַרק אין באָן, אַ וויכטיקער טרעף־פונקט פון דער גייסטיקער עליטע אין שטאָט.

אין דער אכסניה פון דער אלמנה קאַך פלעגט זיך שטענדיק טאָן — אויף טיש און אויף בענק. דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַן אייביקער טומל, אַ ווירוואַר פון רייד און געדאַנקען.

דער „צעהרגאַרטען״ איז געווען אָריגינעל שוין דערמיט, וואָס אויסער אַן אכסניה, איז ער אויך געווען אַ מין בוכהאַנדלונג. דאָ פלעגט מען זיך קענען איינהאַנדלען אַ ניי־דערשינען בוך, אָדער גאָר אַ לעצט־דערשינענע פעריאָדישע אויסגאַבע.

דער עולם דאָ איז געווען אַ געקליבענער — פּראָפעסאָרן פון אוני־ווערסיטעט, דורכרייזנדע געלערנטע, הויכע מלוכה־באַאַמטע, שרייבער, קינסטלער. די אַלע פלעגן דאָ אַריינקומען אָפּעסן אַ מאָלצייט, כאַפּן אַ גלעזל גוטן רהיינישן וויין, דערביי קויפן אַ בוך און דער עיקר, רעדן אַ ביסל דברי תורה! דער „צעהרגאַרטען״ איז שטענדיק פול געווען מיט אַ חברה סטודענטן און סתם יונגע מענטשן זשעדנע צו הערן אַ גוט וואָרט. וואָס אַן אמת, האָט דאָס יונגוואַרג געהאַט אַ צוגאָב סיבה צו קלעפּן אין דער אכסניה. די „צוגאָב סיבה״, דאָס איז געווען דער אלמנהס טאָכטער, וואָס האָט דער מאַמען געהאָלפן אין עסק. די יונגע חברה פלעגט אויסגיין פאַר אַ שמייכל פון דער שיינער און אינטעליגענטער באַבעט קאַך.

אין דעם אייביקן בינשטאָק, אין דעם כסדרדיקן געגייעריי פון מענטשן האָבן, ווי דער שטייגער, אויך קיין מוסרים נישט געפעלט. עפּעס זאָגט מען אַפילו, אַז די באַלעבאָסטע אַליין איז געווען אַ צוטראָגערין... אָבער ווער האָט זיך דאָ אויסגעהיטן פאַר שפּיאָנען? דאָ האָט מען נישט מורא געהאַט פאַר מלכות! די סאַמע אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען זענען דאָ באַהאַנדלט געוואָרן פראַנק און פריי. אַלע עניני דיומא האָט מען אַרויפ־גענומען אויפן טיש. נעפע, דער רבי פון בעטהאָוונען, האָט דאָ אַפילו געזוכט צוריק אויפצושטעלן אַ מאַסאָנען־לאָזשע.

דאָ, אין דעם „צעהרגאַרטען״, קען זיין, האָט זיך דער גאון פון באָן אָנגעשטעקט מיט מאַסאָנישע סימפּאַטיעס. אַן עדות זיין ליד פאַר כאָר־

געזאַנג, „דער פרייער מאַן", געשאַפן אין די יאָרן 1791־92, אַ ליד פון אַ בפירושן מאַסאָנען־כאַראַקטער. דאָס ליד איז אַריין אין אַ זאַמלונג פון מאַסאָנען־לידער, וואָס מען פלעגט זינגען בעת מאַסאָנישע צוזאַמענטרעפן. אגב, האָט די פערזן צו דער לידער־זאַמלונג געשאַפן און אַרויסגעגעבן בעטהאָווענס נאָענטער חבר — דר. פראַנץ גערהאַרד וועגעלער; ער האָט דעם קליינעם לודוויק אַריינגעפירט אין דער היים פון דער משפחה ברוינינג (1).

דער גייסטיקער טאָן־געבער אינעם „צעהרגאַרטען" איז געווען דער יונגער דר. קרעוועלט, אַ דיכטער, אַן עסטעט און אַ קונסט־זאַמלער. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „לעזעגעזעלשאַפט". כאָטש אַליין איז ער קיין מאַסאָנער נישט געווען, האָט ער דאָך מיטגע־אַרבעט מיט דער „אילומינאַטן"־אויסגאַבע, געלייטעט דורך נעפע. ער פלעגט פובליצירן מאמרים און, דער עיקר, פּאָעמעס.

קרעוועלט האָט דעם יונגן בעטהאָוון שטאַרק מקרב געווען. ער איז מיט אים פאַרבליבן לאַנגע יאָרן אין פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען. מיט יאָרן שפּעטער, ווען בעטהאָווענס נאָמען איז באַרימט געוואָרן אויף דער וועלט, איז קרעוועלט צו אים געקומען מיט אַ פאָרשלאַג, ער זאָל שענקען זיין פּאָרטרעט פאַר דער „לעזעגעזעלשאַפט" אין באָן. דער מוזיקער האָט אַפילו קיין רגע נישט געטראַכט און מיט פרייד אַקעגנגעקומען קרעוועלטס בקשה (2). דאָ, אַפנים האָט בעטהאָוון אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט צו די אַלע וואָס האָבן אים אָנגעוויזן אַ וועג אין לעבן, און דערביי אויך, אויסגעדריקט זיין אידעאישע קרובהשאַפט צו דער פּראָגרעסיווער „לעזע־געזעלשאַפט" אין באָן, וואָס איז כסדר אָנגעגאַנגען מיט אירע צילן „לטובת אירע מיטמענטשן", אין דעם גייסט פון לעסינגס „דריי רינגען", ווי ס'זאָגט עדות די גרעסערע צאָל ידישע מיטגלידער פון דער חברותא, צו יע־נער צייט.

אַז דער „צעהרגאַרטען" האָט גאַר שטאַרק אַכט געלייגט אויפן יונגן

---

1. געאָרג קינסקי, „בעטהאָוונס ווערק".

2. Max Braubach, J.H. Crevelt.

בעטהאָוון, איז צו זען פון דעם געזעגן־בוך, אַ מתנה, וואָס איז אים אונטערגעטראָגן געוואָרן דאָרט, ערב זיין דעפיניטיוון אָפּפאָר קיין ווין, אין יאָר 1792.

די פאַרשריבענע אין דעם געזעגן־בוך פּאָעמעס — טייל פון קלאָפּ־שטאָק, שילער און הערדער — ווי אויך די פּערזענלעכע געדאַנקען און ווונטשן, גיבן טיילווייז אַ באַגריף וועגן בעטהאָוונס פריינט און גייסטיקע וועג־אָנווייזער אין באָן. אגב, אינטערעסאַנט צו באַמערקן — די פרוי ברוינינג האָט אַריינגעשריבן אין דעם געזעגן־בוך אַ סענטענץ פון הערדער.

הכלל, דאָרט טרעפן מיר אָן בעטהאָוונס יונגע פריינט, ווי למשל, די קלוגע, און רייצנדע טאָכטער פון דער אַכסניה־באַלעבאָסטע — באַבעט קאָך ; דעם יונגן גראַף פאָן וואַלדשטיין, וואָס האָט שטאַרק געהאָלפן צו בעטהאָוונס רייזע קיין ווין. מיר געפונען דאָרט די גאַנצע משפחה פון די ברוינינגס — דאַרונטער קריסטאָף, אַ בחור, וואָס איז געווען מיט אַ פּאָר מאָנאַטן בלויז יונגער פאַרן מוזיקער.

דעם דאָזיקן יונגמאַן וועט באַשערט זיין בקרוב צו שפּילן אַ וויכ־טיקע ראָלע אינעם נייעם רעפּובליקאַנישן רעזשים אין באָן.

דהיינו ?

אין 1794, נאָך דעם ווי דער עסטרייכישער קייסר איז אַרויס אין אַ מלחמה קעגן רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך, האָט זיין יינגסטער ברודער, וואָס איז געזעסן אויף דער כסא מלוכה אין באָן, נישט געקענט בלייבן נייטראַל און געוואָרן עסטרייכס אַ קריגס־אַליאַנט. לאַנג האָט אָבער די קורקעלנישע ליליפּוטן־אַרמיי פון באָן די מלחמה נישט אויסגעהאַלטן. נאָך אין דעם זעלבן יאָר 1794 — אין אָקטאָבער — זענען די זיגרייכע חיילות פון רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך אַריין קיין באָן.

נאָכן בחפזונדיקן ויברח פונעם קורפירשט, האָבן די פּראָגרעסיווע דייטשן פונעם לענדל אויפגעשטעלט אַ נייע דעמאָקראַטישע מאַכט, מיטן נאָמען — „טראַנס־רהיינישע רעפּובליק״.

אויף דער ידיעה, אַז דער פעאָדאַלער רעזשים איז מיט מזל געפאַלן, האָט קריסטאָף ברוינינג, אַ בחור מיט פּראָגרעסיווע אידעען, פאַרלאָזט זיינע שטודיעס פון יוריספּרודענץ אין יענאַ און געטינגען, און איז שנעל

געקומען אַהיים. דאָ איז ער גלייך געוואָרן מוניציפּאַל־ראַטמאַן און, אַ צייט שפּעטער — פאָרזיצער פון מוניציפּאַלן ראַט אין באַן.

מען דאַרף דאָ דערמאָנען אַ וויכטיקן פּרט פון יענער צייט.

אין לויף פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, בעת פּאַריז האָט אָנגענומען געוויסע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען, האָט שוין דאַן אַ געוויסער טייל פון פאָרגעשריטענעם דייטשנטום געהויבן מיט די אַקסלען און גאַנץ קנאַפּ פאַרשטאַנען דעם צוועק. היינט — ווען אין פראַנקרייך האָט זיך איינגעשטעלט די תקופה פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר, האָבן שוין די מערהייט פון די אויפגעקלערטע דייטשן אויפגענומען דאָס מיט שטוינונג און עקל אַפילו. דאָס פאַרגאָסענע בלוט האָט זיי רעוואָלטירט. פאַר זיי איז דאָס געווען אַן אַטענטאַט אויף דער אינדיווידועלער פרייהייט און אַ סתירה צו די הויכע רעוואָלוציאָנערע אידעען.

שילער, אַ שטייגער, האָט אַלס פּראָטעסט צוריקגעוואָרפן די ערן־בירגערשאַפט וואָס ער האָט באַקומען פון רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך. אַ טייל פון די פאָרגעשריטענע דייטשן זענען בסוף אַוועק צום לאַגער פון דער רעאַקציע.

אין באָן איז, פאַרקערט, דער גרעסטער טייל פונעם פאָרגעשריטענעם עולם פאַראייניקט געבליבן אַרום אַלע אָנגענומענע באַשלוסן פונעם רעוואָלוציאָנערן פּאַריז.

צוריקגייענדיק צו דעם בעטהאָוון־געזעגנס־בוך, טרעפן מיר דאָרט אַן נעמען פון מער עלטערע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ וואָרט צו זאָגן אין דער געהיימער אַמאָל מאַסאָנען־לאָזשע פון די „אילומינאַטן" — און שפּעטער — אין דער פּראָגרעסיווער „לעזעגעזעלשאַפט". דאָס זענען אַלץ געווען מענטשן טאָן־געבער! דאָס האָבן זיי געקירעוועט דעם אידעאָלאָגישן וועג פון דער „לעזעגעזעלשאַפט" און אָנגעצייכנט איר הומאַניסטישן פּראָפיל. דער רוב פון די דאָזיקע מענטשן זענען געווען אמתע רעפּובליקאַנער, אויפריכטיקע דעמאָקראַטן; זיי האָבן, נאָכן פאַלן פון קורפירשטלעכן רעזשים — צוזאַמען מיט שלמה אַנשל און זיין ברודער זורי, פון געטאָ — אויפגעשטעלט די נייע דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

ווי מיר געדענקען, איז די ערשטע האַנדלונג פון די רעפּובליקאַנישע

דייטשן, מיד נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער רעפּובליק, געווען דאָס אָוועקלאָזן זיך צו דער „יודן־גאַסע" מיט העק, שטורעמען אירע טויערן, און אָנזאָגן צו די רעכטלאָזע יידן די בשורה פון זייער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע.

אגב, האָט דער רוב פון בעטהאָוונס פריינט אין באָן, בתוכם די, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין דעם געזעגנס־בוך, נאָכן ליקווידירן דעם פירשטלעכן פּאָליטישע סדר, געשאַפן אַ נייע מאַסאָנען־לאָזשע א. נ. „די דרייסטע ברידער פון אָריענט".

ווי מען גיט איבער, איז די מאַסאָנעריע, בעת דער דאָזיקער צייט אין באָן, אַן אויסדרוק פון פּאָליטישן ראַדיקאַליזם, בירגערלעכער עמאַנ־ציפּאַציע, און פולער סאָלידאַריטעט מיטן רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך. די נייע מאַסאָנען־לאָזשע האָט, מחוץ איר טראַדיציאָנעלער קולטור־טעטיקייט, זיך אויסגעווירקט אויך אין דעם אַדמיניסטראַטיוון און פּאָ־ליטישן לעבן. אַלע אירע מיטגלידער האָבן אויסגעפירט וויכטיקע פונקציעס אין דעם נייעם מלוכישן אַפּאַראַט און אַכט געלייגט, אַז די נייע אידעען — די פאָרמען פון דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע — זאָלן איינגעפירט ווערן ריכטיק אין לעבן.

והראיה:

די איבערגעבליבענע נאָך דער לאָזשע מאַטעריאַלן: — די רעדעס, די טעאָרעטישע דיסקוסיעס, די טעקסטן פון לידער צו זייערע מוזיקאַ־לישע קאָמפּאָזיציעס — באַווייזן, אַז די „דרייסטע ברידער פון אָריענט" זענען געגאַנגען געטריי אין די וועגן פון דער פריערדיקער „אילומינאַטן"־לאָזשע.

אין דער ניי־געשאַפענער לאָזשע, דאַרף מען באַטאָנען, האָבן שוין די באַפרייטע תושבים פון דער אַמאָליקער „יודן־גאַסע" געשפּילט אַ ראָלע. זיי זענען געווען פון די ערשטע אָנצושליסן זיך אין איר. גלייך ביים אָנשטיין, האָבן זיך צווישן אַנדערע אָנגעשלאָסן צו די „דרייסטע ברידער" — צוויי זין און אַן איידעם פון דעם געוועזענעם הויף־ייד, ר' ברוך בן שמעון. דער אָנשלוס צו דער מאַסאָנען־לאָזשע איז פאַר די יידן געווען אַן אויסדרוק פון אַ בפירושן סאָציאַלן אויפשטייג. אגב, זענען די גלייכ־

**בארעכטיקטע יידן אין שטאַט געווען פון די אַקטיוויסטע און געטרייעסטע בירגער פון דער נייער רעפובליק.**

אינעם געזעגנס־בוך געפינען מיר, דעם שוין דערמאָנטן, דר. וועגעלער — דעם איידעם פון דער מאַדאַם ברויניגג, וואָס האָט צוגעטוליעט צו זיך דעם קליינעם בעטהאָוון.

בעטהאָוונס פריינט, איז וועגעלער געוואָרן זייט ווען אַלס יונגער סטודענט איז ער געקומען היילן זיין שווער־קראַנקע מוטער. הגם וועגעלער איז געווען עלטער פון בעטהאָוונען, זענען זיי געווען צוויי גוטע און איבערגעגעבענע חברים. ער איז געווען דער ערשטער, וועמען דער גאון פון באָן האָט אַנפאַרטרויט זיין שרעקלעכן סוד וועגן דער טויבקייט — אַ סוד — וואָס ער האָט לאַנג אויסבאַהאַלטן פאַר מענטשן. די פריינטשאַפט צווישן די צוויי מענער האָט אָנגעהאַלטן ביזן טויט פון מוזיקער.

דער דר. וועגעלער האָט געהערט צום אַוואַנגאַרד פון דער באַנייאונגס־מחנה אין באָן. ווי אַ רעפובליקאַנער מיט ראַדיקאַלע אידעען, האָט ער געשפּילט אַ ראָלע אונטער דעם נייעם פּאָליטישן סדר. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט אין דער נייער רעפובליק צוריק אויפגעלעבט די „לעזגעזעלשאַפט". מען זאָגט, אַז ער זאָל אויך זיין דער שעפער פון דער נייער מאַסאָנען־לאָזשע פון די „דרייסטע ברידער" אין באָן.

וועגן דער מדרגה פון זייער פריינטשאַפט, וועגן וועגעלערס השפעה אויף בעטהאָוונען, זאָגט עדות זיינער אַ בריוו צום מוזיקער, געשריבן אין די לעצטע טעג פון יאָר 1825. וועגעלער שרייבט דאָרט אַזוי:

„איך הויב אויף צו דיר מיינע אויגן, ווי צו אַ העלד און איך בין גליקלעך צו קענען היינט זאָגן — זיין אַנטוויקלונג האָט נישט אויסגעמיטן מיין איינפלוס. ער האָט מיר אַנפאַרטרויט זיינע טרוימען און זיינע אַמביציעס. און שפּעטער, ווען מען האָט אים אַזוי אָפט נישט פאַרשטאַנען, האָב איך אָבער גאַנץ גוט געוווּסט וואָס ער וויל".

אַז וועגעלערס השפעה איז אויך באַפאַרבט געווען מיטן גייסט פון די

„דריי רינגען" פון לעסינגס „נאַטאַן", קען קיין צווייפל נישט זיין. דערויף זאָגט עדות דער לעבנס־גאַנג פון דעם נאָבעלן דאָקטער, דעם מאַסאָנער, דעם מענטש פון פאַרשריט און באַנייאונג.

אין דעם געשאַפענעם דורך אים מאַסאָנען־ליד — „ווער איז אַ פרייער מענטש ?", געזונגען לויט בעטהאָווענס מוזיק, הערט מען וועגעלערס אני מאמין :

„וואָס וויל דער מאַסאָנען־בונד ?
דורך ביישפּיל און לערע
דעם מענטשהייטס־ווערט
אויף דעם דאָזיקן ערד־קיילעך באַהויפּטן ;
דאָס וויל דער מאַסאָנען־בונד !".

(פרייע איבערזעצונג — ע. פ.)

אַז בעטהאָווען האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט וועגעלערס ביישטייער צו זיין אַנטוויקלונג, אַז ער האָט הויך געהאַלטן זיין פריינטשאַפט און וועגעלערן דערפאַר דאַנקבאַר געווען, איז אַ סימן בעטהאָווענס אַ בריוול פון יאָר 1800. ער שרייבט דאָרט :

„...איך זאָל דיך אַמאָל קענען פאַרגעסן ? אָדער גאָר, אייך אַלע ? (די גאַנצע פאַמיליע ברונינג), — איר זענט מיר אַזוי טייער. ניין ! דאָס איז נישט צום גלויבן...".

בעטהאָווען האָט זיי אַלע טאַקע קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

מיר געפינען אינעם געזעגנס־בוך דעם יונגן יאָזעף יאָהאַן אייכהאָף, אַ ברודער פון דעם טאַלאַנטפולן און פייערדיקן זשורנאַליסט פון דער „אויפקלערונג". ווי מיר האָבן שוין געשילדערט, איז דער דאָזיקער זשור־נאַליסט געווען אַ שם דבר אין דעם גאַנצן רהיין־געביט. ער האָט מיט זיין פעדער אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף אַלע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן אין לאַנד. מיטן גאַנצן פייער פון זיין טעמפּעראַמענט, האָט ער מיט זיי מלחמה געהאַלטן. ער האָט צומערשט געלייטעט, ווי מיר געדענקען, די

„בענישע ליטעראַטור און קונסט צייטונג", וואָס די מאַכט האָט אָפּגע־שטעלט, נאָך אַ צייט פון זעקס מאָנאַטן דערשיינען, צוליב איר שאַרפן טאָן. שפּעטער, האָט ער אַרויסגעגעבן דאָס „בענישע אינטעליגענץ־בלאַט" און די „מאַטעריאַלן צור גייסט און וועלטליכען סטאַטיסטיק". ס'ווערט אָנגעוויזן, אַז

„דער כסדרדיקער קאַמף פאַר רעליגיעזער טאָלעראַנץ איז געווען איינע פון די הויפּט־זאָרגן פון די דאָזיקע אויסגאַבן" (1).

בעטהאָווענס פריינט, יאָזעף יאָהאַן אייכהאָף, דער ברודער פון זשור־נאַליסט, איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן אויפגענומען די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי און געשטעלט זיך צו איר דינסט.

צו יענער צייט, ביי די פאַרגעשריטענע אין לאַנד, איז דאָס נישט געווען קיין סימן פון נאַציאָנאַלער בגידה. שרייבט דאָך געטע אין זיין בוך: „הערמאַן און דאָראָטעאַ":

„די פראַנצויזן זענען אָנגעקומען; אָן איינדרוק האָבן זיי גע־מאַכט, ווי זיי וואָלטן מיט זיך געבראַכט — די פריינטשאַפט. און באמת האָבן זיי דאָס מיט זיך געברענגט. זייער אַלעמענס נשמה איז געווען פול מיט התרוממות. זיי האָבן מיט שמחה געפלאַנצט ביימער פון פרייהייט. זיי האָבן יעדן צוגעזאָגט גלייכע רעכטן און אָן אייגענע סוווערענע רעגירונג. די האָפענונג פאַר דער צוקונפט האָט געפלאַטערט אַרום אונזערע אויגן און געלאָקט אונזערע בליקן צו ניי־אויפגעעפנטע וועגן".

אַזוי שילדערט דער דייטשער פּאָעט די געפילן פון דער רהיינישער באַפעלקערונג אין קאָנטאַקט מיט די אַרמייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

---

1. W. Dotzauer, Bonner aufgeklärte Geselschaften und geheime Sozietäten.

הכלל, דיביידע איכהאָפּס זענען מאַסאָנער־מיטגלידער פון דער מאַסאָנען־לאָזשע די „אילומינאַטן״ — און שפּעטער, צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „לעזעגעזעלשאַפט״. ביים נייעם פּאָליטישן סדר געפינט מען זיי ביי די „דרייסטע ברידער פון אָריענט״. ביידע האָבן זיי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אונטער דער פראַנצויזישער מאַכט אין באָן און שפּעטער אין דער א. ג. „טראַנס־רהיינישער רעפּובליק״. אין דער רעפּובליק יעצט, האָבן די צוויי ברידער געווירקט בהסכם מיט זייערע הומאַניסטישע און דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען. יאָזעף יאָהאַן איז געוואָרן, צום ערשט, בירגערמייסטער פון באָן, און נאָכער — דער אונטער־פּרעפעקט פון דער גאַנצער געגנט.

אינעם געזעגן־בוך געפינען מיר אויך אַ יונגערן פאַן מאַסטיאַ, וואָס איז געגאַנגען אין די דרכים פון ברודער, דעם ראש המדברים פון דער „לעזעגעזעלשאַפט״.

דאָרט, אינעם געזעגן־בוך, דערשיינען צוויי הויף־מוזיקער, פראַנץ אַנטאָן ריעס און ניקאָלאַוס סימראָק, ביידע „אילומינאַטן״־מאַסאָנער און פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „לעזעגעזעלשאַפט״ אין באָן, שפּעטערדיקע מיטגלידער פון די „דרייסטע ברידער״.

ס׳ווייזט אויס, אַז די פּירשטלעכע קאַפּעליע אין באָן איז גאָרנישט געווען אַזאַ מקום פון גליק, נייערט אַ ווינקל פון אומצופרידנקייט און רעוואָלט. דער געזעלשאַפטלעכער מעמד פון אַ מוזיקער איז, ווי מיר ווייסן, נישט קיין געהויבענער צו יענער צייט. פון זיין קונסט האָט מען טאַקע גאַנץ שיין געוואָלט הנאה האָבן אינעם פּרינצישן הויף, אָבער קיין יחסן איז ער, דער מוזיקער, נישט געווען!

אין באָן, גענוי ווי אין דער גאַנצער פעאָדאַלער וועלט, האָט מען דעם מוזיקער באַטראַכט און באַהאַנדלט — ווי הויף־משרתים. זיי האָבן געטראָגן אַ בגד פון אַ באַדינער, אָפט מאָל, צוליב עקאָנאָמיע, אַ געניוג אָפּגעטראָגענעם. מיטן געהאַלט איז אויך נישט געווען אַזוי פּויגלדיק. בכדי צו דערגיין צום אויסקומעניש, האָט מען געמוזט אָנקומען צו זייטיקע פּרנסות. בעטהאָווענס זיידע, למשל, האָט אונטערגעהאַנדלט מיט וויין. נעפע, בעטהאָווענס רבי און מורה־דרך, איז געווען אַ מעקלער פון קלאַווירן.

לאָמיר זיך דערמאָנען — בכדי צו לינדערן די דאגות פרנסה, האָבן די צוויי הויף מוזיקער, בעטהאָוונס פאָטער און דער „יוד ב. באַרוך סאַלאָמאָן", נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו נעמען זיך צו אָפּערע־פאַרשטעלונגען אויף אייגענעם חשבון.

ביי אַזאַ קלאָגעדיקן מעמד, ביי אַ לעבן אין דחקות, איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די צוויי הויף־מוזיקער — ריעס און סימראָק — זענען געוואָרן ראַדיקאַלע חסידים פון דער באַנייאונגס־מחנה און, ווי אויסגעשפּראָכענע שונאים פון פעאָדאַליזם, געווירקט אים צו באַגראָבן.

ווען דער פירשטלעכער סיסטעם האָט זיך איינגעבראָכן, איז ריעס, דער הויף־מוזיקער פון נידעריקן סאָציאַלן שטאַפּל, דורך וואַלן, דערהויבן געוואָרן צו דעם כבוד פון אַ ראַטמאַן אין שטאָט־ראַט.

ריעס, זאָגט מען, איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער נייער מאַסאָנען־לאָזשע „די דרייסטע ברידער פון אָריענט" אין באָן. די לאָזשע אין באָן ווערט באַשריבן ווי אַ מוסטער פון בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע. דאָרט האָט געהערשט אַ זעלטענע האַרמאָניע צווישן אַלע אירע מיטגלידער.

דער צווייטער הויף־מוזיקער, סימראָק, איז אונטער דער נייער רעפּובליקאַנישער מאַכט דערהויבן געוואָרן צו אַ גאָר אָנגעזעענעם מענטשן. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער העכערער מלוכה־אַדמיניסטראַציע.

נאָך ביים פעאָדאַלן סדר איז ער געווען אָנגעשטעקט מיט די פראַנצויזיש־רעוואָלוציאָנערע אידעען. און זיי האָבן באַשטימט דעם סאָציאַל־פּאָליטישן ראַדיקאַליזם זיינעם.

דער דאָזיקער מענטש איז סתם עפּעס געווען אַ חסיד פון נייעם פראַנקרייך, פון דער פראַנצויזישער שפּראַך און איר קולטור. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין דער גאַנצער פראַנצויזישער פּרעסע פון בשעתו. ער פלעגט איבערגעבן באַריכטן פון דער דאָזיקער פּרעסע אויף די זיצונגען פון דער „לעזעגעזעלשאַפט". ביי אים אין שטוב האָט מען נאָר גערעדט פראַנצויזיש. אַפילו זיינע דריי טעכטער האָט ער חתונה געמאַכט מיט... פראַנצויזישע בחורים!

אָט, וואָס הייסט אַ פּאַטריאָט פון פראַנצויזישקייט!

ריעס און סימראָק, געטרייע און טיכטיקע מיטאַרבעטער פון בעט־

**האָונס מורה־דרך, ק. ג. נעפע, האָבן הייס פּראָפּאַגירט זיינע ראַדיקאַלע תורות. און, ווען זיי זענען געשטאַנען ביי די אַדמיניסטראַטיווע און פּאָלי־טישע פונקציעס אין שטאַט, האָבן זיי, ווי „דרייסטע ברידער פון אָריענט״, איינגעפּירט זייערע השקפות אינעם לעבן.**

**אַ לאַנגע צייט האָבן די משפחות בעטהאָווען, ריעס און סימראָק געווינט בשכנות.**

„די רוים־נאָענטקייט — שרייבט וו. דאָצאָוער — און די זעלבע קינסטלערישע נייגונגען האָבן זיך דאָ פאַרבונדן מיט פאָרגע־שריטענע גייסטיק־אַקטיווע אַספּיראַציעס, וואָס האָבן אַ תיקון באַ־קומען אין זייערע שפּעטערדיקע מאַסאָנען אָנגעהעריקייט״ (נוגע סימראָק און ריעס) (1).

**די פריינטשאַפט צו בעטהאָוונען מצד ריעס און סימראָק האָט זיך קיינמאָל נישט איבערגעריסן. קינדוויז, האָט דער קליינער לודוויק זיך געלערנט שפּילן פידל ביי ריעס. אין די שפּעטערע יאָרן, האָט ווידער בעטהאָוון געלערנט קלאַוויר־שפּילן דעם גערעכטעגעם זון פון זיין רבין, ריעס, אַ בחור וואָס איז געגאַנגען אין דעם טאַטנס אידעאישע דרכים.**

**דער יונגער ריעס און בעטהאָוון זענען פריינט געווען אויפן גאַנצן לעבן. דער יונגער פערדינאַנד ריעס איז געווען פון די ערשטע צו פּאָ־פּולאַריזירן זיין רבינס קונסט איבער דער וועלט. עטלעכע יאָר נאָך בעטהאָוונס טויט, האָט פערדינאַנד ריעס צוזאַמען מיט דעם דר. וועגעלער אָנגעשריבן אַ בוך — „ביאָגראַפישע נאָטיצן״. דאָס איז געווען דער ער־שטער פּרווו צו פאַראייביקן דעם זכרון פון זייער בן־עיר. אינעם בוך האָבן די מחברים דעם טראָפּ געלייגט אויפן הומאַניזם פון זייער גרויסן פריינט.**

**אין זיין שלוס־וואָרט, שרייבט וועגעלער אַזוי:**

„אין דעם ווערק פון בעטהאָוון לעבט זיין גאַנצע נשמה; ער האָט אין זיינע ווערק אַריינגעלייגט זיינע פריידן און ליידן. זיי

1. **W. Dotzauer, Bonner aufgeklärte Geselschaften.**

זענען זיין אמתע ביאָגראַפיע. די אמתע געשיכטע פון אַלעם, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, וואָס ער האָט געטאָן און וואָס ער האָט געשריבן — פאַר אַלע פעלקער און אַלע צייטן" (1).

אויך סימראָק איז געבליבן ענג פאַרבונדן מיט בעטהאָווענען אויפן גאַנצן לעבן. ער איז געווען פון די ערשטע פאַרלעגער פון זיין שאַפונג. אין זיין פאַרלאַג איז אויך אַרויס, אונטערן נאָמען „מאָסאַנען פּראָבלעמען". אַ באַנד לידער פון וועגעלערן באַגלייט מיט מוזיק פון בעטהאָווענס שאַפונגען; פון דעם אונטערטיטל מיט פראַנצויזישע איניציאַלן איז צו זען, אַז די אויסגאַבע איז געווען באַשטימט פאַר די „דרייסטע ברידער פון אָריענט" אין באָן. (זע: ג. קינסקי, דאָרט).

די אַלע מקורבים פון דעם יונגן בעטהאָוון זענען זויבערע און ערלעכע בני־אדם, וואָס האָבן דעם „לטובת מיטמענטש" ערלעך פאַרשטאַנען; זיי האָבן דעם באַגריף „מענטשלעכקייט" נישט דערטרונקען אין צביעות. „מענטשלעכקייט" איז דווקא געווען זייער הייליקער אידעאַל — זיי האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ חוב אין לעבן! — דעריבער האָבן זיי זיך אַוועקגעבערענגט און געווען „מיט האַרץ און מיטלייד מיט אַלע פאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע". (י. ל. פרץ). דעם גערודפטן ייד האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ פולבאַרעכטיקטן „מיטמענטש". דאָס האָבן זיי באַוויזןביים אַלטן פעאָדאַלן סיסטעם, און דאָס זעלבע האָבן זיי באַוויזן ביים נייעם סדר, וואָס זיי האָבן געשאַפן און אָנגעפירט צוזאַמען מיט די באַפרייטע תושבים פון דער „יודן־גאַסע".

די אַרבעט פון בעטהאָווענס פריינט לטובת דעם מענטש האָט דער קירכע און אַלע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן אין לאַנד שטאַרק נישט געפעלן. זייט אַ שיינער צייט האָבן די דאָזיקע עלעמענטן געהאַט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם אַל־דייטשן כאָר — קעגן דעם לאַגער פון באַנייאונג און פּראָגרעס; קעגן יידן־פריינטשאַפט און „מענטשלעכקייט".

---

2. Franz Gerhard Wegeler u. Ferdinand Ries. Notizen über L.v. Beethoven. S. 30.

אויפן דייטשן האַריזאָנט האָט שוין גענומען זיך אָנצייכענען דער באַנייטער פינצטערער לאָזונג:

„פאַרשאָלטן זאָל זיין די הומאַניטעט".

אין אַן אַנאָנימער שריפט (1791) א. נ. „איבער דער געפאַר פון דעקאַדענץ וואָס דראָט די טראָנען, מלוכות און דעם קריסטנטום, מצד דעם פאַלשן סיסטעם פון דער היינטיקער אויפקלערונג און דער דרייסטער אָרגאַנען פון די אַזוי גערופענע פילאָזאָפן, געהיימע סעקטעס און געזעל־שאַפטן" — אין דעם דאָזיקן געמיינעם פאַמפלעט מיט אַזאַ לאַנגן פּראָ־גראַמאַטישן נאָמען, איז געזאָגט געוואָרן, אַז די „אויפקלערונג" (דייטשע השכלה — פ.), ברענגט דעם פאָלק „מהומות, רעוואָלט, עקסטראַוואַ־גאַנץ, פאַרלוימדונג, אונטערדריקונג און חוצפה". דער אָנדייט אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און די מורא פאַר איר אָנשטעקונג שלאָגט אין די אויגן. אין דער שריפט, ווערט ווייטער געזאָגט, אַז די „אויפקלערונג" מאַכט די מענטשן „בייז, קאַלט און נאַריש", און אַז זי איז אַ געפאַר פאַר „טראָנען, מלוכות און פאַרן קריסטנטום" — רחמנא לצלן!

די דאָזיקע לייט האָבן אויך אינעם ייד נישט פאַרגעסן. זיי האָבן געזען אין אים די פאַרקערפערונג פון דער נייער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער זיי האָבן זיך געשראָקן. פאַר זיי, איז דער ייד געווען די פאַרקערפערונג פון „בייזן גייסט" און אַלעם שלעכטן.

ס'איז ממש אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן — צו דער זעלבער צייט, ווען די פריינט פון בעטהאָווענען האָבן באַקעמפט אַלץ וואָס זייעט שנאה צו דעם „מיטמענטש", ווען זיי האָבן דערנענטערט דעם איזאָלירטן ייד פון געטאָ, אים אַוועקגעזעצט ביי זייער געזעלשאַפטלעכן טיש, אַוועק מיט אים „אויף דעם וועג צו ליכט", צו אַ נייעם לעבן — אין דער זעלבער צייט האָט שוין דער דייטשער פילאָזאָף פיכטע גענומען רעדן וועגן „נאַרישן פלאַפלעריי" בנוגע אַלגעמיינע מענטשן־רעכט, ווען עס האַנדלט זיך גאָר וועגן דער „מיסטישער נשמה־דערפאַרונג" פונעם דייטשן פאָלק, וואָס אונטערשיידעט זיך פון אַנדערע פעלקער מיט זיין „נאַטור" (געמיינט די „קריסטלעכע" און „גערמאַנישע" נשמה־דערפאַרונג).

דאָס איז געפּרעדיקט געוואָרן אין יאָר 1793.

לויט פיכטע, זענען יידן אַ „מלוכה בתוך אַ מלוכה". דעריבער וואָלט

די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג געווען אַ בפירושע פאַרלעצונג פון „מענטשן רעכט״ (זאָג: „אייגנרעכט״) פון דייטשן פאָלק.

דער דאַזיקער פילאָזאָף האָט אפילו „געזוכט אַן עצה״ ווי אַזוי העלפן די יידן. דעם דאַזיקן „מענטשן־פריינט״ איז נישט געקומען אויפן שכל קיין בעסערער איינפאַל, ווי... אין איין שיינער נאַכט, נעמען און אָפּהאַקן אַלע יידן די קעפּ, זיי אויסרייניקן פון אַלעם יידישן און זיי דערנאָך פריש אַרויסזעצן.

ווען די זיגרייכע רעוואָלוציאָנערע חיילות פון יענער זייט רהיין זענען אַריבער דעם טייך און, אין רעזולטאַט, האָבן די פריינט פון דער יונגן בעטהאָוון גענומען פאַרווירקלעכן זייערע אידעען, ווען בעטהאָוונס פריינט האָבן זיך גענומען צו דער עבודה לטובת אַלע „מיטמענטשן״, זענען זיי, דורך די פינצטערע כוחות פון נעכטן, געלייגט געוואָרן אין חרם אַריין! מען האָט זיי דערקלערט פאַר „פאַררעטער און נידערטרעכטיקע פאַר־שוינען״.

אין יאָר 1798 האָבן די לייט פון נעכטן, אויפגעשטעלט אַ שאַנד־רשימה פון די „אין באָן לעבנדע פרייהייטס־פאַנטאַסטן, פאַררעטער פון פאָטערלאַנד און שעפער פון דער אומגליקלעכער טראַנסרהיינישער רע־פובליק״, וואָס די פאַרגעשריטענע דייטשן אין באָן האָבן אויפגעשטעלט אויף די חורבות פון אַלטן פעאָדאַלן סיסטעם. אין דער דאַזיקער רשימה געפונען מיר גענוג אַ סך נעמען פון בעטהאָוונס דערציער און וועג־ווייזער אין באָן. אָט, דערשיינט דאָרט למשל, דער נאָמען פון ריעס מיט אַזאַ צוזאָץ: „אַ נידעריקער בעל־חניפה, אַ מענטש, וואָס איז פעאיק צום ערגסטן!״. סימראָק ווערט באַצייכנט, ווי „אַ פאַררעטער פון פאָטערלאַנד, אַ מייסטער פון היפּאָקריזיע און נבזהדיקער רשע, וואָס האָט זיך פאַר־קויפט צום שונא״. וועגעלער ווערט באַצייכנט דורך די אידעלע, גוטע „פּאַטריאָטן״, וואָס לייגן אין חרם אַריין, ווי אַ „מענטש פון אַ נידער־טרעכטיקן כאַראַקטער״.

אויף אַזאַ אופן האָט די רעאַקציע קעגן פאַרשריט זיך אַקעגנגעשטעלט די יעניקע, וואָס זענען בייגאַנד מיט זייערע „מיטמענטשן״ פון געטאָ אַוועק מיט אַן „ענערגישן פאַראויסגאַנג צו ליכט״. ווען בעטהאָוונס מדריכים פון באָן האָבן גענומען איינפירן דעם אידעלן אידעאַל פון די „דריי

רינגען״, דעם טרוים, וואָס פאַר דעם „חכם״, ר׳ משה מענדעלסזאָן, איז דאָס די איינציקע רעטונג פאַרן מענטשלעכן מין, האָבן די פינצטערע דייטשע כוחות פון בשעתו זיי אָוועקגעשטעלט מחוץ למחנה און דאָס — ביינאַנד מיטן ייד!

„די הינט בילן און די קאַראַוואַנע גייט ווייטער״, פלעגט זאָגן דער גאון פון באָן, דער געטרייער תלמיד פון די איידעלע דייטשן פון זיין געבוירן־שטאָט.

ווען דער היסטאָרישער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, איז וועגע־לער, דער מאַסאָנער און פריהייטס־קעמפער, ווייטער געבליבן פּראָפעסאָר פון מעדיצין אויפן אוניווערסיטעט אין באָן. ריעס, דער אַמאָליקער „האָף־מוזיקוס״ און לערער פון בעטהאָווענען, דער מיטגרינדער פון דער „לעזע־געזעלשאַפט״ און זייט 1809 ערן־מיטגליד אירער — ער איז דערצו נאָך געוואָרן דער לייטער פון דער „קאָנצערט געזעלשאַפט״ אין באָן. און סימ־ראָק, „דער פאַררעטער פון פאַטערלאַנד״, איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין מוזיקאַלישן פאַרלאַג און אַרויסגעגעבן בעטהאָווענס ווערק, ווי אויך מוזיקאַלישע שאַפונגען פאַר די מאַסאָנען־לאָזשעס.

די אַלע פאַרגעשריטענע און איידעלע דייטשן פון באָן האָבן נישט אויפגעגעבן זייער אַרבעט לטובת דעם „מיטמענטש״. פאַרקערט, כסדר זענען זיי אָנגעגאַנגען מיט זייער וועג און זיך נישט געשראָקן פאַר קיין שום חרם. כסדר, האָבן זיי געזייעט קערנער פון אהבת המענטש, כדי ליכטיק זאָל זיין אויף דער וועלט!

והראיה. אין דער „מאָמענטאַ יודאַיקאַ״, אַרויסגעגעבן אין קעלן אין יאָר 1963, שרייבט לעאָנאַרע שטערלינג, אויף דער טעמע: „דער קאַמף פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון יידן אין דייטשלאַנד״. אין דער אַרבעט ווערט דערציילט וועגן דעם פינצטערן יאָר 1819, ווען איבער גאַנץ דייטשלאַנד האָט זיך צעגאָסן אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען אויף יידן, אַ רעזולטאַט פון דער „קריסטלעך־גערמאַנישער העצע״, וואָס האָט גערופן צו אַ „הייליקן קרייץ־צוג״ קעגן אַלע פרעמדע. צו די פרעמדע, האָבן די מאָדערנע קרייץ־צוגלער, נעבן די פראַנצויזן, פאַררעכנט, ווי דער שטייגער — אויך יידן...

אין פיל דייטשע געגנטן האָט דאָס צעיושעטע פּעבל פאַרוויסט יידישע הייזער און בתי תפילה. אָבער אַ טשיקאַווע זאַך: אין דעם רהיין־

געביט, דאָרט, שרייבט לעאָנאָרע שטערלינג, זענען יידן אָפּגעקומען בלויז מיט אַ ביסל שרעק. אין באַן איז צו קיין שפּיחת דמים און עקסצעסן נישט דערגאַנגען. אָפּנים, אַז פון די ליכטיקע שטראַלן, וואָס בעטהאָוונס מדריכים האָבן לאַנגע יאָרן אויסגעשפּרייט איבער באָן איז אויסגעוואַקסן אַ שוץ־וואַנט, און זי האָט בשום אופן נישט אַדורכגעלאָזט דעם חושך פון האָס און שנאה צום יידישן „מיטמענטש".

## — 9 —

אַז די „לעזעגעזעלשאַפט" אין באַן האָט זיך מתיחד געווען מיט דעם יונגן בעטהאָוון, אַז אירע מיטגלידער האָבן אים משפּיע געווען אידעאיש און אים אויך געהאַלטן פאַר זייעריקן, זאָגט עדות דעם יונגן מוזיקערס קאַנטאַטע פאַר כאָר און אָרקעסטער, געשאַפן אין באַן אין יאָר 1790 — לזכר דעם עסטרייכישן קייסר, יאָזעף דער צווייטער.

יאָזעף דער צווייטער איז געווען אַ פירשט, אַ טרוימער. ער האָט געחלומט צו „טאָן גוטס" די פעלקער פון זיין אימפּעריע. אַפילו אין זיינע יידן האָט ער נישט פאַרגעסן. דער דאָזיקער „דעספּאָטישער באַפרייער" — אמת מיט אַן אויפריכטיקן ווילן — האָט אויפ׳ס כוח געוואָלט גליקלעך מאַכן דעם מענטש; פאַרשטענדלעך — לויט זיינע באַגריפן. אידעאַליס־טישע נייעסן האָט ער געוואָלט איינפירן ביד חזקה, מיט געוואַלד. דערצו האָט ער גענומען אַ קאַנצלער, אַ וואָלטעריאַנער און אַ „דולדזאַמען מאַן". ער האָט זיך אויך אַרומגערינגלט מיט אויפריכטיקע ליבעראַלן — אויפ־קלערער.

איז אָבער די זאַך, אַז דער דאָזיקער פירשטלעכער מענטשן־פריינט האָט נישט געהאַט קיין מזל אין לעבן. זיינע אידעאַליסטישע פּלענער האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין דער וואַנט פון דער אומבויגזאַמער פעאָדאַלער געזעל־שאַפטלעכער סטרוקטור מיט אירע אַריסטאָקראַטישע און קירכלעכע פּריי־ווילעגיעס. האַרט פאַרן טויט, האָט דער פאַרביטערטער קייסר פאַר זיינעם אַ מיניסטער זיך מודה געווען:

„איך פיל זיך רואיק, אָבער אַ ביסל געקרענקט. מיט אַזוי פיל אָנ־שטרענג, אַזוי ווייניק גליקלעכע געמאַכט און אַזוי פיל אומדאַנקבאַרע

באַשאַפן״. ער האָט אַפילו געהייסן אויף זיין קבר אַוועקשטעלן דעם פאָלגנדן עפּיטאַף:

„דאָ ליגט אַ פירשט, וואָס האָט ביי זיין בעסטן ווילן, נישט געקענט קיין איינעם פון זיינע פלענער דורכזעצן״.

און דאָך האָט ער איינגעפירט אין עפנטלעכן לעבן געוויסע רעפאָר־מען, וואָס האָבן אים אַ שם געמאַכט צווישן די אויפגעקלערטע מענטשן אין אייראָפּע. אמת, נאָך זיין טויט, האָבן זיינע יורשים גענומען צוריק־דרייען דאָס רעדל...

דער קייסר האָט אויסגענומען ביים אויפגעקלערטן עולם מיטן באַגרענעצן די השפעות פון דער קירכע; ער האָט אַפילו סעקולאַריזירט צאָלרייכע קלויסטערס. ער האָט אויסגענומען מיטן איינשטעלן אַן אָנפּאַי־ פון טאָלעראַנץ פאַר די נישט־קאַטוילישע גלויביקע. ער האָט רעפאָרמירט דאָס בילדונגס־וועזן און אַוועקגעשטעלט אויפגעקלערטע פּראָפעסאָרן אויף דעם אוניווערסיטעט אין ווין. ער האָט איינגעפירט רעפאָרמען אין דעם געריכטס־וועזן; ער האָט באַדייטנדיק געלינדערט די צענזור און געמאַכט אַ שריט איינצופירן פרייהייט פון אויסדרוק. ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די פאָרגעשריטענע מענטשן אין אייראָפּע מיטן באַפרייען געוויסע פויערים פון לייב־אייגנטום. נאָך אַ געשפרעך מיט לעסינגן, האָט ער איינגעשטעלט אין ווין אַ מלוכה־טעאַטער לויט די כללים פון לעסינגס טעאַטער־שיטה.

הקיצור, יאָזעף דער צווייטער איז, לויט דער מיינונג פון די פאָר־געשריטענע גייסטער, אַוועק אויף אַ דרך פון ליכט!

וואָס שייך די יידן פון זיין אימפּעריע, האָט ער זיי מזכה געווען מיט דעם א. ג. „טאָלעראַנץ פּאַטענט״, תקנות, וואָס האָבן שטאַרק נושא חן געווען ביי אַ טייל יידישע משכילים. אמת, צו פולע בירגערלעכע רעכט איז נאָך געווען פאַלגט מיד אַ גאַנג! דער רוב יידן אַפילו האָבן די־ קייסר מוחל געווען דעם חסד. משה מענדעלסזאָן למשל, איז פון „פּאַטענט״ געווען שטאַרק אַנטוישט, מחמת פון אַלע גליקן איז נישט געווען אין אים קיין זכר פון עמאַנציפּאַציע און אמתער רעליגיעזער טאָלעראַנץ.

אַנדערש האָט אָבער אויסגעזען די זאַך, ווען מען האָט זי באַטראַכט פון דער נישט־יידישער זייט. די פאָרגעשריטענע דייטשן, צוזאַמען מיט אַלע פרייע גייסטער אין אייראָפּע, האָבן אין דעם „טאָלעראַנץ פּאַטענט״ געזען דעם ערשטן טריט פאָראויס אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון יידישן מענטש.

אָט, אַ שטייגער, האָט דער אוהב ישראל, קלאָפּשטאָק, דער דייטשער פּאָעט, געזונגען אַ לויב־ליד צו דעם קייסר יאָזעף:

„רעטער, דו נעמסט אַראָפּ די ענג־פאַרלייגטע קייטן, די פאַר־זשאַווערטע, פון זייער פאַרוואונדערטן אָרעם! / זיי פילן און גלויבן קוים, / אַז געקלירעטע האָבן די קייטן אַרום די עלנדע אַן אַן עק״.
(פרייע איבערזעצונג — ע. פ.).

וואָס שייך די יידן, האָט דער קייסר אויפגעטאָן נאָך אַ זאַך. אין זיין געראַנגל מיט דער קירכע, האָט ער אָפּגעשאַפט די פּלאָג פון אָפּשמדן יידישע קינדער בגנבה. אינעם קייסרס דעקרעט ווערט געזאָגט:

„דאָ ווערן יידן טאָלערירט און דערפאַר מוז מען זיי באַ־האַנדלען ווי אַלע אַנדערע מענטשן״ (1).

בכדי צו באַהאַנדלען דעם ייד „ווי אַלע אַנדערע מענטשן״, האָט יאָזעף דער צווייטער אָפּגעשאַפט אַלטע אַנטי־יידישע געזעצן, וואָס האָבן דערנידעריקט און באַליידיקט דעם כבוד פון יידישן מענטש.

ער האָט אָפּגעשאַפט דעם פאַרבאָט אַרויסצוגיין אין גאַס בשעת די חגאות; דעם חוב צו טראָגן ספּעציעלע מלבושים און דער עיקר, האָט ער אָפּגעשאַפט דעם שענדלעכן אַריינפאָר־שטייער.

די קייסערלעכע רעפאָרמען האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אויף דער פּראָגרעסיווער וועלט, דערונטער אין באַן. מען דערציילט, אַז דער דאָזי־קער אויפגעקלערטער קייסר האָט אויף דעם יונגן בעטהאָוון געמאַכט אַן איינדרוק, גאַרנישט ווייניקער, ווי מאָצאַרט אַליין.

1. Gerson Wolf, Judentaufen in Oesterreich, S. 83.

דער טויט פון יאָזעף דעם צווייטן האָט אין דער וועלט פון פאַרשריט אַרויסגערופן אַ געפיל פון אַ גרויסער אבידה. די „לעזעגעזעלשאַפט" אין באָן האָט באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ גרויסע פייערלעכע אזכרה. צו דעם צוועק האָט זי באַשטעלט ביי בעטהאָווענען אַ טרויער־קאַנטאַטע.

מיר קענען זיך פאָרשטעלן, אַז קאַנדידאַטן אויף אַזאַ באַשטעלונג האָבן אין באָן נישט געפעלט. און דאָך, איז דער אויסוואַל פון דער „לעזע" געפאַלן אויף דעם יונגן בעטהאָוון.

מען האַלט, אַז באַווייגן האָט דאָ דאָס וואָגיקע וואָרט פון עלאָגיוס שניידער, בעטהאָוונס פּראָפעסאָר אויפן אוניווערסיטעט אין באָן. אגב, האָט ער געזאָלט זיין דער בעל ההספד אויף דער אזכרה. שניידער האָט אָפּנים גוט געקענט דעם בחור און ער האָט געוווּסט, אַז ער איז, מחוץ זיין מוזיקאַלישן טאַלאַנט, אויך אידעאיש צוגעגרייט און ראוי צו אַזאַ אויפגאַבע.

אַן אויבערפלעכלעכער בליק בלויז אויפן געבוי פון דער דאָזיקער יצירה דערלאַנגט אַ בילד פון אידעאישן געמיט ביים צוואַנציק־יאָריקן מוזיקער. די דאָזיקע יוגנט־שאַפונג שפּאַרט זיך אָן אויף דער פּאָעמע פון דעם באָנער פּאָעט, אַווערדאַנק, אַ מיטגליד אין דער „לעזעגעזעלשאַפט". זיין שאַפונג, האָט בעטהאָוון איינגעטיילט אין זיבן טיילן:

1. אַ קורצע איינלייטונג, אַן אָרקעסטראַלע. דאַן קומט אַ כאָראַל געזאַנג:

„ער איז געשטאָרבן; זיפצט פעלזן אין דער פינצטערער נאַכט אַריין. און איר — ים־כוואַליעס, רעוועט אין די טיפענישן אייערע, יאָזעף דער צווייטער איז געשטאָרבן".

2. אַ סאָליסט מיט אַ באַס־שטימע — זינגט:

„איז געקומען אַ מאָנסטער, זיין נאָמען איז פאַנאַטיזם; פון שאול התחתיה איז ער אַרויס, ער האָט גענומען וואַקסן צווישן הימל און ערד; און איינגעשטעלט האָט זיך די נאַכט".

3. דאַן קומט אַ קוואַרטעט פאַר אַ באַס־שטימע:

„איז געקומען יאָזעף, און צעשמעטערט דעם דראָענדן מאָנסטער וואָס צווישן הימל און ערד".

**דער 4־טער טייל איז באַשטימט פאַר אַ פרויען־שטימע, צוזאַמען מיטן גאַנצן כאָר. זיי זינגען:**

„און די מענטשן האָבן זיך דערהויבן צו ליכט; יעצט דאַן האָט די ערד זיך גענומען דרייען אַרום דער זון און דערוואַרעמט געוואָרן דורך די שטראַלן פון געטלעכקייט״.

**5. דאַ זינגט אַ פרויען־שטימע:**

„ער שלאָפט, ער שלאָפט אין זיין קבר״.

**6. און ווידער אַ פרויען־שטימע:**

„ער רוט, דער, וואָס האָט געזוכט דאָס גליק פון דער מענטשהייט״.

**אין דער 7־טער טייל, קומט די איבערחזרונג פונעם כאָראַלן אָנהויב־געזאַנג; און דאַן, פירט בעטהאָוון אַריין עטלעכע מוזיקאַלישע וואַר־יאַציעס.**

**וועגן דער דאָזיקער קאַנטאַטע שרייבט אַרנאָלד שמיץ („בעטהאָוון״, באָן, 1927):**

אים, (בעטהאָוונען), האָט פאַרכאַפּט דער גרונט־געדאַנק, דאָס בילד פון יאָזעף דעם קעמפּער, וואָס איז אַוועק אין אַ געראַנגל קעגן דעם אומגעהויערן „פאַנאַטיזם״, און בייגעקומען אים אין נאָמען פון דער הומאַניטעט. בלויז אַרום דעם דאָזיקן בילד, און איינציק אַרום דער דאָזיקער טעמע און אידעע, האָט זיך דאָ צע־פלאַמט אַ מוזיק, וועגן וועלכער מען קען זאָגן, אַז צום ערשטן מאָל איז זי דער גאַנצער בעטהאָוון. דאָס איז געווען די געבורט־שעה פון זיין גאונות״.

**אויך טייער, דער גרונטיקער פאָרשער פון בעטהאָוונען שרייבט, אַז אין זיין קאַנטאַטע, איז דער יונגער בעטהאָוון געווען „באַטייליקט מיטן גאַנצן האַרץ״. זיין שאַפונג האָט אויסגעדריקט זיינע הומאַניסטישע געפילן פון בשעתו. מיט האַרץ האָט דער יונגער גאון געזונגען אַ לויב דעם קייסר יאָזעף, וואָס האָט צעשמעטערט דעם דראָענדן „מאָנסטער״ מיטן**

נאָמען „פאַנאַטיזם״; אַ לויב האָט ער געזונגען צו דעם יעניקן, וואָס האָט דערהויבן דעם מענטש צו „ליכט״.

ס׳קען זיין, אַז ווען אָווערדאַנק, דער מיטגליד פון דער „לעזעגעזעל־שאַפט״ — דער „גענאָסע״ פון ר׳ משה וואָלף, דעם רופא, איז געזעסן און געדיכטעט די פערזן צו דער קאַנטאַטע, האָט ער אפשר אַ טראַכט געטאָן אויך וועגן יחס צווישן דעם קייסר און זיין יידישן „טאָלעראַנץ פּאַטענט״.

ס׳קען אויך זיין, אַז ווען דער גאון פון באָן האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנץ וועזן אין דער שאַפונג פון זיין קאַנטאַטע, האָט ער אויך אין דעם דאָזיקן יחס נישט פאַרגעסן.

אַז די קאַנטאַטע איז פאַר דעם מוזיקער געווען אַ זעלטענע איבער־לעבונג, זאָגט עדות דער פאָלגנדער פאַקט. אין אַ דרייצן־פערצן יאָר אַרום, ווען בעטהאָווען וועט זיך פאַרנעמען מיטן שאַפן זיין מייסטער־ווערק — די אָפּערע „פידעליאָ״, דעם הימען־געזאַנג צו דער פרייהייט, וועט ער זיך דערמאָנען אין זיין יוגנט־יצירה, אין דער קאַנטאַטע לזכר יאָזעף דעם צווייטן. ער וועט נעמען די אָנפאַנגס־אַקאָרדן פון דער קאַנטאַטע און זיי אַריינשטעלן צום אָנהויב פון דער באַרימטער תפיסה־סצענע פון „פי־דעליאָ״, און די טעמע פון דער סאָפּראַן־שטימע, וואָס זינגט: „און די מענטשן האָבן זיך דערהויבן צו דער ליכט״, וועט ער לעבעדיקערהייט, קלאַנג צו קלאַנג, אַריבערפירן אינעם טריאומף־פינאַל פון זיין איינציקער אָפּערע־שאַפונג.

דער אויפשטייג צו ליכט און צו פרייהייט — די צוויי טעמעס — פאַרבונדן דאָס ווערק פון בעטהאָווענען בעת דער יוגנט־צייט מיט זיין ווערק פון רייפקייט. דאָס זענען צוויי טעמעס, וואָס האָבן דאָמינירט אין דער פאַרגעשריטענער „לעזעגעזעלשאַפט״ אין באָן.

**— 10 —**

ווי געזאָגט, האָט זיך בעטהאָווען אויסגעבאָוועט אונטער דער פולשטענ־דיקער השפעה פון הומאַניסטישן לאַגער אין באָן. דאָרט, אין יענע קרייזן, האָט ער זיך — גייסטיק און קינסטלעריש — געשטעלט אויף די פיס.

מיר האָבן געזען, ווער זענען געווען זיינע דערציער. מיר האָבן באַ־

קענט די אויסקנעטער און פורעמער פון זיין באַוווסטזיין. מיר האָבן געזען די אַלע, וואָס האָבן אים געוואָרנט נישט איינצושליסן זיך — בלויז און איינציק — אינעם טורעם פון קינסטלערישער אויסווירקונג. אַ פולער מענטש צו זיין, האָבן זיי אים געלערנט, אַ מענטש מיט אַ פרייען בליק אויף די אַלגעמיין מענטשלעכע דאגות. דאָס האָבן די פּאָרגעשריטענע דייטשן פון באַן אים געמאַכט פּאַר אַ שטאָלצן און דרייסטן מענטש, וואָס וועט קיינמאָל זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַ געשריי צו טאָן — ניין! — ווען דער כבוד פון בן־אדם איז אין געפאַר.

מיר האָבן געזען, אַז דער וועג פון בעטהאָווענס מדריכים איז געווען דער ליכטיקער וועג, וואָס פירט אָוועק דעם מענטש צו שלום־בית בין אדם לחברו, צו פריינטשאַפט און רעספּעקט בין אומות ואמונות. די דאָזיקע אײדעלע דייטשן פון באָן, אויב זיי זענען געגאַנגען מיטן וועג פון לעסינגס „דריי רינגען״, איז ווייל, ווי אויפריכטיקע הומאַניסטן, האָבן זיי נישט געקענט מסכים זיין מיט דער עוולה פון פעאָדאַליזם כלפּי דעם יידישן מענטש. די אונטערדריקונג פון דער קליינער יידישער מינדערהייט, איז לויט זייערע אויפקלערערישע באַגריפן, אין סתירה געווען צו די באַגריפן פון ריינעם שכל, פרייהייט און מענטשלעכער ווירדע. פאַר דער העגעמאָניע פון שכל, פאַר פרייהייט און מענטשלעכער ווירדע האָבן זיי זיך אָוועק־געבערענגט זייער גאַנץ לעבן. „פרייהייט פון גייסט און פון גלויבן״ איז געווען זייער פאָן. דורך באַזייטיקן אַלע רעליגיעזע פּאַראורטיילן, דורך אָפּשטויסן דאָגמעס, האָבן זיי געהאָפט אויפצושטעלן אַ וועג צו דער אמתער דערקענטעניש פון גאָט, און אַזוי אַרום פאַרברידערן די מענטשן.

חסידים פון לעסינגס „קריסטלעכער רעליגיע פון שכל״, זענען זיי שוין במילא געוואָרן געטרייע תלמידים פון לעסינגס תורה, ווי אויך פון די תורות פון זיין יידישן פריינט, ר׳ משה מענדעלסזאָן, דעם „בערלינער סאָקראַטעס״, דעם „חכם״ פון „נאַטאַן דער ווייזע״.

ביי אַזאַ שטייגער, איז רעכט צו טראַכטן, אַז ביים דערנערן „די וואָרצלען פון זיין גאַנצער, מענטשלעכער און קינסטלערישער עקזיסטענץ״, וואָרצלען, וואָס „אַנקערן ביים רהיין״, ווי ס׳זאָגט ל. שידערמאַיר אין זיין בוך „דער יונגער בעטהאָווען״, האָבן די וועג־ווייזער פון דעם יונגן גאון אַריבערגעטראָגן אויף זייער תלמיד דעם אייגענעם אַני מאמין און אויך

איינגעפלאָנצט אין אים די יידישע סובסטאַנץ. אויף דעם וועג, איז דאָס יידישע געוואָרן איינס פון די עלעמענטן, וואָס האָט געדינט אויסצופאָרעמען דעם הומאַניסטישן האָריזאָנט ביי בעטהאָווענען.

באַדייטנדע יידישע השפעות ווירקן אויף דער גייסטיקער דערציאונג פון יונגן בעטהאָוון. אַנדערש האָט דאָס באַלד גאָרנישט געקענט זיין! ס'האָט אַנדערש נישט געקענט זיין, ווייל בעטהאָוון איז אַ קינד פון אַ גאַנץ באַשטימטער השכלה־תקופה אין באָן; דאָרט זיצט דער ייד, צוזאַמען מיטן אויפגעקלערטן דייטש, ביי איינעם און דעם זעלבן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן טיש, און זיי טראַכטן בייניאַנד, ווי אַזוי ברענגט מען די ישועה פאַרן מענטש?

ס'האָט אַנדערש נישט געקענט זיין, ווייל צו ענג באַהאָפטן איז דער יונגער מוזיקער מיט די פּאָרגעשריטענע קרייזן אין באָן, און דווקא מיט די מער ראַדיקאַלע, די אומגעדולדיקע, מיט די, וואָס האָבן גלייך געוואָלט אַן ענדערונג אין זייער לאַנד; מיט די, וואָס ווילן די ערשטע זיין צו באַגריסן די פריייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, ווען זי וועט אַ פּויק טאָן אויף יענער זייט רהיין. צו פיל באַהאָפטן איז דער יונגער בעטהאָוון געווען מיט די, וואָס ווילן אַ שטויס טאָן דעם אָפּגעלעבטן פעאָדאַלן סיסטעם, און ווען קומען וועט די צייט, ווילן זיי אויפשטעלן — צוזאַמען מיט זייערע יידישע „מיטמענטשן" — אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר, און דאָרט וועט שוין דער ייד אויפהויבן דעם קאָפּ און ווערן, מיט לייטן צו גלייך, אַ פרייער, גלייכבאַרעכטיקטער מענטש און בירגער.

„בעטהאָווענס פּאָליטישע אַנשויאונגען וואָרצלען אין דער רעאַליטעט פון דער קורקעלנישער אויפקלערונגס מדינה" — שרייבט ל. שידערמאַיר אין זיין בוך וועגן יונגן בעטהאָוון.

אמת.

זיי וואָרצלען אָבער אויך אין דער געאָגראַפישער רעאַליטעט פון דער רעזידענץ־שטאָט באָן, אין דער פיזישער שכנות, וואָס האָט דעם יונגן בעטהאָוון דערנענטערט, אים צונויפגעפירט מיט דער יידישער רעאַליטעט, מיטן ענגן פּאַרשטויסענעם יידישן געסל פון געטאָ. דער יונגער בעטהאָוון האָט די רעכטלאָזע יידן געהאָט — טאָג איין, טאָג

אויס — אונטער זיינע אויגן. ער האָט ממש, מיט די אייגענע הענט זיינע, אָנגעטאָפּט די יידישע נויט, דעם יידישן אומעט, די גאַנצע יידישע טראַגעדיע — דעם פּועל יוצא פונעם גוייִשן גזר־דין קעגן דעם יידישן „מיטמענטש״.

ל. שידערמאַיר באַטאָנט, אַז שוין דעמאָלט, נאָך אַלס יונגער בחור אין באָן, איז דער מוזיקער געווען אַן „אַקטיווע נאַטור, וואָס באַשרענקט זיך נישט צו זיינע ריין־קינסטלערישע אינטערעסן״, און „אויף וויפל מענטש און קינסטלער זענען ביי אים איינס (דאָס איז דאָך די ערשטע תורה וואָס זיין רבי נעפע האָט מיט אים איינגעקנעלט! — ע. פּ.)... פירט ער דעם הייליקן קאַמף, נישט נאָר פאַר זיין אייגענער פּערזאָן, נאָר פאַר די אידעאַלן פון דער נייער צייט״ — הכלל, פאַר די אידעאַלן, וואָס זיינע מדריכים האָבן אין אים אַריינגעבערענגט. און טאָן, טוט ער דאָס — זאָגט ל. שידערמאַיר — „מיט אַן אינערלעכער איבערצייגונג און גליענדער באַגייסטערונג״!

אויף אַזאַ שטייגער קען מען פאַרשטיין, אַז אַ בחור, ווי בעטהאָווען, וואָס ברענגט זיך אָוועק מיט אַ „גליענדער באַגייסטערונג״ „פאַר די אידעאַלן פון דער נייער צייט״, אַזאַ בחור מוז זיין רעוואָלטירט פון דער פינצטערער „יודן־גאַסע״.

זאָל מעגלעך זיין, אַז די פּאַרוויסטונג פון זיינע יידישע שכנים, אַז די פאַרשעמונג און דערנידערונג פון יידישן מענטשן זאָל נישט האָבן דערנערט זיין קאַמפּס־מאָטיוואַציע קעגן דער אומרעכט, קעגן פאָראורטייל און רשעות פון פעאָדאַלן סיסטעם?

נאָך אין 1770 האָט דער קורפירשט, דער הערשער פון לאַנד, באַפוילן די יידן, אַז אין די טעג פון זונטיק און תגאות זאָלן זיי האַלטן פאַרשלאָסן די טויערן פון דער „יודן־גאַסע״, און נישט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ אין דרויסן! (לאַנדעספּעראָרדנונג 54, 2).

דער יונגער מוזיקער האָט פּערזענלעך גוט געקענט געוויסע יידן פון געטאָ. ווי שייך, האָט ער נישט אַמאָל אַ שמועס געטאָן, מכוח די „קאַניבאַלע געזעצן״ קעגן יידן, מיט שלמה אַנשל פון דער „יודן־גאַסע״, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן ביי אַ לעקציע פון זייער בשותפותדיקן פּראָפעסאָר

— עלאַגיוס שנײדער, וואָס האָט בײדע זײ געכאָוועט מיט תורות וועגן מענטשלעכקייט און רעוואָלוציע!

ל. שידערמאַיר אַרגומענטירט די איבערצייגונגען פון דעם יונגן בעטהאָוון אויפן פאָלגנדן אופן:

„ער געהערט נישט צו די פּריווילעגירטע און אויך נישט צו די קאָרפּאָראַציעס, וואָס פילן זיך באַדראָט פון באַנייאונג און רע־פאָרמען. ער איז ווייט פון די „אַבסקוראַנטן", וואָס זענען קעגן די אויפקלערונגס־שטרעמונגען און שטעלן זיך זיי אַקעגן צוליב אַנטי־פּאַטיע".

זייער ריכטיק!

בעטהאָוון געפינט זיך נישט אין איין לאַגער צוזאַמען מיט די „אַבסקוראַנטן", וואָס אַפּלאַדירן, ווען מען טרעט ווי אַ וואָרעם דעם יידישן מענטש. ניין! בעטהאָוון געפינט זיך אין איין לאַגער דווקא מיט די באַעוולטע און דערנידעריקטע; אינעם זעלבן לאַגער געפינט ער זיך, וואָס שלמה אַנשל און זיין ברודער אורי, וואָס וועלן העלפן ברענגען און איינפירן דעם נייעם סאָציאַל־פּאָליטישן סדר אין באַן.

די דאָזיקע סאָציאַלע רעאַליטעט זיינע האָבן אים אויפגעקלערט זיינע מדריכים אין באָן, און דאָס האָט ער אויך פאַרשטאַנען מסתמא אַליין, ווען טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט ער אַ בליק וואַרפן אויף זיין שכנותדיק געסל — די „יודן גאַסע". און ווייל ער האָט דאָס גוט תופס געווען, האָט ער דעריבער געהאַט „האַרץ, געפיל און מיטגלייד מיט אַלע פאַרטריבענע, מיט אַלע געיאָגטע". (י. ל. פּרץ).

לאָמיר זיך דערמאָנען דעם אויסגעשריי פון פאַרצווייפלטן בעטהאָוון, בעת ער האָט צונויפגעשטעלט די א. ג. הייליגענשטאַטער צוואה אין 1802:

„די גאָטהייט, וואָס קען מיין נשמה ווייסט, אַז אין איר נעס־טעט מענטשן־ליבע"!

דער רעכטלאָזער מעמד פונעם געטאָ־ייד און דער קאַמף פון דעם אויפ־

געקלערטן דייטשנטום פאַר צוריקשטעלן דאָס חשיבות פון דעם יידישן מענטש — אויך דאָס זענען געווען פאַקטאָרן, וואָס האָבן משפיע געווען ביים פורעמען דעם יונגן גאון פון באָן.

דעם אַלט־יידישן הומאַניסטישן ואהבת לרעך כמוך, וואָס דער פשט איז דערפון — מענטשלעכקייט בין אדם לחברו, טאָלעראַנץ און דרך־ארץ פאַרן אַנדערש־גלויביקן, דאָס האָט מיט בעטהאָווענען שוין קינדוויז איינגעקנעלט זיין רבי און מורה־דרך — דער גוטער ק. ג. נעפע, דער קאָמפּראָמיסלאָזער מאַסאָנער, דער שונא פון פעאָדאַלן סיסטעם, דער חבר און פריינט פון דייטשע שרייבער און דענקער, וואָס האָבן אין זייערע שריפטן געפּרעדיקט די רעהאַביליטאַציע פון דעם יידנס מערכה.

שפּעטער, ווען ער איז, אינעם קרייז פון די באָנער הומאַניסטן, באַקאַנט געוואָרן מיט די אידעען פון זיין צייט, און דאָ — לאָמיר נישט פאַרגעסן! — האָט ר' משה מענדעלסזאָן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע; ווען אים איז קלאָר געוואָרן, אַז פון שילערס ווידערשפּעניקייט קעגן טיראַניע און רעליגיעזן פאַנאַטיזם שרייט אַרויס דער צאָרן פון זיין רעוואָלטירטן דור; ווען ער האָט באַנומען דעם טעם פון דעם פונדאַמענטאַלן פּסוק פון קאַנט:

„דער איין און איינציקער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו איז בלויז דער פאָלגנדער: האַנדלען זאָלסטו נאָר לפי אַזעלכע פּרינציפּן, וואָס דיין רצון וואָלט וועלן זען, ווי אַ געזעץ".

און דאָס איז, אין תוך, גאַרנישט עפּעס אַנדערש, ווי דער אַלטער יידישער הומאַניזם, וואָס דריקט זיך אויס לאַפּידאַר אינעם „ואהבת"; זייט דאַן האָט זיך ביי בעטהאָווענען איינגעשטעלט אַ שנאה צום רעליגיעזן אָבסקוראַנטיזם און צו יעדער איינער סאָציאַלער רשעות. און דווקא די דאָזיקע שנאה צום אַנטי־מענטש האָט אים אָוועקגעפירט צו די „דריי רינגען" פון לעסינגס „נתן דער חכם".

און אַזוי איז ער, בעטהאָוון, מיט לעסינגס תורה שוין פאַרבליבן עד יום מותו.

„דאָס געפיל פון מאָראַל און טאָלעראַנץ איז פאַר אים נישט געווען קיין ענין פון אַ צייטווייליקער געזעלשאַפטלעכער קאָנצעסיע — שרייבט ל. שידערמאיר — אַלע עטישע ווערטן, וואָס האָבן זיך ביי אים פאַר דעם (פאַר ווין) אַנטוויקלט, האָבן יעצט באַקומען אַ באַשטימטע ריכט־ליניע. ...אין זיינע בריוו (פון די שפּעטערע יאָרן) קומט ער כסדר מיט די ווערטער „הומאַניטעט" און „מענטשלעכקייט". אין זיינע האַנדלונגען באַמיט ער זיך צו זיין אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון די דאָזיקע צוויי באַגריפן. אין אַן עקסטאַטישער באַגייסטערונג פּראָקלאַמירט ער, אין דער „ניינטער", די עוואַנגעליע פון מענטשן־ליבע, פון מענטשן־פאַרברידערונג, פון שלום אויף דער ערד. אויב איז ער אַנגאַזשירט געבליבן לגבי דעם אידעאַל פון הומאַניזם, איז ווייל ער איז אים אייגן געוואָרן זייט דער צייט פון זיין יוגנט".

ריכטיקע ווערטער!

אָבער בעטהאָווענס הומאַניסטישער האָריזאָנט וואָלט בשום אופן נישט געווען קיין פולער — עפּעס וואָלט אין אים געפעלט — ווען צווישן די זומען, וואָס האָבן געמאַכט אים אויפגייען, וואָלט נישט פאַראַן געווען די ייִדישע סובסטאַנץ, וואָס איז כולל דעם ייִדישן הומאַניזם, וואָס די ייִדן האָבן אייביק, אין אַלע צייטן, הויך געטראָגן, אויף צו להכעיס אַלע צרות, רדיפות אוןליידן.

אָן דער ייִדישער השפּעה, וואָלט בעטהאָווען פאַרקירעוועט צום ראָמאַנ־טישן אָרט הומאַניזם, צו דעם פינצטערן וואַגנעריאַנער „הומאַניזם" פון „קראָמיע יעווריעיעוו". ער וואָלט צום ליכטיקן

„זייט געאָרעמט מיליאָנען!" —

נישט דערגאַנגען.

***

דער הומאַניסטישער האָריזאָנט פון בעטהאָווענען האָט זיך אויס־געפורעמט אין אַ צייט, ווען אין דער דייטשער געזעלשאַפט האָט אָפּגע־הילכט די אידעלע שטימע פון לעסינג, דער נאָבעלער קול קורא פון ר' משה מענדעלסזאָן און דאָס בונטאַרע וואָרט פון יונגן שילער. דער

אויסקלאַנג פון לעסינגס "דריי רינגען", געבויט אויף דער תורה פון ר' משה מענדעלסזאָן, מכוח רעליגיעזער טאָלעראַנץ און אהבת עמים, האָט זיך איבערגערופן מיט שילערס שטורמיש געזאַנג: „זייט געאַרעמט מיליאָנען!".

דער רוף פון די דאָזיקע צוויי דייטשע מענטשן, ערלעכע אידעאַליסטן האָט אין זיך געטראָגן אַ ווענדונג צו די פעלקער און רעליגיעס ענגער צו מאַכן דעם צונויפרעד צווישן זיך.

אינעם רוים פון פאַרגייענדיקן 18־טן יאָרהונדערט הילכט אויס זייער רוף — ווי אַ וואָרנונג. וועט דער האַרמאָנישער צונויפקלאַנג פון די „דריי רינגען" זיך אויסגיסן אין אַ פּערפעקטן אַקאָרד, גייט די מענטשהייט אויף אַ וועג, ווו „אַלע מענטשן וועלן ווערן ברידער". וועט אָבער צווישן די „דריי רינגען" גרילצן אַ דיסאָנאַנס, איז דער וועג אָפן צו אוישוויץ, הירָאָשימאַ און אַלע אַנדערע מעגלעכע גהינומס.

בעטהאָוון, דער מענטש פון דער דאָזיקער דייטשער אידעאַליסטישער תקופה, איז שוין געווען איר לעצטער שליח ציבור; און דאָס אין אַ צייט, ווען ביים סוף פון 18־טן י. ה. און ביים באַגינען פון 19־טן, נעמט זיך שטעלן אויף די פיס אַ מאָדערנער דייטשער נאַציאָנאַליזם, וואָס טראָגט שוין אין זיינע שאָוויניסטישע פאַלדן אַלע זוימען פון דער צוקונפטיקער וועלט־קאַטאַסטראָפע.



בעטהאָוון־סקיצע —

מיט זיין אונטערשריפט.

# ביבליאגראפישע מקורות

## בעטהאָוון


Baensch Otto, — Aufbau und Sinn des Choralfinales in Beethovens 9-ter Symphonie, Berlin 1930.

Bekker Paul, — Beethoven, Berlin 1912.

Berlioz Hector, — Beethoven, Paris 1970.

Buchet Edmond, — Beethoven.

Braubach Max, — Beethovens Abschied von Bonn, Köln, 1970.

Braubach Max, — Die Stammbücher Beethovens und der Babette Koch, Bonn 1970.

Breuning Gerhard, — Aus dem Schwarzspanierhause, Hildesheim, 1970.

Eisler Hans, — Musik und Politik, Schriften (1924-1948), München 1973.

Frimmel Theodor von, — Beethoven-Handbuch 1-2, Hildesheim 1968.

Herriot Edouard, — Beethoven, Paris 1929.

Huch Felix, — Der junge Beethoven, Ebenhausen 1952.

Hulewicz Witold, — Przybłęda boży — Beethoven, Poznań 1926.

Kalischer Alfred Christlob, — Beethoven und Berlin, 1908.

Kaznelson Siegmund, — Beethovens ferne und unsterbliche Geliebte, Zürich 1954.

Kerst Friedrich, — Die Errinerungen an Beethoven 1-2, Stuttgart 1925.

Kinsky George-Halm, — Das Werk Beethovens, — Studien und Materialen zum Werkverzeichnis, München 1978.

Kobald Karl, — Beethoven, seine Beziehungen zu Wiens Kunst und Kultur, Wien 1927.

L'ARC, N° 40, — Beethoven, Paris 1970.

Marliave Joseph de, — Les Quatuors de Beethoven, Paris 1925.

Magnani Luigi, — Les carnets de conversation de Beethoven, Neuchâtel 1971.

Massin Jean et Brigitte, — Beethoven, Paris 1970.

Massin Jean, — Beethoven dans ses sonates pour piano seul, Paris.
Nef Karl, — Beethovens Beziehungen zur Politik, Sontagsblatt der Baseler Nachrichten, Juli 1923.
Nettl Paul, — Beethovens handbook, 1975.
Nettl Paul, — Beethoven und seine Zeit, Frankfurt a/m 1958.
Nottebohm Gustav, — Ludwig v. Beethoven: thematisches Verzeichnis, Leipzig 1913.
Prod'homme J.-G., — Cahiers de conversation de Beethoven. Paris 1946.
Prod'homme J.-G., — La jeunesse de Beethoven, Paris 1927.
Revault D'Allones Olivier, — Plaisir à Beethoven, Paris 1982.
Rolland Romain, — Vie de Beethoven, Paris 1921.
Rolland Romain, — Les grandes époques créatrices 1-7, Edition du Sablier 1930/49.
Schiedermair Ludwig, — Der junge Beethoven, Bonn 1951.
Suarez André, — Les Musiciens.
Thayer Alexander Wheelock, — Ludwig v. Beethovens Leben 1-5, Leipzig 1907/1917.
Vermeil Edmond, — Beethoven, Paris 1929.
Wagner Richard, — Beethoven. Köln 1944.
Wagner Richard, — Eine Pilgerfahrt zu Beethoven, München 1924.
Wegeler Franz Gerhard und Ries Ferdinand, — Biographische Notizen über Ludwig v. Beethoven, Hildesheim 1972.
Wyzewa Teodor de, — Beethoven et Wagner, Paris 1914.

## באן

Becker Alfred, — Christian Gottlob Neefe und die Bonner Illuminaten, Bonn 1969.
Braubach Max, — Joseph Heinrich Crevelt, Bonner Geschichteblätter, B. 24, 1971.
Braubach Max, — Babette Koch-Belderbusch und ihr Kreis, Bonn 1948.
Braubach Max, — Von den Menschen und dem Leben in Bonn zur Zeit des jungen Beethoven und der Babette Koch,

Bonner Geschichteblätter, B. 23, 1969.
Braubach Max, — Max Franz von Oesterreich, Letzter Kurfürst, Bonn 1925.
Dotzauer Winfried, — Bonner aufgeklärte Gesellschaften und geheime Soziätäten bis zum Jahr 1815, Bonner Geschichteblätter, B. 24, 1971.
Henseler Anton, — Andrea Luchesi, der letzter Bonner Hof-Kapellmeister zur Zeit des jungen Beethoven, Bonner Geschichteblätter, B. 1, 1937.
Leux J. - Ch. G. Neefe, Biographie und Instrumental-Kompositionen, München 1921.
Levy Alfred, — Aus Bonner Archiven, Bonn 1929.
Ruckstuhl K., — Geschichte der Lese-und-Erholungsgesellschaft in Bonn, Bonner Geschichteblätter, B. 15, 1961.
Schulte Klaus H.S.. — Bonner Juden und ihre Nachkommen, Bonn 1976.
Schnee Heinrich, — Die Hoffinanz und der moderne Staat. Berlin 1967.

## יידישע פּראָבלעמען

Brisch Karl, — Geschichte der Juden in Köln und Umgebung, Walluf 1973.
Fuks Marian, — Z diariusza muzycznego, Warszawa, Żydowski Instytut Historyczny, 1977.
Hensel Sebastien, — Die Familie Mendelssohn, Berlin 1879.
Hertz Henriette, — Ihr Leben und Erinnerungen, Berlin 1850.
Jacob Heinrich Edouard, — Felix Mendelssohn und seine Zeit, Frankfurt a/M. 1959.
Jacob Rémi, — Mendelssohn, Paris 1977.
Jüdischer Plutarch, Wien 1848.
Jüdischer Lexikon,
Łastik Salomon, — Z dziejów Oświecenia żydowskiego.
Mandel Arnold, — La voie du Hassidisme, Paris 1963.
Mayer Siegmund, — Die Wiener Juden, Wien 1917.
Momenta Judaica, Köln 1963.

Poliakof Léon, — Histoire de l'antisémitisme, — « de Voltaire à Wagner ».
Spiel Hilde, — Fanny v. Arnstein, Frankfurt a/M. 1978.
Wolf Gerson, — Judentaufen in Oesterreich, Wien 1863.

**גרעץ** — געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע, **ב.** 7־8
**דובנאָוו, שמעון** — יידישע פאָלקס־געשיכטע, **ב.** 14 — 13.
**עריק מאַקס,** — עטיודן צו דער געשיכטע פון דער השכלה.
**דר. צינבערג ישראל** — די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן. **ב.** 8 — 7.
**קראַנץ פיליפּ** — לעסינג און מענדעלסזאָן.


## פאַרשידנס


Bianquis Geneviève, — L'Allemagne à l'époque romantique.
Hell Victor, — Schiller, Paris 1960.
Herder J.G., — Idées pour la philosophie de l'histoire de l'humanité, Paris 1962 Aubier.
Herder J.G., — Une autre philosophie de l'histoire, Paris, édition Montaigne.
Lessing, — Nathan der Weise, édition universitaire Aubier, Paris.
Lessing, — Dialogues maçonniques, édition universitaire Aubier, Paris.
Lessing, — Education du genre humain, édition universitaire Aubier, Paris.
Marcel Luc André, — Bach, Paris 1961.
Stael Germaine de, — De l'Allemagne.

# אינהאַלט:


זייט

דער מענטש — דער קינסטלער . . . . . . . . . . . . 15

די „יודן־גאַסע" . . . . . . . . . . . . . . 97

בעת די יאָרן פון באַגינען . . . . . . . . . . . . . 123

## דאַנק־אויסדרוקן:

דעם האַרציקן **משה׳קע באַהעלפּער־באַגעל**, דעם טאַלאַנטירטן קינסטלער, אַ יישר כּוח פֿאַרן אויסצירן מיין בוך.

אויפֿריכטיקע אַנערקענונג מיין ליבן פֿריינד **שמואל ליכטענשטיין**, דעם דרוקער, פֿאַר זיין זאָרג און מי ביים אַרויסגעבן מיין בוך.

CITE IMPRESSION
14, Cité Griset - 75011 PARIS
Tél. : 357-36-53